STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11835

DI ERSHTE HELFT LEBN

Fani Brener

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַני ברענער

✶

די ערשטע העלפט לעבן

פאַני ברענער

די ערשטע העלפט לעבן

אַרײַנפיר־וואָרט — ד״ר י. ח. בילעצקי

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב ✶ תשמ״ט ✶ 1989

Fani Brener

DI ERSHTE HELFT LEBN

צייכענונגען — משה בערנשטיין

©
כל הזכויות שמורות למחברת
Copyright by F. Brener
18/17 Reading, Ramat-Aviv, Israel

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח' ברנר 14, תל־אביב
I. L. Peretz Publishing House
14 Brener St. Tel-Aviv

Printed in Israel, 1989 ,נדפס בישראל תשמ״ט

נסדר ונדפס בדפוס ״שמגר 86״, ת״א

פאַר מיַינע זין
שלמה און בעני —
מיט ליבשאַפט

אַרײַנפיר־וואָרט

אַ וואַנדערוועג פון אַ ייִדישער פרוי אין דער אומקום־תּקופֿה.

פון קאַרטוז־בערעזע ביז סאַמאַרקאַנד איז פּאָלג מיר אַ גאַנג! געזוכט אַ היים אין פּוילן נאָכן חורבן. צען יאָר אין פּוילן, אַ וואַנדערוועג, ווען אַלץ האָט געברענט, און אין יעדן פּלאַץ געזעסן אויף די קלומיקעס מיט בעבעכעס, ווײַל מאָרגן דאַרף מען שפּאַנען ווײַטער.

אַ בוך פון אַ פרוי, וואָס אַנטלויפט ניט פון זיך גופא, פאַרקערט: אַנטלויפט שטענדיק צו איר ייִדישן כּבוד, צו אַלע ווערטן פון איר היים, נאָר אַנטלויפט פון די דײַטשע קוילן און פון סאָוועטישן גן־עדן.

אַ ספר וואָס שושקעט זיך ניט, ליאַרעמט ניט, נאָר דערציילט ווי אַ געניטע דערציילערין, ווי אַזוי זי איז געלאָפן פונעם נאַצישן מחבל, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

אַ חשובער צושטייער צום חורבן־בילד פון ייִדישן שטעטל.

אין גרונט גענומען איז דאָס ייִדישע שטעטל אומעטום געווען איינס — סײַ אין ליטע, סײַ אין פּוילן. ס'איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער לעבן אײַנגעפונדעוועט פון דורות. אײַנגעשלאָסן אין זיך און דאָך פאַרבונדן מיטן גאַנצן אַרום, מיט אַלע גויִשע דערפער, מיט אַלע פעלדער און וועלדער.

דאָ האָט דאָס ייִדישע לעבן פולסירט שטאַרק, מיט אַ סך ענערגיע, מיט אַרויפן און אַראָפּן, מיט אַ שטענדיקער בענקשאַפט צו שענערס, בעסערס, ווײַטערס.

לייענט דעם קאַפּיטל אין ספר „יוגנט אין קאַרטוז־בערעזע", און

איר ווערט זען קאַדיע מאַלאַדאָווסקיס „אַ שטוב מיט זיבן פענצטער"
אין איר געבוירן־שטעטל.

ווען אַ ייִד איז געפאָרן קיין וואַרשע, איז ער דורכגעפאָרן צענדלי־קער ייִדישע שטעטלעך. פון דער ווײַטנס האָט מען געקענט זען אַ באַלויכטענעם בית־מדרש ווו אַ מתמיד לערנט בײַ נאַכט און שמידט די גאָלדענע קייט פון ייִדישן לעבן. ניט אַזוי אין דער חורבן־תקופה — אַנדערע וועגן, אַנדערע אויגן און אַן אַנדער האַרץ, וואָס קלאַפּט מיט פּחד און שרעק.

אַ ספר פון אַ פּרוּוו וואָס האָט געזען און געהערט, און ווי אַן אויפ־געברויזטער שטראָם האָט אין איר געקלאַפּט דער ווילן צו לעבן, דער „רצון חיים", אָנקומען ערגעץ, ווו מ׳קען ווײַטער לעבן, עטעמען, לערנען, דערגרייכן.

אַ זאַפּטיקער ייִדיש. די שפּראַך זשומעט ווי אַ בינשטאָק.

דאָס בוך קוקט שאַרף אויפן אַרום. און דערפאַר זענען די בלעטער אַ וויכטיקער דאָקומענט פון אונדזער חורבן־תקופה. מען דאַרף דעם ספר לייענען און אַרײַנעטעמען מיט אַלע חושים דאָס געראַנגל פון אַ ייִדישער פּרוּוו אויף די אומקום־וועגן. דער עמק־הבכא פון אונדזער לעבן, ווו טײַכן בלוט און ימען טרערן זענען געווען די באַגלייטער, ליגן אין די בלעטער.

שטרויכלונגען און מעשׂים און דראַנג צום לעבן — פון דעם דער־ציילט דער ספר.

ד"ר י. ח. בילעצקי

מייַן היימשטעטל

זומערצייַט. אַ קאָמפּאַניע קינדער שפּאַצירן מיר אָפט צווישן די חורבות פון דער אַלטער פעסטונג — דער מאָנאַסטיר פון די קאַרטוזן — שפּאַצירן און זוכן אוצרות אונטער די אַרומגעוואַקסענע מיט ווילדגראָז שטיינער און מיט מאָך באַדעקטן ציגלבראָך. יעדער געפונען גלאַנציק שטיינדל אָדער שטיקל פאַרביק גלאָז האָט אונדז אויסגעדאַכט, אַז ס'איז אַן איידלשטיין...

אין די ווינטער־אָוונטן, חנוכּה־צייַט, אין דער הייס אָנגעהייצטער שטוב האָט מען געפּליקט פּעדערן און געפּרעגלט שמאַלץ און גריוון פון די געשטאָפּטע גענדז. דערבייַ האָבן מיר, קינדער, זיך אָנגעהערט פאַרשיידענע געשיכטעס וועגן דעם מאָנאַסטיר פון די „הייליקע ברידער" — די קאַרטוזן־מאָנאַכן, וואָס האָבן דעם מאָנאַסטיר אויפגעבויט אין זיבעצטן יאָרהונדערט, אין פירשט סאַפּיעהאַס צייַטן. דער מאָנאַסטיר איז צו גלייַך געווען אַ פעסטונג מיט וואַכטורעמס און הויכע מויערוועגט אַרום. די ווענט פונעם מאָנאַסטיר אינעווייניק — באַדעקט מיט געשליפענעם מאַרמאָר. אויף די דילן — שיינע, פילקאָלירקע מאָזאַיִק־אָרנאַמענטן. פּרעכטיק מעבל, פּרעכטיקע בילדער אויף די ווענט. פּרעכטיקע כּלים און עסגעשיר האָבן די מאָנאַכן געהאַט, און וועגן זייערע אוצרות — גאָלד, בריליאַנטן, איידלשטיינער — זענען אַרומגעגאַנגען אַ סך לעגענדעס.

זוכן מיר בייַ אַ שיינעם וועטער רעשטן פון די אוצרות... בייַ נאַכט אָבער האָבן מיר מורא זיך אַהער צו דערנענטערן, ווייַל נאָכן צעשטערן דעם מאָנאַסטיר זאָלן זיך האָבן באַזעצט אין די חורבות שדים און רוחות. אין דער נאַכט־פינצטערניש קריכן זיי אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, דרינגען אַרייַן אין ייִדישע

הײַזער, באַזונדערש אָבער אין די פערדשטאַלן און טרײַבן אַרײַן די פערד אין אַ שדים־טאַנץ... אַזוי האָבן דערציילט די שטעטלשע בעלי־עגלות.



חורבות פון מאָנאַסטיר „קאַרטוזן־ברידער"

די אַלע דערציילונגען באַגלייטן אונדז בעת מיר דרייען זיך אַרום, נײַגעריקע, צווישן די חורבות פון מאָנאַסטיר, אָבער אָטעמען פרײַער אָפּ בעתן אַרויפקומען אויף די גרינע לאָנקעס וואָס אַרום די חורבות, און בעתן אַרומקוקן זיך אויף דער שיינער געגנט. אַרום און אַרום — הויכע ווײַסשטאַמיקע, קודלעוואַטע בערעזע־ביימער. און טאַקע פון דעם אַלעם — סײַ פונעם פריִער פונקציאָנירנדיקן מאָנאַסטיר, סײַ פון די ביימער שטאַמט דער נאָמען פון אונדזער היימשטעטל — קאַרטוז־בערעזע, אָדער בערעזאַ־קאַרטוזקאַ. מיר, יידן, האָבן דאָס שטעטל גערופן היימיש — בערעזע.

מײַן היימשטעטל — הילצערנע הײַזער מיט שינדלדעכער, בלויז אַ פּאָר צוויי־שטאָקיקע מויערן, אַ פּאָר צענדליק געסלעך און אין מיטן — אַ ברייטע, לאַנגע גאַס — דער שאָסיי וואָס הייבט זיך אָן אין וואַרשע און גרייכט אַזש ביז מאָסקווע.

ליפּעס, בעז־ און אַקאַציע־ביימלער וואָס וואַקסן אין שטעטל, פּילן דאָ און דאָ די לופט זומערציַיט מיט חיותדיקע ריחות. אַלטע דעמבן, קליאָנביימער וואַרפן אַראָפּ אין האַרבסט זייערע געלע און רויטע בלעטער און ס׳דאַכט זיך, אַז זיי באַדעקן די ערד מיט אַ פאַרביקן טעפּער.

אַ וואַרעמען זומער האָבן מיר געהאַט אין דער אַלטער היים. דער ווינטער איז אָבער געווען אַ קאַלטער, מיט אַ סך שניי און פרעסט. אין דער צווישנציַיט — רעגנס. פלעגט אויסקומען צו טאָפּטשען אין דער בלאָטע אויף די ניט־ברוקירטע גאַסן. אויך די הילצערנע טראָטואַרן, וואָס אין די גאַסן אין מיטן שטעטל, האָבן זיך געוויקט אין בלאָטע. אין אַ פינצטערן אָוונט האָט מען געמוזט גיין מיט אַ לאַמטערן, כּדי ניט צו פאַרזינקען אין בלאָטע... ערשט אין די דריַיסיקער יאָרן האָבן די אַרעסטאַנטן פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס מען האָט דעמאָלט אויפגעשטעלט אין אונדזער שטעטל, אויסגעברוקירט טיילן פון עטלעכע גאַסן.

און טאַקע צוליבן קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אונדזער שטעטל געוואָרן טרויעריק באַוווּסט אין פּוילן און אַפילו אין אויסלאַנד.

דערמאָנט דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, מוז מען זאָגן וועגן אים עטלעכע ווערטער. אין 1934 האָט די אַנטיסעמיטיש־פאַשיסטישע פּוילישע „סאַנאַציע" נאָכגעמאַכט אירע „אידעען־ברידער" אין שכנותדיקן נאַצי־דיַיטשלאַנד און אויך אויפגעשטעלט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. פאַרוואַנדלט אין אַזאַ די נאָך פון די צאַרישע ציַיטן געבליבענע צוויי דריַי־עטאַזשיקע געמויערטע קאַזאַרמעס און איין קלענערן מויער ביַים אַריַינפאָר אין שטעטל, ווו פריִער זענען געווען איַינגעקוואַרטירט מיליטער־טיילן. דעם גרויסן שטח אַרום זיי האָט מען אָפּגעצוימט מיט אַ דריַי מעטער הויכן פּלויט פון ברעטער און פון זיַינע ביידע זיַיטן — אַ געוועב פון שטעכלדראָט. די געביַידעס גופא האָט מען ווידער אַרומגעצוימט מיט שטעכל־

דראָט. כּדי צו „פאַרפולקומען" דעם מאָדעל פון אַ קאָנצלאַגער, האָט מען אויסגעבויט קאַרצערן, צום טייל אָנגעפילטע מיט וואַסער, און אויפגעשטעלט אַנדערע פּייניקונג־איינריכטונגען. אַ באַקאַנ־טער, וואָס האָט געהאַט דאָס „גליק" צו פאַרזוכן דעם טעם פון דאָזיקן קאָנצלאַגער, האָט מיר דערציילט, אַז בעת די אויספאָרשונ־גען פלעגט מען פּייניקן די אַרעסטירטע אויף אַ שוידערלעכן אופן. אים האָט מען אַריינגעגאָסן אורין דורך דער נאָז. מען האָט געליטן הונגער. אָנסופיקע מושטרירונגען אויפן פּלאַץ אין די ערגסטע וועטערן. און די צוואַנגאַרבעט! מען האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ פּראָדוקציע פון בעטאָן־פּלאַטעס, צו ברוקירן מיט זיי די גאַסן און אויסלייגן אויף די טראָטואַרן. שווער געווען דאָס גיסן און שלעפּן די בעטאָן־פּלאַטעס אויף די ערטער וווּ מען האָט זיי געזאָלט אויס־לייגן. און אַלץ אונטער אַ קאָנוואָי און קלעפּ.

דער לאַגער איז געווען פאַרויסגעזען בעיקר פאַר קאָמוניסטן, וועלכע מען פלעגט על־פּי־רוב באַשטראָפן „אַדמיניסטראַטיוו", אָן אַ מישפּט. ניט ווייניק ייִדישע בחורים און מיידלעך זענען אַהער אַריינגעפאַלן — פאַר פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע פלוגבלעטלעך, פאַר אויסהענגען רויטע פאָנעלעך ערב דעם ערשטן מײַ, אָדער פאַרן נעמען אָנטייל אין דעמאָנסטראַציעס קעגן רעזשים. צו מאָל האָט מען אויך אַהער אַריינגעזעצט ספּעקוליאַנטן, קרימינעלע פאַרברעכער.

מיר האָבן זיי געזען, די לאַגער־אַרעסטאַנטן בעת מען האָט זיי געטריבן צו דער ברוקיר־אַרבעט אין שטעטל. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט אײַנגעפאַלענע פּנימער... אַגב, בעת מען פלעגט זיי טרײַבן צו דער אַרבעט האָבן מיר געמוזט פאַרציִען די פאַר־האַנגען פון די פענצטער, בכדי ניט צו זען, ווער ס'איז אַרעסטירט און מען זאָל ניט קאָנען איבערגעבן זייערע קרובים און באַקאַנטע. שוין אָפּגערעדט, אַז ס'איז געווען פאַרווערט אויפצוהאַלטן אַ וועלכן ניט איז קאָנטאַקט מיט די אַרעסטאַנטן. ניט קיין וווּנדער, אַז דאָס

וואָרט „קאַרטוז־בערעזע" איז באַלד געוואָרן אַ באַגריף — אַן אָרט ווו מענטשן ווערן דערנידעריקט, געפּייניקט...

די אַרעסטאַנטן זענען געווען באַוואַכט פון הונדערטער פּאָ־ליציאַנטן, וואָס מען האָט אייַנגעקוואַרטירט אַנטקעגן דעם קאָנצלאַ־גער, אויף דער אַנדערער זייַט פונעם שאָסיי, אין ספּעציעל אויפגע־בויטע פאַר זיי הייַזער. מען האָט געשמועסט, אַז זייער צאָל גרייכט צו פינף הונדערט. אויך געהיימע פּאָליציי־אַגענטן, אַזוי גערופענע „שמעקערס", האָבן זיך געדרייט אַרום דעם קאָנצלאַגער און פון אויסבאַהאַלט „געהאַלטן אַן אויג" אויפן אַרום.

די פּאָליציאַנטן האָבן געבראַכט אַ „פּראָספּעריטי" אין שטעטל. שנייַדערס, שוסטערס האָבן געהאַט אַרבעט — גענייט מונדירן, אָפּיצירסקע שטיוול. אין די קרעמלעך האָבן זיך באַוויזן קונים ניט נאָר אין די מאַרקטעג.

דאָס שטעטל איז געווען אָרעם. די אַרומיקע ווייַסרוסישע דער־פער — נאָך אָרעמער. די פּויערים פלעגן צעשפּאַלטן אַ שוועבעלע אויף פיר חלקים. מען פלעגט זיך וויצלען, אַז יעדער ווייַסרוס האָט זיך זייַן אויטאָבוס, ווייַל אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן, פאַר־בונדענע מיט לייַנענע שטריק, גומענע לאַפּטשעס, געמאַכט פון אַלטע אויטאָרייפן.

בדרך־כּלל פלעגן די פּויערים קומען אין שטעטל איין מאָל אין וואָך, אין מאַרקטאָג, עפּעס אייַנצוקויפן און צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. ווער פון זיי ס'האָט געהאַט שיך, פלעגט זיי טראָגן פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע און ערשט אַרייַנקומענדיק אין קאָשציאָל אָדער אין שענק, זיי אָנגעטאָן. זייערע בגדים — ס'רוב פון אייגן־געוועבטן לייַן, אַ שעפּסן־קאָזשוך, אַ סערמעגע; אַן אָפּגעבליאַקעוועט טיכל, אַן אָפּגעטראָגן היטל אויפן קאָפּ.

אין צענטער שטעטל, אויפן מאַרק, האָבן זיך געפונען סטראָ־גאַנעס מיט פּרוכט, גרינס, פיש. וועגענער אָדער שליטנס מיט האָלץ האָבן די פּויערים געבראַכט צום פאַרקויפן אין שטעטל. אויפן

מאַרק זענען געשטאַנען אין עטלעכע רייען ייִדישע קרעמלעך מיט שפּײַז־פּראָדוקטן, קאָנפעקציע, מאַנופאַקטור, אײַזנוואַרג, כּלים.

ייִדן, בײַ פינף הונדערט משפחות, האָבן אויסגעמאַכט אין אונדזער שטעטל מער ווי דרײַ פערטל פון דער באַפעלקערונג. דער רעשט — פּאָליאַקן און ווײַסרוסן. אין די ייִדישע היימען און אויף דער גאַס איז ייִדיש געווען די הערשנדיקע שפּראַך. אַ סך גויִים האָבן פאַרשטאַנען און גערעדט ייִדיש. שבת און זונטיק זענען די ייִדישע קרעמלעך געווען פאַרמאַכט. זונטיק פלעגט מען אין זיי האַנדלען פון הינטער־אַרום.

די אײַזנבאַן איז געווען אָפּגערוקט פון שטעטל. מען האָט גערעדט, אַז די ייִדן האָבן געפּועלט בעתן בויען זי, אַז די באַנסטאַנציע, בלודניע, זאָל זיך געפינען אויף אַ מרחק פון פינף קילאָמעטער פון קאַרטוז־בערעזע, בכדי ניט צו שטערן די שבתדיקע רו...

געווען אין שטעטל עטלעכע גאַנץ פאַרמעגלעכע משפחות. די איבעריקע האָבן געלעבט אין דחקות. געווען מענער וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע זוכן פּרנסה און איבערגעלאָזט זייערע פרויען מיט די קינדער ממש אויף גאָטס באַראָט — אויף הונגער און נויט. איך געדענק, ווי כ׳פלעג ערב שבת אַוועקטראָגן אַ חלה און אַנדערע פּראָדוקטן צו אַזאַ נויטלײַדנדיקער משפּחה און דאָס שטילערהייט אַוועקלייגן אויפן פענצטער...

ייִדן אין שטעטל האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל און מלאָכה — קרעמערס, שנײַדערס, שוסטערס, שמידן. געווען אויך אַן עלעקטראָטעכניקער, אַ זייגער־מאַכער. אין די שטאַלן פון אַ טייל ייִדן האָט מען געהאַלטן בהמות און ציגן. אויך אַ גרינסגאָרטן האָט מען באַאַרבעט. די אייגענע מילכפּראָדוקטן און דאָס גרינס האָבן פאַרלײַכטערט דעם מצב פון אַ סך משפּחות.

מען האָט כּמעט ווי ניט געבויט אין שטעטל. דעריבער איז געווען גאָר שווער פאַר די יונגע פּאָרלעך צו געפינען דירות.

חתונה־געהאַטע קינדער האָבן געמוזט וווינען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן.

ווי אין אַלע שטעטלעך אין פּוילן, ליטע, באַסאַראַביע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אויך אין קאַרטוז־בערעזע פּולסירט אַ פּולבלוטיק ייִדיש געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן. ייִדן האָבן שטענדיק זיך אויסגעצייכנט מיט אַ וואַכעוודיק געפיל פאַר די נויטן פון זייערע פאַלקסברידער און אויפגעשטעלט סאָציאַלע מוסדות צו העלפן נויטבאַדערפטיקע. אַזוי האָבן ביי אונדז עקסיסטירט אַ לינת־הצדק, אַ גמילות־חסדים־קאַסע, אַ קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק; צו העלפן קראַנקע — אַ בית־חולים, אַ פרויען־פאַראיין פאַר סאָציאַלער הילף. איבעריק צו באַטאָנען דעם באַטייַט פון די דאָזיקע מוסדות.

ייִדן האָבן שטענדיק געזאָרגט פאַר דער דערציִונג פון זייערע קינדער. זענען ביי אונדז געווען טעטיק אַ תּרבות־שול אויף עבֿרית און אַ זיבן־יאָריקע שול אויף ייִדיש. יוגנט האָט זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט. געווען אַ ייִדישע ביבליאָטעק. און פאַרשטענדלעך, אַז אַקטיוו זענען געווען פּאָליטישע גרופּירונגען פון לינקס ביז רעכטס. געווען אַ חלוצישע באַוועגונג און בית״ר. ייִדן האָבן געקליבן געלט פאַר קרן־קיימת און אַנדערע ציוניסטישע צוועקן.

דער ייִדישיסטישער סעקטאָר האָט, אויסער זיין שול, אויפגעשטעלט אַ כאָר, אַ ליבהאָבער־טעאַטער, וווּ מיינע עלטערן זענען געווען אַקטיוו ביים שטעלן די ספּעקטאַקלען, גענומען אָנטייל אין זיי. זייענדיק אַ שילערין פון דער ייִדישער שול, האָב איך אָנטייל גענומען אין די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, געזונגען אין כאָר.

ניט ווייניקער ווי די וועלטלעכע, אַזוי האָבן די רעליגיעזע ייִדן געהאַט זייער אינטערעסן־וועלט און באַפרידיקט זייערע גייסטיקע הצטרכותן. זייערע קינדער האָבן געלערנט אין חדרים, אין אַ תּלמוד־תּורה. אין שטעטל זענען געווען עטלעכע, אַלע פון האָלץ געבויטע, בתי־מדרשים: קעגן איבער דעם קליינעם „אַלטן״ בית־

מדרש — דער „נײַער" בית־מדרש; טאַבאַליצקיס בית־מדרש; דער בעל־מלאָכישער בית־מדרש; אַנטקעגן אים — דאָס חסידים־שטיבל. דער קדישא־בית־מדרש, אַ זייער שיין געבויטער, איז געווען ניט ווײַט פון מאַרק; דער „גבירישער" בית־מדרש — אויף דער „גבי־רישער" גאַס.

אין די יום־טובים פלעגן גיין דאַווענען אויך ניט קיין רעליגיעזע משפחות, וואָס האָבן אָפּגעהיט ייִדישע טראַדיציעס.

כאָטש איך שטאַם ניט פון קיין חסידישער משפחה, האָט דווקא דאָס חסידים־שטיבל מיך געצויגן און זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון. געווען אַ סיבה דערצו. שימחת־תּורה איז אויסגעפאַלן מײַנער און מײַן ברודער בערעלעס געבוירן־טאָג. אונדזערע חברים פלעגן קומען צו אונדז אַהיים און יעדערער פון זיי האָט באַקומען אַ מתּנה — אַ פאָן מיט אַן עפּל אַרויפגעזעצט אויפן שטעקל פון דער פאָן, און אַ ליכטל אינעם עפּל אַרײַנגעשטעקט. מיט די פאָנעלעך אין די הענט פלעגן מיר זיך לאָזן צום חסידים־שטיבל, וווּ ס'איז געווען באַזונדערש פריילעך. מען האָט דאָרטן געזונגען און גע־טאַנצט. שטענדיק האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן זינגען און טאַנצן ר' אָשר, דער פאָטער פונעם איצט באַוווּסטן מאָלער און אויך פּאָעט, משהלע בערנשטיין, וואָס זײַנע מאָלערײַען שפּיגלען אָפּ דאָס פריִערדיקע ייִדישע לעבן אין שטעטל און זײַן טראַגישן אומקום. זיי שטעלן מיט זיך פאָר ניט בלויז אַ קדיש פאַר אונדזער היימשטעט־טל בערעזע, נאָר זענען אַ קדיש פאַר אַלע דורך די נאַצישע רוצחים אומגעבראַכטע ייִדישע קהילות.

און אָט ווי משהלע בערנשטיין באַזינגט אונדזער היימשטעטל אין זײַן ליד „מײַן שטעטעלע בערעזע":

כ'קום צו דיר, מײַן שטעטעלע בערעזע,
ווען קוים ס'בלייכט־אויף דער פרימאָרגן,
קום הערן דעם טאַטנס גמרא־ניגון

מיט דער מאָרגן־שירה פון פייגל;
קום איינזאַפּן דעם ריח פון צעבליטע סעדער...
צו אַלץ וועקט מיך מיין זכרון —
צו אַ רויך פון אַ קוימען,
צום גערודער פון בעלי־עגלות וואָס שפּאַנען פערד,
צו מאַמעס וואָס פּאָרען זיך באַגינען אין קיך,
צו די טויבן וואָס וואָרקען אויף דעכער,
צו ייִדן וואָס גייען פאַרפרי אין בית־מדרש
פאַרכטיק און פרום.
צו דיר, ברעזע, קום איך אין שפּעטער נאַכט־שעה
ווען פאָרלער שפּאַצירן לענג־אויס דעם שליאַך,
צום געשעפּטש פון ייִנגלעך און מיידלעך
אויף גאַנעקעס, אין ביימער־געדיכטעניש...
צו די בלאָטיקע געסלעך און גאַסן,
צום טייכל אין שטילן געפליִיץ אַרום שטעטל...
צו דיר, מיין פאַרברענטער ברעזע, קום איך.
מיט בענקשאַפט און ציטער
וויין איך אַריין אין מיינע טעג און נעכט
דיין געוויין, ברעזע...

מיין ליב, מיין אומפאַרגעסלעך היימשטעטל! אַן אָרעם, אָבער שיין, אָרנטלעך, מאָראַליש זויבער, טיף־ייִדיש לעבן האָט פּולסירט אין אים ביז סעפּטעמבער 1939, ווען נאַצי־דייטשלאַנד איז באַפאַלן פּוילן און אָנגעצונדן די מוראדיקע שׂרפה פון צווייטן וועלטקריג. אין זיין בראַנד זענען אומגעקומען זעקס מיליאָן ייִדן און דאָס ייִדישע לעבן אין מיזרח־אייראָפּע.

געווען אַ היימשטעטל, געווען אַ ייִדישע קאַרטוז־ברעזע, געווען און ניטאָ...

אונדזער שטוב

מיר האָבן געוווינט אינעם הויז פון מײַן זיידן, מײַן מאַמעס פאָטער, מאיר־יאָסל זאַלעווסקי. אַ טיפּיש קליינשטעטלש, ניט קיין געפּאָרבן הילצערן הויז מיט אַ גאַנעקל איז עס געווען. פינף צימערן, אַ קיך, אַ פירהײַזל, אַ קליינער שפּײַכלער וואָס זײַן דאַך האָט אין אַווינקל זיך געלאָזט עפענען און באַדעקן מיט סכך. האָט מען געהאַט אַ סוכּה. געווען אַ קעלער, אַ בוידעם אונטערן שינדלדאַך. אויפן הויף — אַ שטאַל צו האַלטן ברענהאָלץ צו הייצן די אויוונס. איינער — אין מיטן שטוב צו באַוואַרעמען אַלע צימערן; דער צווייטער — אין קיך צו קאָכן און באַקן. הינטערן שטאַל איז געווען אַ גאַנץ גרויסער גאָרטן — בייטן צו זעצן גרינס. איך האָב ליב געהאַט צו העלפן זעצן די רעטעכלעך און ציבעלעס בײַ די זײַטן פון די בייטן, מערעלער, בוריקלער, אוגערקעס אין מיטן פון די בייטן — אַלץ צום אייגענעם געברויך. אַרויפצו זענען געווען פאַרזעצט קאַרטאָפל. ביימלער פון קאַרשן און פלוימען, קוסטעס פון אַגרעסן, מאַלינעס, ווײַמפּערלער — בײַ דעם פּלויט אַרום דעם גאָרטן.

אין פאָדערהײַזל איז געשטאַנען אַ גרויסע מעטאַלענע פאַס, וווּ מיכאַל דער וואַסער־טרעגער פלעגט אַרײַנגיסן די צוויי עמערס וואַסער, וואָס ער האָט אָנגעשעפּט אין טײַכל און געבראַכט צו טראָגן אויף אַ קאָראָמיסלע. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ לייטער אַרויפצוקומען אויפן בוידעם, וווּ מען האָט געטריקנט וועש און געהאַלטן אַלע אומנייטיק געוואָרענע זאַכן. איך האָב ליב געהאַט אַרויפצוקריכן אויפן בוידעם זיך ריַען אין די אָנגעוואָרפענע דאָרטן חפצים. און ווי גרויס איז געווען מײַן פרייד, ווען כ׳האָב געפונען

אַן אוצר פון יידישע ביכער, לרוב פּיעסעס. ביים קליינעם דאָכ־פּענצטערל האָב איך זיי גיריק געלייענט און אַנגעלאַכט זיך פון די קאָמעדיעס, אָנגעוויינט זיך פון די טראַגעדיעס און מעלאָדראַמעס. פאַר וואָס האָט מען די דאָזיקע ביכער געהאַלטן אויפן בוידעם? אַוודאי צוליב דער ענגשאַפט אין שטוב. ניט געווען קיין אָרט ווו צו שטעלן נאָך אַ ביכער־שאַפע.

אין שפּייכלער און אין קעלער זענען געשטאַנען פעסער מיט איינגעזייערטע אוגערקעס און קרויט, קרוגן מיט איינגעמאַכטס פון טרוסקאַפקעס און פלוימען.

אין קיך, אין גרויסן אויוון האָט מען געבאַקן חלה אויף שבת און געשטעלט טשאָלנט. אונטערן אויוון איז געווען, ווי געוויינלעך, אַ קאָטוך. אין אים — אַ גרוב צו האַלטן קאַרטאָפל. אַראָפּלאָזן זיך אַהין מיט אַ ליכט, צו די גרילצנדיקע גרילן און צונויפקלייבן אין אַ קוישל קאַרטאָפל, איז געווען פאַר מיר די ערגסטע אַרבעט.

ווי געזאָגט, ס'איז געווען דעם ציידנס הויז. ער מיט דער שטיפבאָבען האָבן געהאַט זייער צימער. אויף דער טיר האָט מיין פעטער, דער מאַמעס ברודער, לייזער, אויסגעקריצט: „מאַדאַם קרופניק־וואַרעניע". ער איז געווען געקומען פון אַרגענטינע צוריק אַהיים צוליב זיין שווערער צוקער־קראַנקייט און געשטאָרבן צו אַכט און צוואַנציק יאָר. ער האָט זיך ניט אויסגעלאָדעט מיט דער שטיפמוטער, וואָס איז געווען שרעקלעך קאַרג. זי פלעגט אין איר בעט באַהאַלטן אייער אין אַ היטל, און אין אַ זאָק — בוימל אין אַ פלעשל.

דעם ציידנס טאָכטער, חיה, איז מיט איר מאַן, דוד גאָלדבערג, אַנטלאָפן קיין לענינגראַד אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן נאָכן פאַר־טרייבן די באָלשעוויקעס. די פּאָליאַקן האָבן אים אַרעסטירט פאַר אַקטיווער קאָמוניסטישער טעטיקייט, בעת דאָס שטעטל איז געווען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, און פאַרמישפּט צום טויט.

מיַין זיידנס משפּחה. עס זיצן פון (לינקס): די באָבע פייגל, דער זון לייזער, דער זיידע מאיר־יאָסל זאַלעווסקי; עס שטייען (פון לינקס): דער זון משה, די טאָכטער וויכנע (מוטער פון דער אויטאָרין), די טאָכטער חיה (קלאַראַ), איר מאַן דוד גאָלדבערג, דער זון דוד

געהאַלטן האָט מען אים אין בריסקער פעסטונג. דער זיידע האָט פאַרקויפט זײַן קו, מיטן געלט איבערגעקויפט די שומרים פון דער תּפיסה, באַפרייט דודן, און אים מיט זײַן פרוי האָט זיך אײַנגעגעבן אַריבערצוגיין די גרענעץ קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

דעם זיידנס עלטסטער זון, דוד, האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע און געוואָרן דאָרטן אַן אַקטיווער טוער אין דער „יוניאָן" פון די קירזשנער אין פילאַדעלפיאַ. דעם זיידנס צווייטער זון, משה, איז טראַגיש אומגעקומען בײַ זײַן אַרבעט אין דער שטעטלשער מיל. ער איז אַרײַנגעדרייט געוואָרן אין אַ טראַנסמיסיע פון אַ מאַשין.

אַזוי אַרום איז מיטן זיידן געבליבן וווינען זײַן יינגסטע טאָכטער, וויכנע, — מײַן מאַמע.

מײַן זיידע — אַן עלטערער ייִד מיט אַ קורץ גרווילער בערדל און גוטע שמייכלענדיקע אויגן. ער האָט געניייט היטלען און זיי פאַרקויפט אין זײַן קרעמל אויפן מאַרק. מען האָט אים גערופן „דער שערשעווער קירזשנער", מחמת ער האָט געשטאַמט פון קליינעם שטעטל שערשעוו, לעבן פּרוזשענע. פאַר מײַנע אויגן איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרצאַטאַק. דער זיידע איז געקומען אַהיים פאַר נאַכט אַ זייער מידער, זיך געזעצט אויף אַ שטול בײַם גרויסן אויוון און מיט הנאה דערציילט פאַר די שטוביקע, ווי איך בין אַרײַן צו אים אין קראָם און געבעטן פינף גראָשן צו קויפן אַ שאָקאָלאַדקע. נאָר אויב ער האָט ניט איצט, וועל איך קומען אַן אַנדערש מאָל... אין מיטן רעדן האָט ער פּלוצעם דערלאַנגט אַ כראָפּע און אַראָפּגעפאַלן פון שטול אַ טויטער.

איבעריק צו דערציילן וועגן דער מהומה אין שטוב. מיך האָט מען אַוועקגעפירט צו די שכנים, די רעזניקס, כאָטש די קינדער האָבן דאָרטן געמאַזלט. „אַלץ איינס מוז אַ קינד דורכמאַכן די קרענק" — האָט געזאָגט די מאַמע.

נאָכן זיידנס טויט איז די שטיפבאָבע אַוועקגעפאָרן צוריק קיין

בריסק, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט און ווו זי איז געווען אַ לערערקע.



די יונגע עלטערן עליע־מאָטיע און וויכנע באָקשטיין מיט דער אויטאָרין

אונדזער משפּחה איז איצט אַליין געבליבן אין זיידנס שטוב — מײַנע עלטערן, וויכנע און עליע־מאָטיע באָקשטיין, איך, פייגעלע, און די צוויי ברידערלעך, בערעלע און לייזערקע. די מאַמע האָט איבערגענומען די ירושה — דאָס הויז און די קראָם. ניט ווייניק זאָרג האָט די קראָם פאַרשאַפט. אַ סך פון די קונים זענען געווען אַרבעטער פון היגן טאַרטאַק, געוועזענע ווײַסגוואַרדיסטן, וואָס

פלעגן אַלץ קויפן אויף באַרג, אויף וועקסלען, און זענען מיט אַ מאָל נעלם געוואָרן. דאָס קרעמל איז געבליבן אָן סחורה, מיט אַ פּאַק ניט קיין געדעקטע וועקסלען. דער טאַטע פלעגט זיי אומזיסט אַרומזוכן, די אַנזעצערס, אין דער אַרומיקער געגנט — אויף אַ שליטן, אויף אַ ראָווער.

אין שטוב ביי אונדז האָט געאַרבעט ביים נייען היטלען דער קירזשנער שיימע קאַגאַן. ער פלעגט זינגען ביי דער אַרבעט חסידי־שע לידער און ניגונים. זינט דעמאָלט האָב איך ליב חזנות. זינגען האָב איך ליב געהאַט. מיין שערער, סאַפּיר, פלעגט מיך אַוועקזעצן אויף אַ ברעטל אויפן שערערשטול און פאַרן אָפּשערן געבעטן אויפזינגען אַ לידל. אָפט פלעג איך אים זינגען:

בײַ מײַן פענצטער, אין מײַן גאָרטן
וואַקסן בלומען אַלע סאָרטן.
איז אַ שטיפער אַנגעקומען
און די בלומען צוגענומען...

און אַז איך דערמאָן מײַן גרויסן גלוסט צו זינגען, קומען מיר אַרויף אויפן זכרון מענטשן, וואָס האָבן אין מיר דעם דאָזיקן גלוסט געשטאַרקט און באַפרידיקט.

ווײַזט אויס, אַז ס'איז געווען בײַ מײַנע עלטערן ענגלער מיט געלט, ווײַל זיי האָבן פאַרדונגען דעם זיידנס צימער צו ערשט דעם לערער שאַפּטאַן מיט זײַן פרוי, דערנאָך דעם לערער באַיאַן מיט זײַן פרוי און קינד. ער פלעגט זינגען זייער קינד שיינע לידעלעך און איך פלעג זיך צוהערן און נאָכזינגען:

אוי, מײַן קעפּעלע טוט מיר ווײ.
אין מײַן קעפּעלע קײַקלט זיך אַן עפּעלע...

ניט ווײַט פון אונדז האָט געוווינט דער מוזיק־לערער לייבל קאַפּלאַן. שעהען־לאַנג פלעג איך אָפּזיצן אונטער זײַן פענצטער

און זיך צוהערן צו די שענסטע אָפּערע־אַריעס און מעלאָדיעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון זײַן גראַמאָפאָן, אָדער גאָר פון זײַן פידל.

די לערערין רחל כמיעל־שאַפּיראָ פלעגט שפּילן אויפן קלאַוויר, פלעג איך ווידער זיך צוהערן צו די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פון דאָרטן געטראָגן. דעם דאָקטער אַריאַנס פרוי האָט אָן געלט געלערנט פעיִקע קינדער שפּילן פידל. אויך אויף דעם בין איך געווען אָנגעשפּיצט.

גאָר ליב האָב איך געהאַט צו זיצן אויפן בריקל בײַ די שכנים — דעם שוסטער קאַגאַן — און צוהערן זיך צום שיינעם זינגען און שפּילן אויף דער גיטאַרע פון זײַנע זין שיימע, שילים און הערשל. זייער שוועסטער מאַכליע איז געווען מײַן בעסטע חברטע. האָב איך געהאַט אַ דריסת־הרגל אין זייער שטוב און געקענט הערן דאָס זינגען און שפּילן פון די ברידער. דער טאַטע, דער שוסטער, פלעגט בײַם פאַרריכטן שיך, זיצנדיק אויפן נידעריקן בענקל בײַם וואַרשטאַט, באַגלייטן זײַן אַרבעט מיט ניגונים. ביז הײַנט געדענק איך דאָס פאָלקסליד, וואָס ער האָט ליב געהאַט:

אַ שטיין אויפן האַרצן וועל איך זיך אָנבינדן
און וואַרפן וועל איך זיך אין פאָסטאַווניק...

ס׳הייסט, אין וואַסער־רעזערוואַר פון די פײַער־לעשער.

אַ גאַס אין קאַרטוז־בערעזע מיטן פאָסטאַווניק

היינט דער בלאָז־אָרקעסטער פון די פייער־לעשער! זיין שפּילן מאַרשן אויף די פּאַראַדן, זיינע רעפּעטיציעס, וועלכע איך פלעג לויפן הערן! עד־היום געדענק איך פון דעם רעפּערטואַר זייערן: „אַ יידענע, אַ יידענע געשטאָרבן מיידלוויַז" און „כ'האָב אַ ווייַב, איז זי צוקער־זיס, חנה־ביילע פון פּאַריז"...

פרייַטיק איז ביי אונדז אין שטוב געווען אַ גערודער. אַ קליי־ניקייט — ערב שבת! די יידיש־רעדנדיקע דינסט, נאַדיע, פלעגט ראַמען די שטוב, וואַשן די דילן, אויסלייגן אויפן ריינעם דיל טרע־טערס. זי פלעגט אויך העלפן דער מאַמען באַקן און קאָכן. איך בין געווען אַ גרויסע נאַשערקע און פלעג מוזן פון דאָס געבאַקענע פאַרזוכן, ווי נאָר ס'איז אַרויס פון אויוון. איך פיל ביז היינט דעם טעם פון יאַגדע־קוכן און פון די קיכעלעך מיט צימרינג. פון קוכן פלעג איך אויסשניידן דעם מיטן, דאָס סאַמע געשמאַקע. אויך ניט פויל געווען אַרויפצושטעלן זיך אויף אַ בענקל און אַרויסנעמען פון דער שאַפע די גרויסע פלאַש מיט ווישניאַק און געבן אַ גוטן זופּ...

פרייַטיק פאַר נאַכט. אויסגעצוואַגענע, יום־טובדיק אָנגעטאָנענע זענען מיר גרייט צו קבלת־שבת. אויפן בלאַנקן טישטעך — צוויי לייַכטער. די מאַמע צינדט אָן די שבת־ליכט. בענטשט... צוויי צוגעדעקטע חלות. ס'געשיר אויפן טיש וואַרט. מיר וועלן עסן געפילטע פיש, יויך מיט לאָקשן, עוף מיט מערן־צימעס, קאָמפּאָט. מיר וועלן זיך משמח זיין און איך וועל קוועלן, ממש צעגיין פון הנאה...

שבת ביי טאָג, נאָכן טשאָלנט און ס'אַנדערע עסן פלעגן טאַטע־מאַמע אַרייַנכאַפּן אַ דרעמל. מיר, קינדער, האָבן געוווסט, אַז ביי אַ שיינעם וועטער וועלן זיי אַרויס שפּאַצירן און אונדז מיטנעמען. ווי אַ כּלל, פלעגן מיר גיין צו די „לינקעס". ס'הייסט, לענג־אויס די באַנרעלסן. נאָדלבביימער זענען דאָ געוואַקסן פון זייערעביידע זייטן, און מיר פלעגן הערן קולות פון יוגנטלעכע, וואָס שטיפן אינעם

ביימער־געדיכטעניש. אַהין און צוריק אין שטעטל פלעגט אויס־קומען צו גיין פאַרבײַ תבואה־פעלדער, באַשפּרענקלטע מיט בלויע קאָרנבלומען. מײַנע חברים און חברטעס פלעגן נאָכמאַכן מײַנע עלטערן, ווי זיי גייען געאָרעמט בעתן שפּאַציר. מיר איז דער פיר פון מײַנע טאַטע־מאַמע דווקא געפעלן געוואָרן. אָבער ביז אויף חברה בין איך ניט געווען וואָס זיי טרײַבן קאַטאָוועס, און איך פלעג מיט זיי מיטלאַכן.

אין דער ייִדישער שול

כ׳געדענק: מיר איז געוואָרן פינף יאָר, נעמט מען מיך צו פון קינדער־גאָרטן און מען פירט אין דער ייִדישער שול. כ׳בין אָנגעטאָן אין מײַן יום־טובדיק ראָז קליידל מיט פאַלדן, טראָג נײַע טופלקעס. אַ שיינער ראָזעווער באַנד אין די האָר. איך בין ערנסט, אָנגעשפּאַנט. דאָס הערצל קלאַפּט שטאַרקער. די אויגן גאַפן, קוקן מיט פאַר־ווונדערונג און נײַגער אויף אַלץ.

די שול — אַן איין־עטאַזשיקער געמויערטער בנין, פון די געציילטע מויערן אין אַ דורכויס „הילצערן" שטעטל, ווי בערעזע איז געווען. וואָס איז דער וווּנדער — די געגנט איז אַ וואַלדיקע, רײַך אין בויהאָלץ.

מען פירט מיך אַרײַן אין אַ צימער: שורות לאַנגע הילצערנע בענק, קאָמבינירט מיט אַ טיש מיט לעבער אויף אַרײַנצושטעלן טינטערס. מיר וועלן דערווײַלע ניט ניצן קיין טינט. מען צעטיילט אונדז אָפּגעשניצטע בלײַערס און העפטן. אַ פײַערלעכע רגע: מיר הייבן אָן לערנען דעם אַלף־בית!

ס׳געדויערט דאָס לערנען גאַנץ לאַנג (אַזוי דאַכט זיך אונדז...). קינדער ווערן אומרויִק. קענען עפּעס ניט אײַנזיצן. נאָר אָט דער אויסלייז — אַ קלונג — די ערשטע הפסקה. די ערשטע אין מײַן שילער־לעבן. מען שיט זיך אַרויס, ווי פון אַ שטײַג, אין דרויסן. מיר שטיפן אויפן הויף פון דער שול. אַ גרויסער פרײַער פּלאַץ. איך באַקען זיך מיט די שילער פון קלאַס. מען באַמערקט ניט ווי די צײַט גייט אַוועק, און נאָך אַ מאָל אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער קלונג, וואָס רופט צוריק אין קלאַס אַרײַן. איך זיץ שוין ווידער אויף דער אויסגעריבענער באַנק און הער זיך צו געדולדיק צו די רייד פון דער לערערין. זי געווינט מײַן האַרץ...



לערערס און טוערס פון דער בערעזער יידישער שול.
עס זיצן (פון רעכטס) די לערערין פעלד, פאָרזיצער פון שולראַט שלמה ווײַנשטיין,
חוה סעגאַל; עס שטייען (פון רעכטס): לייבל באַיאַן, גיטע שאַפּטאַן, אליהו שאַפּטאַן

ביז הײַנט געדענק איך מײַנע לערערס. כ׳האָב שטאַרק ליב געהאַט די לעקציעס פון דער לערערין חנה בילטשיק, וואָס האָט מיט אונדז דורכגעפירט אַ סך שפּאַצירן און דערנענטערט אונדז צו דער נאַטור — צו די סודות פון וואַקסן און בליִען, פון בוים און פלאַנץ, בעלי־חי און מענטש. סײַ אין קלאַס, סײַ אין דרויסן האָט זי אונדז געלערנט צו זען און פאַרשטיין, וואָס און ווער עס רינגלט אונדז אַרום.

איך קען ניט פאַרגעסן דעם מוזיק־לערער לייבל קאַפּלאַן, וואָס האָט מיט אַ סך הצלחה אָנגעפירט מיט אונדזער כאָר און מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

כ׳האָב ליב געהאַט די פּויליש־לעקציעס פון דער לערערין ד״ר רחל כמיעל און פון דער בילד־שיינער לערערין פעלד. מיר איז שטאַרק געפעלן געווען איר לאַנגער פוטער, און איר פלעגן אָפּט געפעלן מײַנע שריפטלעכע אַרבעטן. דאַרף פאַסירן, אין איינער אַ

נאַכט איז אויסגעבראַכן אַ שׂרפה אין שטעטל. דאָס גאַנצע שטעטל איז געלאָפן זי אָנקוקן — ווער טאַקע צו העלפן, ווער אויס פּשוטן נײַגער. איך בין אָבער האַרט געשלאָפן און פאַרשלאָפן די שׂרפה... קיין זאַך ניט געהערט און ניט געזען. אומדערוואַרט פאַרגיט אונדז די לערערין פעלד אַ שריפטלעכע קלאַסן־אַרבעט צו באַשרײַבן די שׂרפה. וואָס טוט מען? זיץ איך אַ לענגערע צײַט אַ פאַרצווייפלטע און שרײַב ניט אָן קיין שורה. ביז כ׳האָב זיך אַ נעם געטאָן, באַשריבן ווי כ׳שטעל זיך פאָר דאָס געשעעניש. ווען די לערערין האָט צוריק־געקערט די העפטן, האָט זי מײַן באַשרײַבונג פאָרגעלייענט פאַרן גאַנצן קלאַס ווי אַן אויסגעצייכנטע שילער־אַרבעט. אַ גליקלעכע בין איך געקומען אַהיים. ניט געטראָפן די מאַמע אין שטוב, בין איך געלאָפן צו איר אין קראָם זי צו דערפרייען מיט מײַן הצלחה.

אַ ביסל האָב איך מורא געהאַט פאַרן עלטערן שטרענגן לערער יונה רעזניק, וואָס האָט מיט אונדז געלערנט חשבון, כאָטש איך בין אויך בײַ אים געווען אַ גאָר גוטע שילערין.

פאַרשטייט זיך, אַז מיטן לערער אליהו שאַפּטאָן, וואָס האָט געוווינט בײַ אונדז אין אַ צימער, בין איך געווען גאָר היימיש. (פאָרט אַ נאָענטער מענטש). ער האָט מיט אונדז געלערנט ייִדיש.

אין די שפּעטערדיקע קלאַסן האָב איך באַזונדערש ליב געהאַט די לעקציעס פון ייִדישער ליטעראַטור. זיך זייער איבערגענומען מיט די דערציילונגען „באָנציע שווײַג״, „אויב ניט נאָך העכער״ פון יצחק־לייבוש פּרץ. שלום־עליכם איז מיר געווען שטאַרק צום האַרצן. „דאָס שטעטל״ פון שלום אַש איז געווען ווייניקער אינטע־רעסאַנט. פאַר קינדער — צו פיל באַשרײַבונגען. מײַן היימשטעטל, אונדזער לעבנס־שטייגער און מענטשן, זענען מיר געווען נעענטער און ליבער...

ווי שוין פריִער געזאָגט, האָב איך ליב געהאַט געזאַנג. און געזאַנג פלעגט מען אויסער דער שול הערן בײַ אונדז אין שטעטל אויף שריט און טריט: אין די שטיבער, זומער פאַר נאַכט, אין

אָוונט — אויף די בריקלעך און גאַנעקעס פון די הײַזער, אין וואַלד און פעלד אויפן שפּאַציר. אַפילו בײַם באָדן זיך אין אונדזער טײַכל יאַסאָלדע... טאַקע אַן אָרעם שטעטל, ווי דער רוב ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן און ווײַסרוסלאַנד, אָבער אַ פריילעכע, אַ צופרידענע מיט דעם וואָס זי האָט. אָט, ווי מען זאָגט אין עברית — השמח בחלקו. ניט געווען בײַ אונדז קיין גנבים, אײַנברעכער. וועגן רוצחים, שוין אָפּגערעדט, אַז זיי זענען ניט געווען בנימצא. משוגעים זענען דווקא יאָ געווען...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער שול. אויף די גרויסע הפסקות פלעגן מיר לויפן צו מלכּה גערשגאָרנס קרעמל קויפן אַ בולקעלע און אַ שטיקל כאַלווע. דאָס איז געווען געשמאַקער ווי דאָס מיטגע־נומענע עסן פון שטוב. אָבער פּריװאַטיק עסן אַלע קינדער אין שטוב און קלאַס — קאַרטאָפל־לאַטקעס. דאָס גאַנצע שטעטל שמעקט מיט די לאַטקעס און טייגעכצער, וואָס מען באַקט אויף שמאַלץ אָדער אייל. „בערעזער טייגעכצער" איז געווען אונדזער צונאָמען. ווי באַוווּסט, האָבן אַלע ייִדישע שטעטלעך ממש „געמוזט" האָבן אַ צונאָמען... אַגב, טייגעכץ האָבן בערעזער קינדער געגעסן יום־כּיפּור, בעת אַלע דערוואַקסענע און יוגנטלעכע האָבן, ווי אַ כּלל, געפאַסט.

אונדזער לערער פון גימנאַסטיק, איצל קאַראַליצקי, האָט זייער פּאָפּולאַריזירט פיזישע קולטור און ספּאָרט. אַ דאַנק אים האָבן געמאַכט בײַ אונדז גימנאַסטיק קינדער, יוגנטלעכע און אַפילו דער־וואַקסענע. אין אַ זאַל אָדער אין דרויסן. מען האָט אַפילו געמאַכט שטאַנגען־ און רינגען־גימנאַסטיק. געשפּילט אויפן הויף פון אונדזער שול האַנט־ און נעץ־באַל. דער מוסקולירטער בחור׳ל חיימקע אַלעקסאַנדראָווסקי פלעגט זיך אויסצייכענען אין די דאַזיקע שפּילן און ניט איינער פון אונדז האָט אים מקנא געווען אין דער שטיל, בעת מיר, קינדער, פלעגן זיצן אויף די צונויפגעוואַלגערטע קלעצער אויפן בויפּלאַץ און צוקוקן צו די שפּילן.

די ייִדישע זיבן־יעריקע שול אין בערעזע האָט געהאַט אַ גוטן

שם אין דער גאַנצער געגנט אַ דאַנק איר איבערגעגעבענעם לערער־קאָלעקטיוו און הויכע רעזולטאַטן פון זייַן דערציִעריש־פּעדאַגאָגישער אַרבעט. דערמיט האָט זי געשטעלט אין שאָטן די אָרטיקע פּוילישע „פּאָוושעכנע״־שול. קענטיק, אַז צוליב דעם טאָקע האָבן די פּאָליאַקן געזוכט אַ תּירוץ צו פאַרמאַכן דעם דאָזיקן וויכטיקן יידישן לערן־אַנשטאַלט. אין איינעם אַ טאָג פאַרן סוף פון שוליאָר 1934 האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ קאָמיסיע און באַשלאָסן, אַז דער בנין איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אַ שול. ס׳דאַרף זייַן אַ לאַנגער קאָרידאָר מיט טירן צו יעדער קלאַס. די קלאַסן־צימערן זענען צו קליין, דאַרפן האָבן גרעסערע פענצטער. און דער אויספיר — ביזן נייַעם שוליאָר מוז מען אַלץ איבערבויען, אַניט וועט מען די שול פאַרמאַכן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ גערודער. מען האָט צונויפגערופן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אויסגעקליבן אַ בוי־קאָמיטעט, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי צו ראַטעווען די לאַגע. דער קאָמיטעט האָט טאָקע באַלד אויפגעשטעלט אַ גענויעם פּלאַן ווי און מיט וועלכע מיטלען איבערבויען דעם שול־בנין. קיין געלט האָט מען פון קיינעם ניט געפאָדערט. פאַרלאַנגט נאָר אומזיסטע אַרבעט, און בוימאַטעריאַלן זאָל דער עולם שטעלן אין רשות פון דער זאַך. און אַזוי איז טאָקע געשען. סטאָליאַרעס האָבן געמאַכט טירן, פענצטער. בעלי־עגלות האָבן צונויפגעפירט ציגל, קאַלך, זאַמד. שלאָסערס האָבן זיך אָנגענומען צוצושטעלן דעם נייטיקן אייַזנוואַרג, און געהאַלטן וואָרט. די אַרבעט גופא האָבן דורכגעפירט אומזיסט אָרטיקע בעלי־מלאָכות — מויערער, טעסלער, דאַכדעקער. די ניט־קוואַליפיצירטע בויאַרבעט האָבן געטאָן דערוואַקסענע. אויך קינדער האָבן געהאָלפן אויסלאָדן בוי־מאַטעריאַלן, גערייניקט די ציגל פון פונאַנדערגענומענע ווענט פון בנין, בכדי זיי ווידער צו פאַרטאָן. זיי האָבן מיט עמערס דערלאַנגט וואַפנע, זאַמד צו די מויערער און טינקער. פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע שטובן־מאָלערס

האָבן אומזיסט אויסגעקאַלכט און אויסגעפאַרבן אַלע צימערן און קאָרידאָרן. די דערוואַקסענע האָבן אָפט געאַרבעט ביז צוועלף בײַ נאַכט, ווײַל אָנהייבן פלעגן זיי נאָכן אַרבעטסטאָג בײַ זייער געוויינ־לעכער באַשעפטיקונג.

צום נײַעם לערניאָר איז אַלץ געווען פאַרטיק — די שול איבערגעבויט און נאָך דערבויט צוויי נײַע קלאַסן.

דער חנוכּת־הבית איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן פאָלקס־יום־טוב. די פרויען האָבן צוגעגרייט שיין געדעקטע טישן אין אַלע צימערן פון בנין, ווײַל מען האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסן עולם. אין פול געפּאַקטן גרויסן זאַל איז פאָרגעקומען די פײַערלעכע עפענונג פון בנין. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. אָט וואָס מען קען דערגרייכן מיט געאייניקטע כּוחות! די אַרבעט האָט זיך אײַנגעגעבן אויף צו להכעיס די שׂונאי־ישׂראל.

שלמהקע ווײַנשטיין, וואָס האָט געעפנט דעם אָוונט, האָט פון גרויסער איבערלעבונג לאַנג ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. בײַ די מענטשן זענען טרערן געשטאַנען אין די אויגן.

נאָכן אָפיציעלן טייל האָט מען צוגעביסן, געזונגען און געטאַנצט ביז אין פרײַען באַגינען אַרײַן.

ווען די פּוילישע קאָמיסיע איז געקומען פאַרן אָנהייב שוליאָר צו דער אינספּעקציע, האָבן אַלע אירע מיטגלידער געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ממש ניט געוואָלט גלייבן זייערע אויגן: ווי אַזוי האָט מען באַוויזן אין אַזאַ קורצער צײַט צו פאַרענדיקן אַזאַ בויאַרבעט? בלית־ברירה האָבן זיי אונטערגעשריבן אַן אַקט — אַ דערלויבע־ניש דער שול־פאַרוואַלטונג צו אָנהייבן די לימודים.

די ייִדישע באַפעלקערונג איז געווען שטאָלץ און גליקלעך. די שול האָט געקענט ממשיך זײַן די וויכטיקע פּעדאַגאָגישע אַרבעט, וואָס זי האָט די גאַנצע צײַט דורכגעפירט, און איצט וועט זי עס קענען מיט נאָך אַ גרעסערער הצלחה פירן ווײַטער.

זיסע קינדער־יאָרן

מיר זענען פריַי פון דער שול. זומער־וואַקאַציעס.

אין דער פרי ברענגט אַן עלטערע פרוי די הולניקעס — הייסע פּירעזשקעס מיט גרעטשענע קאַשע. מיט אַ גלאָז פרישע מילך פון דער שכנהס בהמה איז עס טעם־גן־עדן. ס'איז דער בעסטער פרישטיק. טאַטע־מאַמע גייען אַוועק אין קראָם. איך פאַרבעט די בעטן אינעם שלאָפצימער און זינג דאָס פּאָפּולערע פוילישע לידל:
„וועגן וואָס טרוימט אַן אונטערוואַקסנדיק מיידל, ווען פון אַ קנאָספּ פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ בלום?"

די זון שיַינט אַריַין דורכן פענצטער, מאַניעט. איך קען ניט בייַשטיין דעם נסיון, לאָז איבער די שטובאַרבעט און צוזאַמען מיט מיַינע נאָענטסטע חברטעס, מאַכליע און מירעלע, גייען מיר צו אונדזער טיַיכל יאַסאָלדע. לעבן קאָשטשאָל היטן מיר זיך פונעם גלחס גרויסן בערנאַרד־הונט. פון אַ פלוימענביימל ביַי אַ פּאַרקן ריַיסן מיר אָפּ די גרעסטע פלוימען. האָבן מיר צידה־לדרך...

מיר שפּאַנען דורך דעם „וויגאָן" — אַ פּאַשעפעלד פאַר בהמות — ביז צו דער הילצערנער בריק איבער דער יאַסאָלדע. אויפן גראָז פון דער לינקער זיַיט טיַיך דרייען זיך אַרום קי, אָבער די רעכטע זיַיט דינט ווי אַ פּלאַזשע פאַר דער יוגנט פון שטעטל. ס'קומען אַהער אויך דערוואַקסענע מיט קינדער פאַר די הענטלער.

אין אַ וואָלענעם בלויען באָדקאָסטיום, אַ זגראַבנע מיידעלע מיט אַ צעשמייכלט פּנים, מיט חן־גריבעלער אין די באַקן, באָד איך זיך, שטיף מיט די יִינגלעך. דאָס שיינע, סימפּאַטישע יאַטל, וואָוויק לעווינזאָן, דער זון פונעם וויצע־בירגער־מיַיסטער פון שטעטל, טשעפּעט זיך צו מיר. משהלע בערנשטיין צייכנט מיַין פּאָרטרעט אויף

אַ קאַרטאָן. חברה שווימט לענג־אויס דעם טײַך אַהין און צוריק. איך האָב זיך אַליין אויסגעלערנט שווימען. פאַרמעסט איך זיך מיט די שווימערס.

די פּאָליאַקן מאַקיעווקע און כּאַרעוו דרייען זיך אַרום אויפן ברעג מיט זייערע וועגעלעך, פאַרקויפן אײַזקרעם. אָנגעשטיפּט זיך, נעמט עמעצער אַ לאָדקע און מען לאָזט זיך מיטן טײַך צו די אַרומיקע דערפער. דאָרטן טרינקט מען פון שוואַרצע ליימענע לאַ־דישקעס קאַלטע זויערמילך, מען עסט זויערע אוגערקעס.

מיר שווימען פאַרביי גרינע פעלדער, וועלדער, קליינע הײַזקעס מיט שטרויענע דעכער. די פּויערים וואָס אַרבעטן אויף די פעלדער, באַגריסן מיר מיט אַ הילכיקן „גאָט העלף!"

שיין און אָנגענעם האָבן מיר פאַרבראַכט דעם זוניק־לויטערן זומערטאָג.

אין שטוב וואַרט אויף מיר אַ רויטער באָרשטש מיט קאָטלעטן. (אַגב, די איינציקע מאכלים, — וועלכע די מאַמע האָט מיך אויס־געלערנט צוגרייטן). די מאַמע גרייט אַ האַלבן טיש, אַ פאַרדעקטן מיט אַ ריינעם טישטעך. דער טאַטע און ביידע ברידערלעך וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויפן עסן, אויף מײַן קומען. אַ גוטע שטימונג הערשט בײַם טיש. ווײַזט אויס, ס'איז געווען אַ גוטע לייזונג הײַנט אין געשעפט. די מאַמע דערציילט, ווי זי האָט בײַ איינעם אַ פּויער אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער פּאָלע אַ געגנבעט היטל און אים געגעבן אַ פּראַסק אויך... און אויך אַ מעשה ווי אַ פרוי האָט אויפן מאַרק אַרײַנגעלייגט אַ געגנבעטן פיש אין איר קויש. האָט דער פאַרקויפער אַרויסגענומען דעם פיש, זאָגנדיק: „פיש, פיש, ווו האָסטו פאַרבלאָנדזשעט?"

דער טאַטע אײַלט זיך אויף אַ זיצונג אין דער יידישער שול. מען דאַרף צוגרייטן די יערלעכע קינדער־פאַרשטעלונג.

דער אָוונט פאַלט צו. מיר גייען אַרויס שפּאַצירן אויפן שאָסיי. מען טרינקט סאָדע־וואַסער בײַ רעזניקן און מען קויפט אַ סוכאַרד־

שאָקאָלאַדקע פאַר פינף גראָשן. חיים אַלעקסאַנדראָווסקי און טײַ־בעלע קאַפּלאַן פאַרטשעפּען מיך און מאַכן מיר אַ קאָמפּלימענט, אַז איך וועל אַ מאָל זײַן אַ שיין מיידל. דערהערנדיק עס, דאַכט זיך מיר, די גאַנצע וועלט איז מײַנע, און כ׳וועל טאַקע צוציִען וואָוויק לעווינזאָנס אויפמערקזאַמקייט. און דאָ באַווײַזט ער זיך טאַקע אויף דער אַנדערער זײַט פון שאָסיי. איך דערפיל אַ מאָדנע שוואַכקייט אין די פיס. כ׳צי צונויף דעם גורט אַרום מײַן טאַליע, איך זאָל אויסזען זגראַבנער. שלינג האַסטיק אַראָפּ די שאָקאָלאַדקע וועלכע איך האַלט אין מויל, און גיב צו אים אַ שמייכל. זײַן גוטער ענטפער־שמייכל צעוואַרעמט מײַן האַרץ...



וואָוויק לעווינזאָן

וואָוויק גייט צו אונדז צו און מיר שפּאַצירן צוזאַמען. כ׳וויל אים זייער אָננעמען פאַר אַ האַנט, נאָר שעם זיך... צו אונדזער קאָמפּאַניע קומען צו נאָך חברה. מיר ווערן אַ גאַנצע כאָפּטע מיידלעך און ייִנגלעך.

ס׳איז אַ העלער, וואַרעמער זומער־אָוונט. מיר דערציילן זיך פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס געלייענט אין ביכער און צײַטונגען, געהערט פון מענטשן. און דאָ הייבן מיר אָן צו זינגען. לכתחילה

שטיל, אינטים און זיך פונאַנדערגעגאַנגען הויך אויפן קול, און אַלץ שטאַרקער און העכער. אונדזער געזאַנג וועקט אויף מענטשן פון שלאָף. איינער, אַ פּאָליציאַנט, לויפט אַרויס פון זײַן שטוב אין גאַטקעס און שרײַט אויף אונדז מיר זאָלן זיך באַרויִקן. מיר הערן אים, ווי דעם קאָטער. אָבער פּאַקטיש איז שוין שפּעט און מיר צעשיטן זיך יעדער איינער צו זיך אַהיים.

האַרציקע בריוו האָט מיר שפּעטער וואָוויק געשיקט פון ווילנע, ווּ ער האָט זיך געלערנט אין טעכניקום...

צו די קינדער־שטיפערײַען דאַרף מען צורעכענען אונדזער רײַסן פרוכט אין פרעמדע סעדער. צום באַפּאַלן אַ סאָד דאַרף איך אָנטאָן מײַנע רויטע מײַטקעס מיט דער שטאַרקער גומע (פון דער פאָרשטעלונג „דער הינער־שטרײַק" פון שלום־עליכם), ס'זאָל זײַן ווו צו באַהאַלטן די עפּל. ניט איין מאָל האָבן מיר די עפּל אַריבער־געוואָרפן איבער אַ פּלויט צו די אַרעסטאַנטן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט.

נאָך אַזאַ טאָג קומט מען אין אָוונט אַהיים הונגעריק און מען וואַרפט זיך אַרויף אויפן עסן. מען שפּילט נאָך אַ ביסל אין „אונטער־טעלער" מיט ניסלעך און קאַשטאַנעס. און אַז מען גייט שלאָפן, לייג איך אונטערן קישן אַ ביכל, אַ גענומענס אין ביבליאָטעק, כ'זאָל צו מאָרגנס אין דער פרי זיך קענען נעמען צום לייענען ליגנדיק אין בעט. נאָך אַזאַ טאָג שלאָפט מען באַלד אײַן. עס שלאָפט זיך גאָר גוט.

גרוי און אומעטיק איז געווען דער האַרבסט. דער הימל — שטענדיק כמאַרנע. ס'האָט אַ סך גערעגנט. מיר, קינדער, האָבן אויפגעלעבט מיטן אָנקום פון ווינטער. מען טאָפּטשעט אינעם ווײַסן שניי, מען וואַרפט זיך מיט שניי־גאָמלקעס, מען שטעלט אויף שניי־באָבעס, מען שטיפט, מען לאַכט. ממש אַ מחיה! דער גרעסטער תענוג איז אָבער געווען דאָס גליטשן זיך אויפן אײַז לענג־אויס דעם

ברעג פון טײַך, אויפן פּאָסטאַוואָניק, אויף די לינקעס. ניט איין מאָל בין איך געשטאַנען אין אַ ברענענדיקן פּראָסט, קלאַפּנדיק אַ פוס אין אַ פוס אין די שיך מיט די רויטע וואָלענע סקאַרפּעטן, געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי מען טאַנצט אויפן אײַז.

איך האָב ניט געהאַט קיין אייגענע גליטשערס. אַ פאַרשעמטע פלעג איך אַנקלאַפּן צו דינקע שאַפּיראָ און אויסבאָרגן בײַ איר אויף אַ פּאָר שעה אירע גליטשערס. גליטשנדיק זיך בין איך אַ מאָל געפאַלן מיטן קאָפּ אויפן אײַז. בײַ איצל גאָבערמאַן אין שטוב האָט מען מיר געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן. אָבער שפּעטער האָב איך ווידער זיך צוריקגעקערט אויפן גליטש...

בײַם טײַכל לעבן לייקעלע האַלפּערנס הויז פלעגן מיר זיך שליטלען באַרג־אַראָפּ. כ׳האָב זיך אַ מאָל אָנגעכאַפּט אין אַ פּאַר־בײַפּאַרנדיקן שליטן, און דער פויער האָט פּלוצעם אַ טרײַב געטאָן ס׳פערד. אַ דערשראָקענע האָב איך קוים זיך אָפּגעריסן פונעם שליטן. געוועז אַ שטיפערקע און געזוכט „אַוואַנטורעס״.

דער ווינטער האָט געהאַט פאַר אונדז, קינדער, צוויי פריילעכע יום־טובים. חנוכּה — מיטן שפּילן אין דריידלער און עסן לאַטקעס. פּורים — מיט די המן־טאַשן און שלח־מנותן, מיט די פּורים־שפּילן, פּורים־אָוונטן אין דער שול, מיט טענץ, געזאַנג און גוטע מאכלים.

אָבער געבענקט האָט מען פאַרט נאָכן פרילינג, נאָך וואַרעמקייט און זונשײַן, געוואַרט אויפן שיינעם פרילינג־יום־טוב ל״ג בעומר. אין דער פרי איז מען זיך צונויפגעקומען אין הויף פון דער שול, אויסגעשטעלט זיך צו פּאָר און אַרויס מיט געזאַנג איבער די גאַסן פון שטעטל. מיר פלעגן זיך פאַרמעסטן מיט דער העברעיִשער שול, וועמענס קאָלאָנע איז לענגער. זיי האָט געפירט מוליק גאַרבער מיטן טראָמפּייט.

אין וואַלד, עטלעכע קילאָמעטער הינטערן שטעטל, האָבן אונדז געפירט מיט וועגענער בעלי־עגלות, עלטערן פון קינדער. אין וואַלד, אויפן גראָז האָבן מיר אויסגעפּאַקט אונדזער עסנוואַרג. איינער האָט

פאַרזוכט בײַם צווייטן די מיטגעגעבענע מאכלים. מען האָט דורכגע־פירט פאַרשיידענע שפּילן, געטאַנצט, געזונגען. מיט אונדז זענען מיטגעפאָרן אונדזערע לערער און אויך עטלעכע עלטערן.

יאָ, מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויף דעם פרילינג, מען זאָל קענען אַרויספאָרן אויף די ראָווערן. ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט צו פאָרן אויפן גרויסן ראָווער, האָבן מיר די ראָם און דער זאָטל אָנגעמאַכט בלויע צייכנס אויף די פּאָלקעס און פּיס. ניט איין מאָל בין איך פון אים אַראָפּגעפאַלן און גוט זיך צעמזיקט. ביז הײַנט האָב איך אַ לאָך אין אַ קני צוליב אַ ראָווער. אָבער פאָרן האָב איך זיך גוט אויסגעלערנט. (אַגב, אַ דאַנק דעם האָב איך געראַטעוועט מײַן לעבן אַנטלויפנדיק פון די דײַטשן.) אויף די ראָווערן פלעגן מיר אַרויספאָרן אין די אַרומיקע וועלדער קלײַבן יאַגדעס. און אַלץ אין קאָמפּאַניע, מיט אַ פריידיקן געפילדער און שטיפעריַי...

ווי וואָרהאַפטיק עס קלינגען מרדכי געבירטיגס פערזן:

קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן,
אייביק בלײַבט איר וואַך אין מײַן זכּרון.

קולטור־לעבן אין בערעזע

לייענען האָב איך ליב געהאַט פון פריִען עלטער. די ביכער וואָס איך פלעג קריגן במתנה, האָבן ניט געקענט שטילן מײַן לייען־דאָרשט. אַרויסגעהאָלפן האָט די שטעטלשע ביבליאָטעק, ווו כ׳בין געווען פאַרשריבן און געביטן ביכער. און שוין אין גאַנץ יונגן עלטער האָב איך ממש געשלונגען ווערק פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור און פון דער וועלט־קלאַסיק, איבערגעזעצטע אויף ייִדיש. אַזוי אַז אויסער די פּאָפּולערע בשעתו שלום אַש, אַפּאַטאָשו, סע־גאַלאָוויטש, האָב איך געלייענט ראָלאַנען, האַמסונען, וויקטאָר הוגאָ, טאָלסטאָיען, גאָרקין. זשול ווערן האָט אַנטוויקלט די פאַנטאַזיע. מיט אים האָט מען אַרומגעשוועבט איבער דער וועלט, אין די ים־טיפענישן און אין דער לופטן. אויך פּויליש האָב איך געלייענט — סיענקעוויטש, ריימאָנט, מיצקעוויטש, אָזשעשקאָוואַ. איין מאָל האָט מיר די ביבליאָטעקאַרין רעקאָמענדירט אַ בוך, צוגערעדט אים צו לייענען. כ׳האָב אים אַרונטערגערוקט אונטערן קישן מיטן געדאַנק צו לייענען אין דער פרי. דאָס איז געווען דזשאָן רידס „צען טעג וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט". נאָר מיר איז דאָס בוך לחלוטין ניט געפעלן געוואָרן. די געשיכטע מיט קערענסקין, דאָס אַראָפּוואַרפן דעם צאַר און די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונגען אין רוסלאַנד האָבן מיך, כּמעט נאָך אַ קינד, ניט אינטערעסירט.

אין שטעטל פלעגן פאַרקומען ליטעראַרישע אָוונטן, רעפעראַטן מיטן אָנטייל פון געסט פון וואַרשע. און אַלץ אויף ייִדיש. פאַרשטייט זיך, אַז בעיקר פאַר דערוואַקסענע. דער פאָטער האָט מיר דער־ציילט, אַז דעם גרויסן דיכטער פּרץ מאַרקיש, וואָס איז אויפגעטראָ־טן בײַ אונדז מיט אַ רעפעראַט, האָבן הונדערטער מענטשן באַגלייט צו דער באַן.

ס׳פלעגן צו אונדז אַראָפּקומען די בעסטע ייִדישע אַרטיסטן מיט זייערע טרופּעס: זיגמונט טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ, דיאַנאַ בלומענפעלד. אָבער ווען וואַנדערנדיקע ייִדישע אַקטיאָרן האָבן געשטעלט „כאַלטורע״, האָט מען זיי אָפט אויסגעפּײַפט און פאַר־וואָרפן מיט פאַרפוילטע קאַרטאָפל.

מײַנע עלטערן זענען געווען גרעזלשאַפטלעך טעטיק, באַזונ־דערש אין טעאַטער־ענינים, און פלעגן פאַרבעטן צו אונדז אַהיים גאַסטראָלירנדיקע אַרטיסטן, בכדי זיי אײַנצושפּאָרן הוצאות. כ׳פלעג זיי דאַרפן אָפּטרעטן מײַן צימער און שלאָפן אויפן דיל בײַ די עלטערן אין שלאָפצימער. ביז... ס׳האָבן בײַ אונדז גענעכטיקט עטלעכע וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן און מיך באַגנבעט — אויסגע־ליידיקט מײַן שאַפע און ווינטערדיקע מלבושים. האָב איך זיך צעבונ־טעוועט און פאַרמאַכט די „אַקטיאָרן־אַכסניה״...

פאַר וואָס זענען מײַנע עלטערן געווען אַזוי גינציק צו ייִדישע אַקטיאָרן? גאַר פּשוט. מײַן פאָטער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נטיה צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. געווען דער פאַרוואַלטער פון ייִדישן טעאַטער־בנין און אָרגאַניזירט די פאָרשטעלונגען אין אים. פאַרשטייט זיך, אַז אַ גראַשן געצאָלטס. דער איינציקער לוין — אַ סך קאָפּדרייעניש און דאגות, וואָס האָבן אים אויך אַן דעם ניט געפעלט.

דער טעאַטער — אַ גרויסער הילצערנער בנין אויפן הויף פון דער ייִדישער שול. געווען אַ געראַמער זאַל מיט הילצערנע בענק, אַ הויכע בינע און פאַר איר — אַן אָרט פאַרן אָרקעסטער. הינטער די קוליסן — אַן אָרט צו האַלטן די דעקאָראַציעס, אַ ווינקל פאַר די אַרטיסטן. בײַם אַרײַנגאַנג אין זאַל — אַ בופעט.

די טראַדיציאָנעלע, יאָר־יערלעכע קינדער־פאָרשטעלונגען פון דער ייִדישער שול, וואָס פלעגן פאָרקומען אין טעאַטער, זענען געווען אַן אַטראַקציע פאַרן שטעטל. די אײַנוווינער פלעגן קומען מאַסנווײַז. אַפילו פון די אַרומיקע ייִדישע ישובים פלעגן אַראָפּקו־

מען באַזוכערס. די שטימונג ביים עולם איז שטענדיק געווען אַ געהויבענע. מען פלעגט פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע כלאָפּאָטן און זאָרג.

איך פלעג כּמעט שטענדיק נעמען אָנטייל אין די פאָרשטעלונ־גען. געשפּילט הויפּטראָלעס אין שלום־עליכמס „הינערשטרייק", אין אַנדערע פאָרשטעלונגען געווען די „זומער־קעניגין", דער „אַל־טער המן־טאַש". ווען כ'האָב ניט באַקומען די פּרויען־ראָלע אין ראָבין הוד, האָט עס מיך שטאַרק פאַרדראָסן.

די עלטערן פון די קליינע „אַרטיסטן" פלעגן שעפּן נחת פון זייערע קינדער אויף דער בינע. אויסערן שפּילן פלעג איך טאַנצן, זינגען אין כאָר, אָנטייל נעמען אין דער גימנאַסטיק און אין די פּיראַמידעס, וועלכע מיר פלעגן אויפשטעלן.

די קאָסטיומען פאַר די פאָרשטעלונגען פלעגן צוגרייטן די עלטערן און די לערער. די דעקאָראַציעס האָבן געמאָלן דער לערער בערמאַן און משהל פרידמאַן.

מאָדנע, מיינע עלטערן זענען געווען גלייכגילטיק צו מיינע „אַרטיסטישע" אויפטריטן, כאָטש זיי האָבן געשעפּט נחת פון דער טאָכטער. אָבער כּמעט ניט אַרויסגעוויזן מיר אָנערקענונג — זעלטן געגעבן אַ קוש, אַ גלעט, אַ לויב. כ'האָב עס דערקלערט מיט זייער פאַרטאָן זיין אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים פון די פאָרשטעלונגען און מיט זייערע אייגענע אויפטריטן אין די ספּעקטאַקלען פון היגן דראַמקרייז.

איך געדענק, ווי זיי האָבן זיך באַטייליקט אין שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס". מיין מאַמע האָט געשפּילט עטי־מעניו, דעם שניידער שימעלע סאָראָקערס ווייב, וואָס נאָכן געווינען די גרויסע סומע געלט, האָט זי זיך גענומען רופן ערנעסטינאַ יעפימאָוונאַ. די לערערין חוה סעגאַל האָט געשפּילט ביילקען און געזונגען דאָס האַרציקע פאָלקסליד:

דער דראַמאַטישער קרייַז ביַי דער יידישער שול אין בערעזע, אַנגעפירט פון שלמה ווייַנשטיין. עס שטייען (פון לינקס):
אליהו טקאַטש, זלאַטע ווייַנשטיין, שילים קאַגאַן, לייבל באַיאַן, לייבל פּאַדאַסטרוויצע, משהל נאַוויק, שלמה קאַמע־נעצקי, הערשל קאַגאַן, ניטל טקאַטש, זינדל קאַוואַל, יאָסל בילטשיק, משהל קאַוואַל; מיטלסטע ריי: הערשל קראַניק, וויכנע באַקשטיין, חוה סעגאַל, שלמה ווייַנשטיין, גיטע שאַפּטאַן, זעליק זאַקהיים, חייטשע יאַלאַן (זאַקהיים), עליע־מאַטיע באַקשטיין, עליע שאַפּטאַן; פאַדערשטע ריי: שייַע קאַוואַל, ביילקע טשעסלער, יאַנקל זאַקהיים, רחל גאַרבער, משהל פרידמאַן, רבקה קאַוואַל, ביילטשע ריסקער, וואַווע ווייַנשטיין

פּאַפּיר איז דאָך ווײַס און טינט איז דאָך שוואַרץ,
צו דיר, מײַן זיס לעבן, ציט מיך מײַן האַרץ...

רעזשיסירט האָט די פֿאָרשטעלונגען שלמקה ווײַנשטיין, וואָוועס טאַטע. די טענץ פֿלעגט אײַנשטעלן עמע קאַפּלאַן; די פּוילישע סצענקעס — די לערערין כמיעל־שאַפּיראָ.

מיטן כאָר און מיטן מאַנדאָלינען־אָרקעסטער האָט אָנגעפֿירט דער לערער לייבל קאַפּלאַן.

עטלעכע ווערטער ווילט זיך זאָגן וועגן אָרגאַניזירטן ספּאָרט בײַ אונדז אין שטעטל. פֿוטבאָל האָט מען געשפּילט אויפֿן „וויגאָן" — אַ גרינע לאָנקע, פֿון וועלכער מען פֿלעגט פֿריִער אַראָפּטרײַבן די בהמות וואָס האָבן זיך דאָרטן געפּאַשעט. בעת איינעם אַזאַ מעטש איז דאַניע בערקאָוויטש פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן אין אַן אויג. כ'האָב אים צוגעלייגט קאַלט וואַסער און ער האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז ער האָט מיך ליב...

פֿאַרמעסטונגען אין שווימען און אויף קאַיאַקעס פֿלעגן פֿאָר־קומען אויף אונדזער טײַך יאַסאָלדע.

פֿאַר זייערע ספּאָרט־דערגרייכונגען האָבן יידישע יוגנטלעכע באַקומען פּרײַזן. די פֿאַרטיילונג־צערעמאָניע פֿלעגט פֿאָרקומען דעם דריטן מײַ, אויפֿן מאַרק, אַנטקעגן בערמאַנס מויער, אין בײַזײַן פֿון אַ גרויסן עולם. ס'האָט געשפּילט דער בלאָז־אָרקעסטער פֿון די פֿײַערלעשער. אַגב, דער זעלביקער אָרקעסטער האָט געשפּילט אויף די טאַנצאָוונטן, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין זאַל פֿון די פֿײַער־לעשער. איך פֿלעג אַהין אַרײַנקוקן דורך אַ שפּאַרונע און האָב מקנא געווען די שוועסטער קאַסירסקי, די שענסטע מיידלעך אין שטעטל, וואָס האָבן גראַציעז געטאַנצט מיט בחורים אונטער די קלאַנגען פֿון טאַנגאָ־נאַטורנאָ...

איך האָב זיך אויסגעלערנט טאַנצן אַ טאַנגאָ בײַ די רעזניקס אין שטוב, אונטער דער מוזיק פֿון אַ גראַמאָפֿאָן מיט אַ גרויסער טרובע...

אַט פאַרענדיק איך שוין די שול. ס׳קומט פאַר דער סיום־אָוונט פון אונדזער אַרויסלאָז. מען הערט אויס עטלעכע רעדעס. מען זינגט, מען טאַנצט און מען נעמט זיך צום געשמאַקן כּיבוד, וואָס די עלטערן האָבן צוגעגרייט.

ס׳איז אַ פריילעכע שטימונג. איך כאַפּ אַרײַן דעם ערשטן קוש פון אַ ייִנגל.

מען טאַנצט ביז שפּעט בײַ נאַכט. מען טאַנצט און מען זינגט: „דריי זיך, דו רעדעלע, דריי זיך, דו מילכבעלע, אַרבעטן פלײַסיק איז ניט קיין שפּילכבעלע״...

אַרבעטן פלײַסיק... די צוועלף־יעריקע קינדער האָבן שוין גע־מוזט טראַכטן וועגן אַרבעט, וועגן זייער צוקונפט. ניט אַלע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אין די גרעסערע שטעט זיך צו לערנען אין גימנאַזיעס און טעכניקומס. דאָס האָט געדאַרפט קאָסטן אַ סך געלט, און וויייניק ייִדן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו נעמען אויף זיך אַזאַ הוצאה.

נאָכן פאַרענדיקן די שול האָב איך זיך אַרומגעדרייט אָן אַ צוועק. פאַר אַ שנײַדערקע האָב איך מיט מײַנע צוויי לינקע הענט ניט געטויגט; אין אונדזער קרעמל האָט מען זיך געקענט באַגיין אָן מיר. אַ פּאָר גראָשן האָב איך פאַרדינט געבנדיק קאָרעפּעטי־ציעס קלענערע קינדער. און פרײַע צײַט איז ליידער געווען אָן אַ שיעור. מען איז אַרומגעגאַנגען פּוסט־און־פּאַס.

כ׳דערמאָן זיך, אַז מען האָט מיר אַ צו נאָמען געגעבן „מאַדאַם סימפּסאָן״, צוליב דעם, וואָס ניאָמע ברוידע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַנע חברים בכדי צו זײַן נעענטער צו מיר, להבדיל, ווי דער ענגלישער קעניג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קרוין צוליב דער מאַדאַם סימפּסאָן. געשען איז די דאָזיקע סענסאַציע צו יענער צײַט.

די פרײַע צײַט האָב איך טאַקע גוט פאַרבראַכט. אָבער וואָס ווײַטער? תּכלית? דאָ אין שטעטל האָט זיך קיין אויסוועג ניט געזען.

פלוצלונג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ לייזונג. אָן אמתע וואַנדערונג

אין מײַן לעבן. פון צישאַ, די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, איז אָנגעקומען אַ סטיפּענדיע זיך צו לערנען (אָן געלט, פאַרשטייט זיך) אין דער ייִדישער גימנאַזיע אין ווילנע, אָדער אין ביאַליסטאָק. אַזוי ווי איך בין געווען אַ זייער גוטע שילערין און מײַן טאַטע איז געווען אַ מיטגליד פון עלטערן־קאָמיטעט און געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער שול און פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטעטל בכלל, האָט מען מיר צוגעטיילט די סטיפּענדיע.

אין שטוב בײַ אונדז האָט מען אָפּגעוווגן ווילנע אָדער ביאַ־ליסטאָק און געקומען צום באַשלוס — ביאַליסטאָק, ווײַל מיר האָבן דאָרטן געהאַט רײַכע קרובים, די משפּחה באַביטש.

ווען מײַן חברטע מאַכליע האָט זיך דערוווסט, אַז איך פאָר לערנען קיין ביאַליסטאָק, האָט זי באַשלאָסן אויך צו פאָרן אַהין לערנען, ווײַל אירע אַ שוועסטער האָט דאָרטן געלעבט.

מיר זענען געווען גרייט אַריבערצושפּרינגען אַ קלאַס גימנאַזיע און דעריבער אין משך פון זומער גענומען לעקציעס אויף דײַטש און לאַטײַן בײַ אַ פּוילישער סטודענטקע, וואָס האָט די זומער־וואַקציעס פאַרבראַכט אין בערעזע.

נאָר דאָ האָט פּאַסירט אַן אומגליק. ס׳איז פּלוצעם געשטאָרבן מאַכליעס צוואַנציק־יעריקער ברודער, הערשל, און מיר האָבן איבערגעריסן דאָס לערנען אויף אַ געוויסער צײַט. די גאַנצע ייִדישע יוגנט פון שטעטל איז געווען אויף דער לוויה פון עם שיינעם, טאַלאַנטפולן בחור.

איך האָב זיך פּלײַסיק געגרייט אָנצוקומען אין ביאַליסטאָקער ייִדישער גימנאַזיע, און זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויפן טאָג ווען דאָס וועט געשען.

אויך מאַכליע האָט נאָך די טרויעריקע נאָכן ברודער געגרייט זיך צום פאָרן לערנען אין ביאַליסטאָק.

אין ביאַליסטאָק

נאָך פּאָרן אָנהייב שוליאָר בין איך מיט מײַן פֿאָטער געפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק זיך אַרומצוקוקן. דער פֿאָטער האָט געדאַרפֿט קויפֿן דאָרטן סחורות פֿאַרן געשעפֿט און מיך מיטגענומען. קיין באַנבי־לעט פֿאַר שילער האָט מען ניט געדאַרפֿט אויסקויפֿן. טאָ פֿאַר וואָס זאָל איך טאָקע ניט אויסניצן אַזאַ געלעגנהייט און זיך באַקענען מיט דער שטאָט און די באַדינגונגען, אין וועלכע איך וועל דאַרפֿן לערנען און שטעלן מײַנע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט אין לעבן?

כ׳האָב זיך באַקענט מיט מײַנע קרובים. מײַן מומע איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג — זי האָט זיך געקליבן צו באַזוכן אירע קינדער אין פּאַריז. מיר האָבן זי באַגלייט צום צוג. ווען זי איז שוין געשטאַנען אויפֿן טרעפּל פֿון וואַגאָן, האָט מײַן טאַטע אַ זאָג געטאָן, אַז איך וועל קומען קיין ביאַליסטאָק לערנען און וועל וווינען בײַ זיי. זי האָט עס ניט דערהערט, צי געמאַכט זיך ניט הערנדיק, און ניט רעאַגירט. דער פֿאָטער האָט, קענטיק, זיך אַלץ ניט דערוועגט איר צו זאָגן, אַז ער קלײַבט זיך מיך „אונטערצו־וואַרפֿן" בײַ זיי...

ס׳איז ערב דעם אָנהייב פֿון שוליאָר. איך בין גרייט צו דער נסיעה. בין אָנגעטאָן. די וואַליזקע זאַכן מיטן סאַמע נייטיקסטן און דעם פּעקל בעטגעוואַנט — אַרויפֿגעלייגט אויף דער דראָזשקע, ווו ס׳זיצט שוין מאַכליע מיט איר געפּעק. מיר פֿאָרן צו דער בערעזער באַנסטאַציע אין בלודניע. איך געזעגן זיך מיט טאַטע־מאַמע און די ברידערלעך. די מאַמע צעוויינט זיך. אַוודאי טוט איר ווײ דאָס האַרץ אַוועקצושיקן די יונגיטשקע טאָכטער איינע אַליין אין אַ גרויסער, פֿרעמדער שטאָט. צו איר זאָרג און אויך צו אונדזער

אַלעמענס פּאַרדראָס איז האַרט פּאַרן אָפּפאָר אָנגעקומען אַ פּאַר־שפּעטיקטע טעלעגראַם פון מײַן מומען, אַז איך זאָל צו זיי ניט קומען און וואַרטן אויף אַ בריוו.

כ׳האָב זיך געהאַט דערשראָקן, אַז פון מײַן ווײַטערדיקן לערנען וועט קיין זאַך ניט אַרויסקומען, און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, מען זאָל מיר דאָך לאָזן פּאָרן. ביז הײַנט פאַרשטיי איך ניט מײַן פאָטער, הלמאַי ער איז ניט מיטגעפּאָרן מיך אײַנצואָרדענען אין דער פּרעמד. אָבער איך בין געווען דעצידירט אָנצוהייבן דעם געראַנגל מיט די שוועריקייטן פון לעבן. דער דאָזיקער פאַרמעסט האָט געמאַניעט, אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע און דעם ווילן בײַצוקו־מען שטרויכלונגען.

און שוועריקייטן, שטרויכלונגען האָבן באַלד זיך געלאָזט שפּירן. געווען ניט קיין לײַכטער שריט פאַר צוויי יונגע מיידלעך צום ערשטן מאָל אַליין אַרויסגיין אין דער ברייטערער וועלט אַרײַן. די נסיעה קיין ביאַליסטאָק האָט לאַנג געדויערט. מען האָט געדאַרפט זיך איבערזעצן אין בריסק און שלעפּן זיך מיטן געפּעק צו אַן אַנדער באַן. ענדלעך אָנגעקומען. מאַכליעס שוועסטער, לאה, און איר מאַן האָבן אונדז אין ביאַליסטאָק פרײַנדלעך אויפגענומען, אָפּגעטראָטן זייער אייגן בעט אין קליינעם צימער פון דער ענגער דירהלע זייערע, וואָס איז באַשטאַנען פון אָט דעם צימערל און אַ קיכל.

צו מאָרגנס אויפגעשטאַנען. אַ וואַרעמער זומערדיקער אינ־דערפרי. גענומען דאָס געפּעק און זיך געלאָזט צו פוס צו מײַנע קרובים, די באַביטשעס. אין איין האַנט האַלט איך די וואַליזקע (זי איז ניט שווער, ווײַל קיין סך זאַכן האָב איך ניט געהאַט) און מיט דער צווייטער האַנט, צוזאַמען מיט מאַכליען, טראָגן מיר דעם פּאַק בעטגעוואַנט. אין מיטן גאַס צעשיט זיך דאָס פּעקל. מיר פּאַקן עס קוים צונויף און גייען ווײַטער.

פאַרגאַפט באַטראַכטן מיר, קליינשטעטלדיקע, די גרויסע גע־מויערטע הײַזער, די ברייטע רוישיקע גאַסן און טראָטואַרן. פאַר־

בײַגעגאַנגען דעם קאַשטשושקאָ־פּלאַץ מיטן זייגער אויף דער אַלטער היסטאָרישער ראַטהויז־געבײַדע. מיר פאַרקוקן זיך אויפן קאַשציאָל פון הייליקן ראָך, וואָס אויף אַ בערגל.

די ייִדישע שפּראַך הערט מען אין יעדן ווינקל. אויף די שילדן פון די געשעפטן — ייִדישע נעמען. ווערט עס מאָדנע וואַרעם אויפן האַרצן — מען איז ניט אין דער פרעמד... די סלינע רינט בײַ אונדז, בלײַבנדיק שטיין בײַ אַ וויטרינע פון אַ שאָקאָלאַד־ און קאָנפעטן־געשעפט אָדער פון אַ קאָנדיטערײַ, דערזעענדיק אויס־געשטעלט מיט קרעם און שאָקאָלאַד געפּוצטע טאָרטן...

ענדלעך מאַכן מיר דורך דעם לאַנגן וועג פון שענקעוויטש־גאַס ביז קאַלייאָווע, צו די באַביטשעס. זיי האָבן געפירט אַ גרויסן שפּײַזגעשעפט און געהאַט אַ הויף מיט עטלעכע צוויי־עטאַזשיקע וווינהײַזער. די טעכטער מיט זייערע משפחות האָבן געגעסן מיטאָג ביי זייערע עלטערן. אַ דינסט האָט געפירט די ווירטשאַפט. מיך האָט מען קאַלט אויפגענומען און באַלד געשטעלט אין קיך וואַשן געפעס. געוואָלט האָבן זיי פון מיר מאַכן אַ שיקמיידל אין געשעפט. זיי האָבן אין מיר אײַנגעטענהט, אַז ווער עס האָט ניט קיין געלט, דאַרף ווײַטער זיך ניט לערנען. געגוג די בערעזער שול. און באַלד האָבן זיי מיך אַוועקגעפירט צו זייערע מחותנים, די לעווינס, וואָס זענען גראָד געווען אויף דאַטשע און ס׳איז דאָרטן געווען אַ פּלאַץ צו שלאָפן.

ס׳ערשטע מאָל אין מײַן לעבן בין איך געבליבן איינע אַליין. געגומען באַקוקן די דירה. און דאָ — אַ שרעקלעכע איבערלעבונג. אין איינעם פון די צימערן האָב איך געפונען אַ טויטן מענטש. ס׳איז געווען אַ סובלאָקאַטאָר, וואָס זײַן ווײַב האָט אים איבערגע־לאָזן אויף גאָטס באַראָט... אַ צוגאָב איז געווען אַ קאַץ וואָס האָט מיך דערקוטשעט, געמיאַוקעט, באַנעצט מײַן פּעקל בעטגעוואַנט. פון די אַלע זאַכן האָט עס מיך געטרייסלט פון שרעק און קעלט אויף דער האַרטער קושעטקע אין גרויסן סאַלאָן, ווו כ׳האָב געזאָלט

איבערנעכטיקן. ניט האָבנדיק קיין ברירה בין איך דאָרטן געבליבן.

צו מאָרגנס גייען מיר מיט מאַכליען צו פוס ביז אונדזער גימנאַזיע אויף פאַבריטשנע־גאַס. אין גרויסן הויף — דער בנין פון גימנאַזיע און אויך אַ טעקסטיל־פאַבריקל. און שטיין שטייט דאָ אַ געפילדער פון די תּלמידים און פון מאַשינען, וואָס לאָזן זיך הערן דורך די אָפענע פענצטער פון פאַבריקל.

מיר דערליידיקן אין סעקרעטאַריאַט פון דער גימנאַזיע די פאָרמאַליטעטן און מען שיקט אונדז זיך עקזאַמענירן אויף דײַטש און לאַטײַן.ביידע עקזאַמענס האַלטן מיר אויס אָן שוועריקייטן, ווערן אָנגענומען אין גימנאַזיע און אָט געפינען מיר זיך אין אַ טאָג אַרום אין קלאַס. אַלץ נײַע פּאַר אונדז פנימער. די שילער קוקן אויף אונדז מיט נײַגער, באַקענען זיך. שטעלן זיך פּאָר: איטע שולמאַן, ניוניע בראָדסקי, אַהרן טישלער, חיימקע גילינסקי, משה יאָוואָרקאָווסקי און אַ סך אַנדערע. איך און מאַכליע זעצן מיר זיך אויף איין באַנק.

אין גימנאַזיע זענען די ענינים רעגולירט. מיר גייען אָן מיט די לימודים, וואָס פאַראינטערעסירן מיך פון ערשטן טאָג אָן. אָבער מײַנע לעבנס־באַדינגונגען... דער בעל־הבית פון דער דירה ווו איך נעכטיק, לעווין, אַן עלטערער ייִד מיט אַ ווײַס בערדל. זײַן פרוי — אַ דאַרע, צעקנייטשטע ייִדענע. זי האָט מיך באַלד געהייסן רוימען, וואַשן, שײַערן די דירה וואָס איז געשטאַנען ליידיק, בעת זיי זענען געוועזן אויף דאַטשע. צום נעכטיקן האָבן זיי מיר אָװעקגעשטעלט אַ בעטל אין קיך. וועגן געבן עסן איז ניט געווען קיין רייד. אַפילו קיין גלאָז טיי האָט מען מיר ניט אָנגעבאָטן. פאַר דער שווערער אַרבעט וואָס איך האָב פאַר מײַנע „מכניסי־אורחים" אָפּגעטאָן, האָב איך קיין צעבראָכענעם גראָשן, קיין דאַנק, אַפילו קיין פרײַנד־לעכן שמייכל ניט באַקומען. מײַנע טרערן פלעגן אַרײַנרינען אין שמוציקן עמער וואַסער בײַם וואַשן די דילן, און אין די נעכט פלעגן

זיי באַנעצן מײַן קישן. ס׳איז, קענטיק, געווען אַן אָפּמאַך פון מײַנע קרובים מיך אויסצונוצן ווי אַ דינסט פאַרן חסד פון לאָזן איבער־נעכטיקן אויפן האַרטן בעטל אין קיך.

די עלטערן האָב איך וועגן דעם אַלעם ניט געשריבן. האָב מורא געהאַט, זיי זאָלן מיר ניט הייסן קומען אַהיים. כ׳פלעג בעסער אַרומגיין אַ הונגעריקע, איידער גיין עסן צו די באַביטשעס, ווו מען האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַן אָנשיקעניש.

מיט אומגעדולד פלעג איך אָפּוואַרטן אויף דער פּאָסט דאָס שבתדיקע פּעקל פון דער היים, וואָס מײַן ברודער, בערעלע, פלעגט עס פאַר מיר צוגרייטן און אַוועקפירן אויף אַ שליטעלע אויף דער פּאָסט. געווען איז שוין ווינטער. אין פּעקל פלעג איך שטענדיק געפינען אַ שטיקל עוף, אַ שטיקל געפילטע פיש, אַ ווײַס קעזל, אַ זויערע אוגערקע, אַ סלאָיִקל מיט אײַנגעמאַכטס, אַ שטיקל קוכן און אַ שאָקאָלאַדקע מיט אַ זלאָטי, אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל. פאַר דעם זלאָטי האָט מען געקענט קויפן פינף שוואַרצע בולקעס אָנשטאָט פיר ווײַסע. זעלטן ווען איך האָב זיך דערלויבט צו קויפן פאַר פינף גראָשן וווּרשט אין דער עלעגאַנטער קאַוויאַרנע, וואָס האָט ווי אויף צו להכעיס זיך געפונען בשכנות.

אין אַ מיטנוואָך האָט מען געקאָנט אָפּעסן אַ מיטאָג אין הויז פון מײַנעם אַ געוועזענעם לערער: לינדזנזופּ מיט אַ קניידל און אַ קאָטלעט. כ׳געדענק, אַז פון פּסח ביז צו די זומער־וואַקאַציעס האָב איך זיך דערלויבט אויף אַזאַ „לוקסוס" דרײַ מאָל. אין גימנאַזיע פלעגט מיר רינען די סלינע פון מויל, צוזעענדיק ווי בעת דער גרויסער הפסקה קויפן שילער קובעלעך מיט קעז אָדער מיט מאָן. ביז הײַנט, ווען איך דערזע אַזאַ געבעקס, קויף איך עס באַלד...

מײַן חברטע, איטע שולמאַן, האָט זיכער באַמערקט, אַז איך בין כּמעט שטענדיק הונגעריק. פלעגט זי מיך מכבד זײַן מיט אַ זעמעלע מיט שפּראָטן. אירע עלטערן, דאָקטוירים, האָבן געפירט אַן אייגענע קליניק און זענען געווען פאַרמעגלעך. פילנדיק, אַ פּנים,

וואָס עס רוקט זיך אָן אויף אייראָפּע, אָבער בעיקר, אַז זייער זון זאָל קענען שטודירן אין אַ הויכשול, זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די הונגעריקע טעג און די שווערע אַרבעט וואָס איך האָב געמוזט טאָן פאַרן לאָזן מיר איבערנעכטיקן האָבן זיך קאָמפּענסירט מיט די אָנגענעמע שעהען אין גימנאַזיע. אינטערעסאַנטע לימודים, גוטע, האַרציקע לערער. הירשפעלד, דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע גיט מיר אַ מאָל אַ צי פאַר די האָר און וואָרנט, אַז נאָר ביז צען אָוונט מעגן שילער אַרומשפּאַצירן אין גאַס, און מיך האָט ער געזען מיט אַ יוגנטלעכן 11 בייַ נאַכט. יאָ, געווען אַזאַ פאַל. דער יאַט האָט זיך באַמיט מיך אַרייַנצוציִען אין אַ לינקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, געוואָלט מיך איבערצייַגן, אַז מען מוז אַראָפּוואַרפן די הערשנדיקע מאַכט און מאַכן אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנ־דיקע, אייַנפירנדיק אַזאַ אָרדענונג ווי אין רוסלאַנד, וואָס וועט באַגליקן אַלע מענטשן, בתוכם אויך די ייִדן...

אויף איינעם אַן עקזאַמען האָט מיר דער דירעקטאָר אונטער־געזאָגט, אַז דער גורל, דער פאַטום, איז דער פירנדיקער כּוח אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע. איבערטראַגנדיק דעם דאָזיקן געדאַנק אויף זיך, האָב איך געטראַכט, אַז ביז איצט האָט מיר דער גורל צוגעשפּילט. איך בין געוואָרן אַ גימנאַזיסטקע, געשפּרונגען אַ קלאַס נאָכן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון לאַטייַן און דייַטש, ווי מיר האָבן מיט מאַכליען פאַרטראַכט.

געלערנט האָבן מיר אַלץ אויף ייִדיש, און דאָס איז געווען אַ גרויסע פאַרלייַכטערונג. העברעיִש האָט מען געלערנט אויפן שפּיץ מעסער. די פּוילישע שפּראַך, אין פאַרגלייַך מיט די ביאַליסטאָקער שטאָטישע שילער, האָב איך שוואַך געקענט. אין בערעזע האָט מען אומעטום גערעדט ייִדיש, האָב איך געהאַט פּראָבלעמען מיטן איבער־זעצן ווערטער פון ייִדיש אויף פּויליש.

בדרך־כּלל האָט געהערשט דיסציפּלין אויף די לעקציעס. אַן

אויסנעם איז געווען די באַציִונג צו דער לאַטיַין־לערערין. זי איז געווען אַ שטרענגע, בייזע. האָבן קונדסים איר געענטפערט מיט זייער מטבע: געגעבן איר אַ צונאָמען — „דער מופטי" און וויפל מאָל אָנגעשריבן אויפן טאָוול פאַר איר אַריַינקומען אין קלאַס: „דער מופטי קומט!" ביַי איר האָב איך געהאַט שלעכטע מיינונגען. כ'פלעג ניט מאַכן די שטובאַרבעטן. איין מאָל האָט מיר אַן אַרבעט אַריַינגעשריבן אין מיַין העפט דער בעסטער שילער פון קלאַס יאַוואַרקאָווסקי. די לערערין האָט עס באַלד געכאַפּט און מיט רעכט מיר געשטעלט דעם ערגסטן באַל.

מיַינע שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן זיך אָפּגערופן אויף מיַין לערנען. די שטוב־אויפגאַבעס פלעג איך דאָס רוב מאַכן אויף די הפסקות, אָדער געשריבן אויף די קני בעת אַ נודנער לעקציע, וויַיל אין שטוב בין איך שטענדיק געווען זייער פאַרמאַטערט נאָכן שווערן טאָג אין קלאַס און דער שקלאַפעריַי ביַי די לעווינס.

אויף די הפסקות פלעגן מיר אַ סך זינגען: מאַנגערס „רבנו תם", פוילישע „שלאַגערס": „דער לעצטער זונטיק", „אַ מעשהלע ביסטו פאַר מיר" און אַנדערע. יוגנט בליַיבט יוגנט און וויל פאַרזיסן יעדע פריַיע מינוט. איך האָב אָבער, ווי געזאָגט, געמוזט אויף די הפסקות דערמאַכן די שטוב־אויפגאַבעס.

די לערערין פון דיַיטש, געלרוט, איז געווען זייער גינציק צו מיר, אַן אמתער אויפמערקזאַמער גוטער־פריַינד. זי איז געווען איבערגעגעבן צו איר לימוד און געלערנט מיט ברען און אויך מיט גרויס הצלחה. ניט געענדערט האָט איר באַציִונג צום פּעדאַגאָגישן חוב אונדזער „בונט" קעגן איר שאַרפן ריגאָר און דאָס פאַרזינגען איר אַ ספּעציעל צוגעטראַכטע דורכן קלאַס סאַטירישע „מאַרסע־ליעזע". קונדסים פלעגן איר אויך אָפּטאָן שפּיצלעך. איין מאָל, בעת דער לעקציע, אַרויפגעלייגט די העפטן פון קלאַס אויפן הויכן אויוון, און זי האָט זיי געזוכט, געזוכט... וואָס שייך מיך, האָט זי זיך געוווּנדערט, הלמאַי איך פאַרנאַכלעסיק די לימודים. געזאָגט האָט

זי עס מיר בעת מיר האָבן זיך געטראָפן אויפן וועג אין שול אַרײַן. איך האָב איר דערציילט, ווי שווער מיר איז, און ניט קענענדיק זיך באַהערשן, זיך ביטער צעוויינט. ס'ערשטע מאָל, וואָס איך האָב זיך פאַר עמעצן באַקלאָגט.

די לערערין האָט זיך איבערגענומען מיט מײַן מצב. געשאַפן פאַר מיר דרײַ קאָרעפּעטיציע־שעהען. די שילער האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע עקן שטאָט, און איך פלעג צו זיי גיין צו פוס אין די גרעסטע פרעסט און רעגנס, בכדי אײַנצושפּאָרן די עטלעכע גראָשנס טראַנספּאָרט־הוצאות.

ביז הײַנט דערמאָן איך זיך אין דער פרײַנדלעכער משפחה אויף ביאַליסטאָטשאַנסקי־גאַס, ווו מען פלעגט מיך מכבד זײַן בעת דער לעקציע מיט אַ גלאָז הייסע טיי מיט אײַנגעמאַכטס, וואָס האָט מיר דערוואָרעמט די גלידער און אַ ביסל געשטילט דעם הונגער, פון וועלכן איך האָב שטענדיק געליטן. זיי האָבן געהאַט איין טעכטערל, אַ הינקעדיק מיידעלע, און זענען געווען צופרידן וואָס איך האָב מיט אַ סך געדולד אונטערגעלערנט זייער קינד.

אויפן וועג צו אַ שילערין אויף דער גאַס שווענטעגאָ־ראָכאָ פלעג איך זיך צו מאָל פאַרגינען קויפן די געשמאַקע ביאַליסטאָקער קוכן־פלעצלעך און אויפעסן זיי באַלד אין גאַס.

דאָס געלט וואָס איך האָב פאַרדינט פון די שעהען, האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט פטור צו ווערן פון די לעווינס.

אין הויז ווו מאַכליע האָט געוווינט, האָב איך צוזאַמען מיט מיכליע קאַפּלאַן, אויך אַ מיידל פון בערעזע, געדונגען אַ ביליק צימערל אונטער אַ קרומען דאַך. אַזוי אַז מיר, די דרײַ חברטעס, האָבן זיך אָפט געטראָפן, געגאַנגען אין קינאָ, וואָס אויפן זעלבן הויף, און געזען גוטע פילמען.

כ'פלעג אָפּשפּאָרן פון עסן עטלעכע גראָשן און קויפן אַ בילעט צו אַ ייִדישער טעאַטער־פאָרשטעלונג. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אמתער יום־טוב.

ס׳האָט געשפּרודלט אין ביאַליסטאָק דאָס ייִדישע געזעלשאַפט־לער־פּאַרטייִישע און קולטור־לעבן. די בעסטע ייִדישע טעאַטער־אַנסאַמבלען האָבן גאַסטראָלירט. באַוווסטע ייִדישע שרײַבער, קול־טור־טוער, זינגער און מוזיקאַנטן זײַנען אויפגעטראָטן. גרויס איז געווען די מלחמה צווישן די פּאַרטייען אויף דער ייִדישער גאַס. באַזונדערש פאַר די וואַלן צום שטאָטראַט. כ׳דערמאָן זיך, ווי איך האָב אין גאַס געטיילט צעטלעך פון בונד און איינעם אַזאַ אַרײַנ־געשטופּט אין האַנט אונדזער גימנאַזיע־דירעקטאָר, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער לינקער פּועלי־ציוניסט.

איין מאָל אָוונטצײַט בין איך געווען בײַ מײַנער אַ חברטע. פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ פּוילישער דעטעקטיוו, וואָס האָט אונדז אַלעמען קאָנטראָלירט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דירה האָט געהערט צו אַ באַוווסטער קאָמוניסטישער משפּחה...

אויף די ווינטערדיקע שול־וואַקאַציעס בין איך אַהיים ניט געפאָרן. ניט געהאַט קיין געלט אויף אַ באַנבילעט. דאָס פּאַרדינטע געלט האָט געסטײַעט בלויז צו באַצאָלן פאַרן צימער. נאָר אויף פּסח קלײַבן מיר זיך מיט מיכליען סוף־סוף אַהיים. אַ לאַסטאַויטאָ נעמט אונדז מיט אָן געלט. מיר פאָרן בײַ נאַכט דורך די ביאַלאָ־ווזשער וועלדער. אַ שרעקלעכע פינצטערניש. דערצו דריקט אויף מיר אַ מוראדיקער סוד: מיכליעס מוטער איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, און מיכליע וועט שוין מסתּמא מער צוריק קיין ביאַליסטאָק ניט פאָרן... איר מאַמע איז געווען אַ לונגען־קראַנקע און זיך געהיילט אין די אָטוואָצקער וועלדער. ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון דער קוראַציע, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איר מאַן, דער בעקער מיט איין פוס, פאַרראַט זי מיט פריידלען, זייער דינסט, וואָס האָט טאַקע שפּעטער געהאַט פון אים אַ קינד. נאָך דעם ווי זײַן פרוי האָט זיך אויפגעהאַנגען, האָט דער בעקער חתונה געהאַט מיט פריידלען.

ביידע מײַנע חברטעס, מאַכליע און מיכליע, זענען שפּעטער צוזאַמען מיט זייערע אייגענע פאַרשפּאַרט געוואָרן אין בערעזער געטאָ און אומגעקומען צו גלײַך מיט אַלע אָרטיקע ייִדן.

צוליב מײַן פאָרן אַהיים אויף פּסח, האָט מען אין דער גימנאַזיע צוגענומען פון מיר די הויפּטראָל אין דער פאָרשטעלונג „דער צווייטער טויער", אַ קינדער־פּיעסע פון האַלינאַ גורסקאַ. כ'האָב אָבער דעקלאַמירט אַ פראַגמענט פון פּרצעס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און זיך באַטייליקט אין אַנדערע סצענקעס.

אין ראַמען פון אונדזערע שולאַרבעטן האָב איך אָנטייל גענומען אין צונויפשטעלן די שטודיע „הונדערטער יאָרן פון פּוילישן ייִדנטום".

מיט דער גימנאַזיע זענען מיר געפאָרן אויף אַן עקסקורסיע קיין גדיניע און גדאַנסק. די בערעזער שילעריִנס זענען לויט אַ באַשלוס פון דער אַלגעמיינער שילער־פאַרזאַמלונג באַפרײַט געוואָרן פון צאָלן רײַזע־הוצאות. מיר האָבן געזען דעם ים, דעם פּאָרט, נײַע גרויסע שטעט. אַליין דאָס פאָרן מיט דער באַן איז געווען פאַר אונדז, קליינשטעטלשע, אַן איבערלעבונג. פאַר מיר האָט זיך ווי געעפנט אַ וועלט, וואָס פון איר האָב איך נאָר געהאַט אַ געוויסן באַגריף פון די געלייענטע ביכער. און דאָ — געזען אַזוי פיל מיט די אייגענע אויגן!

אין צווישן האָט מיר פּאַסירט אַ גליק. אַ דאַנק דער שילעריִן נעמי גלאָגאָווסקי האָט מיך אַרײַנגענומען צו זיך די משפּחה רײַזנער. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע פון דער ביאַליסטאָקער ייִדישער צײַטונג. די פרוי רײַזנער איז געווען באַזונדערש ליב צו מיר, פלעגט מיך אָפּהיטן איך זאָל זיך וואַשן מיט הייס וואַסער און מיר געגעבן געשמאַקע מאַלצײַטן. בײַ זיי, אויף כמיעלנע 2, האָט זיך שפּעטער אָרגאַניזירט דער אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ. זייער טאָכטער, נחמה, מײַן חברטע, און זייער ייִנגעלע זענען אומגעקומען אין די נאַצישע שחיטות. רײַזנער איז געבליבן

לעבן. אים האָבן די דײַטשן געהאַט פאַרשלעפּט אויף אַרבעט אין זייער געהיימער דרוקעריַי פון פאַלשע באַנקנאָטן. זײַן בוך וועגן אומקום פון ביאַליסטאָקער געטאָ האָב איך שפּעטער געלייענט.

כ׳געדענק ניט גענוי, ווי איך האָב זיך באַקענט מיט איצל סטאָם, אַ שילער פון גוטמאַנס גימנאַזיע. אין די אָוונטן פלעגן מיר שפּאַצירן זיך האַלטנדיק פאַר די הענט. איך — אין מײַן איין־און־איינציק יום־טובדיק קליידל, אַן איבערגענייטס פון אַ גראַנאַטענעם זײַדענעם מאַנטל. אַ קליינע רויז, צי אַן אַנדער בלימל פלעג איך שטענדיק צוטשעפּען מיט אַ שפּילקע אַנשטאָט צירונג. ער — אין זײַן גרוי־בלויען גימנאַזיסטישן מונדירל — אַ שוואַרצינקער, זגראַבנער סימפּאַטישער בחורל. אין אַ פינצטערן ווינקל אונטער אַ בוים אַרײַנגעכאַפּט פון אים דעם ערשטן קוש. דעם אָוונט האָב איך לאַנג ניט געקענט אײַנשלאָפן. געלעגן אין בעט אַ באַרוישטע מיט אָפענע אויגן, געשוועבט אין אַ זיסן טומאַן. אַ דאַנק אים האָב איך אויף די שפּאַצירן זיך באַקענט מיט ביאַליסטאָק, וואָס האָט געשפּרודלט מיט יידן און אַ ייִדישן קולטור־לעבן. מיר האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבער די שטאָטישע אָרעמע ייִדישע קוואַרטאַלן — די פּיאַסקעס, כאַנײַקעס. פון יעדער באַגעגעניש מיט אים פלעג איך שטענדיק צוריקקומען אַן אויפגעלייגטע, גליקלעכע און אומגעדולדיק געוואַרט אויף די קומענדיקע באַגעגענישן.

און אָט איז שוין דער סוף פונעם שוליאָר. איצל האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע, געמאַכט מאַטורע, און איך האָב זיך געקליבן פאָרן אַהיים. חברה האָט זיך צונויפגעקליבן בײַ מײַן שטוב. איצל האָט געדונגען אַ דראָזשקע, וואָס האָט מיט זײַטיקע וועגן אונדז אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. אויפן וועג האָבן מיר געזונגען, פריילעך געפילדערט. איצל האָט אַלעמען צעטיילט פּעראָן־בילעטן און חברה האָט מיך אַרײַנגעבאַגלייט אין וואַגאָן.

איצל האָט זיך געקליבן מיט זײַנע אייגענע צו עמיגרירן קיין דרום־אַמעריקע. כ׳ווייס ניט, צי זיי האָבן באַוויזן. כ׳האָב מער קיינעם

פון מײַנע טײַערע שול־חברים ניט געזען. זיך געזעגנט פון זיי אויף אייביק אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל, זומער 1939, ערבֿ דער מוראדיקער צווייטער וועלט־מלחמה.

איצט ווייס איך, אַז מײַנע חברטעס פון קלאַס איטע שולמאַן איז אין אַמעריקע און נעמי גלאַגאָווסקי — אין אויסטראַליע. לאהקע יעדוואָב געפינט זיך אין פּאַריז. די נעמען פון עטלעכע חברים פון דער ייִדישער גימנאַזיע דערמאָנט בערל מאַרק אין זײַן בוך וועגן אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

ס'ברעכט אויס דער צווייטער וועלטקריג

אויף די וואַקאַציעס אָנגעקומען קיין קאַרטוז־בערעזע פּאַר טאָג. אַרײַנגעקראָכן אַ מידע אין דער מאַמעס בעט. זיך גוט אויסגערוט און שוין לויף איך אַרויס אין גאַס זיך צו טרעפן מיט חברה, געקומענע אַהיים פון ווילנע, פּינסק, ביאַליסטאָק: וואָוויק און מוליק לעווינזאָן,ביידע ניאָמע זאַקהיימס, לאָזער שטוקער, שרהלע און משהל רעזניק, איצל גאָבערמאַן און אַנדערע.

מיר האָבן גוט פאַרבראַכט דעם זומער — ביַים טײַך, אין וואַלד, געשפּאַצירט אויפן שאָסיי. מײַנע עלטערן זענען געווען שטאָלץ, ווען די שכנים האָבן זיי פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל זיך פאַרנעמען אַ שעה אין טאָג מיט זייערע קינדער, און, פאַרשטייט זיך, באַלד מסכּים געווען. איך, דערקעגן, בין דערפון ניט געווען באַגײַסטערט — ווידער אַרבעטן אַנשטאָט זאָרגלאָז פאַרברענגען די צײַט. צי האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען, מײַנע עלטערן, אַז ס'קומט מיר אַ ביסל אָפּרו און הנאה האָבן נאָך אַ שווערן לערניאָר און לעבן אין דחקות?

ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן צו לערנען מיט זיי אַכט קינדער. די לעצטע שעה איז געווען ביַים פאָטאָגראַף עשמאַן. על־פּי־רוב איז דאָרטן געשטאַנען אַ געדרודער פון די פויערים, וואָס פלעגן קומען מאַכן פאַספּאָרט־פאָטאָגראַפיעס ערב זייער אַרויספאָר קיין דרום־אַמעריקע — אורוגוויַ, בראַזיל, פּאַראַגוויַ — מיט דער האָפע־נונג צו געפינען פּרנסה און אויסבעסערן זייער בידנע לעבן. ווען ס'איז געווען שטיל אינעם וואַרטצימער, פלעג איך פון מידקייט אין מיטן דער שעה אײַנדרעמלען אין גרויסן לעדערנעם פאָטעל.

צום בעסטן איז געווען ביַים דאָקטער אַריאָן, אונדזער שכן,

אַ שיינער, אינטערעסאַנטער מענטש. זײַן ווײַב, אַ סך עלטער פֿון אים, האָט אים אויסגעהאַלטן בעתן שטודירן מעדיצין. ווי אַ דאָקטער האָט ער געהאַט דערפֿאָלג, אַ גרויסע פּראַקטיק. די שענסטע פּרויען פֿון דער געגנט האָבן ליב געהאַט בײַ אים זיך צו קורירן. בייזע צינגער האָבן גערעדט, אַז זײַן שיינע דינסט האָט געמוזט האַלטן ריין איר בעט, ווײַל אין די נעכט איז דער דאָקטער געווען בײַ איר אַן אָפטער גאַסט... מיט זײַן אַבט־יעריקן זון, וויטעק, האָב איך געדאַרפֿט זיך פֿאַרנעמען שעהען. פֿלעג איך מיט אים לייענען ביכלעך, געמאַכט מיט אים דיקטאַנטן אָדער סתּם געשמועסט בײַם קײַלעכדיקן טיש אין שיינעם גאָרטן זייערן.

דער טשערעשניע־בוים אינעם דאָקטערס גאָרטן מיט די זאַפֿטיקע פּרוכטן האָט מיך ניט געלאָזט צו רו. האָב איך טאַקע איין מאָל אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן בוים און געלייגט די טשערעשניעס גלײַך אין מויל אַרײַן. דער פֿענצטער פֿון ד״ר אַריאַנס קאַבינעט איז געווען קעגן איבער. האָט ער באַמערקט מײַן טועכץ, איז אַרויס, אַראָפּגע־צויגן מיך פֿון בוים און אַ פּאַטש געטאָן מיך אין הינטער־חלק, מיך, די לערערין...

די גרויסע, זאַפֿטיקע טרוסקאַפֿקעס אין זײַן גאָרטן פֿלעג איך רײַסן פֿויזענדיק אויף דער ערד, אַז דער דאָקטער זאָל מיך ניט זען און ניט כאַפּן אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרברעכן...

פֿאַרן געלט וואָס איך האָב פֿאַרדינט פֿון די געגעבענע שעהען האָבן מײַנע עלטערן מיר געקויפֿט אַ קליין מאָזער־זייגערל מיט אַ שיין פֿאַסעקל. דאָס זייגערל האָט מיר געדינט לאַנגע יאָרן. פֿונעם פֿאַרדינטן געלט האָב איך אויך באַצאָלט דער דענטיסטקע פֿאַרן היילן מיר די ציין, פֿון וועלכע איך האָב צרות דאָס גאַנצע לעבן.

און אָט ענדיקן זיך די וואַקאַציעס. איך בין געווען צופֿרידן וואָס מען האָט דעם אָנהייב שוליאָר אָפּגעלייגט אויף עטלעכע טעג. באַלד האָבן מיר אָבער פֿאַרשטאַנען די סיבה — ס׳האָט געשמעקט

מיט מלחמה. און אַזוי איז עס אויך געווען. דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 איז נאַצי־דײַטשלאַנד אַנגעפאַלן אויף פּוילן. ס'איז אויסגע־בראָכן דער צווייטער וועלטקריג.

מיר הערן זיך צו מיט שפּאַנונג ווי דער ראַדיאָ גיט איבער דעם גאַנג פון דער מלחמה, די באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע. ייִדן זענען צעשראָקן. אַ סך געדענקען די ערשטע וועלט־מלחמה און דערמאָ־נען עס מיט ציטער. אַנדערע פּרובירן זיך טרייסטן, אַז דעמאָלט זענען די דײַטשן געווען גוט צו ייִדן...

כּדי אויסצומײַדן די מלחמה־האַנדלונגען האָט אַ גרופּע ייִדן, בתוכם מײַנע טאַטע־מאַמע, באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און פאָרן אין דאָרף ספּאָרעווע, וווּ ס'האָבן געלעבט לייזער אַבראַמאָוויטש און די ראַטנערס מיט זייערע משפחות. דאָס דאָרף איז געווען באַקאַנט אַ דאַנק דעם עקספּאָרט פון ראַקעס קיין אויסלאַנד, וועלכע מען האָט געכאַפּט אין דער דאַרטיקער אָזערע. נאָך אונדזער אָנקום האָט מען געקאָכט פאַרן עולם גאַנצע עמערס מיט קאַרטאָפל צו עסן מיט זויערע אוגערקעס.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די רוסן, און ניט די דײַטשן, פאַרנעמען אונדזער געגנט. מיט גרויס פרייד האָבן מיר זיך געלאָזט צוריק אַהיים אין פורלער, אָנגעלאָדענע מיט אונדזער ביסל האָב־און־גוטס. אויפן וועג זענען אונדז באַפאַלן פויערים, געשלאָגן מיט שטעקענער, געדראָט מיט מעסערס. מיר זענען זיך צעלאָפן און זיי האָבן צוגענומען אונדזערע זאַכן, שרײַענ־דיק: „וואָס דײַנס איז מײַנס! איצט איז קאָמוניזם און אַלץ איז אַלעמענס!"

אַ קליינעם טייל פון אונדזערע זאַכן האָט שפּעטער פּאָליציי אויפגעזוכט און אונדז צוריקגעגעבן.

די באַפעלקערונג, בעיקר די ייִדן, האָבן אויפגענומען דאָס סאָוועטישע מיליטער מיט בלומען. די סאָוועטן האָבן „אויסגע־שטרעקט אונדז אַ ברידערלעכע האַנט" און אָנגעשלאָסן צו ווײַס־

רוסלאַנד. דאָס לעבן אין אונדזער שטעטל האָט זיך איצט אין גאַנצן געענדערט. די קראָמען האָט מען פאַרמאַכט. אויך אונדזער קרעמל האָט מען ליקווידירט. ס׳איז געוואָרן פּוסט אויפן מאַרק — אויס מיט די ירידן, אויס מיט די מאַרקטעג, אויס מיטן האַנדל־וואַנדל. מײַן טאַטע האָט צום גליק באַקומען אַ שטעלע פון אַ מלוכה־אַנגעשטעלטן. די מאַמע איז געוואָרן קאַסירערין אין אַ גאַרקיך, וואָס מען האָט געעפנט אין אַ מויער אויפן מאַרקפּלאַץ.

די סאָוועטישע מאַכט האָט געצוווּנגען די פאַרמעגלעכערע אײַנוווינער אָוועקצוגעבן אַ טייל פון זייערע וווינונגען, באַנוגענען זיך מיטן לעבן אין ענגשאַפט און מיט פּראָסטער אַרבעט. דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט מען ווידער פאַרוואַנדלט אין קאַזאַר־מעס פאַר אַרמייטיילן, איצט — סאָוועטישע.

דער ערשטער וואָס האָט געעפנט דעם טויער פון לאַגער, אָנהייב סעפּטעמבער 1939, איז געווען מיכאַל סעמיאָן. אים האָבן די פּאָליאַקן דאָ געהאַט פאַרשפּאַרט פאַר קאָמוניזם מיט עטלעכע וואָכן צוריק. די וועכטער פון לאַגער זענען פאַרשוווּנדן, האָבן די אַרעסטאַנטן אויפגעפּראַלט דעם טויער און זיך צעלאָפן אין אַלע ריכטונגען, ניט פאַרהאַלטנדיק זיך אין בערעזע אויף קיין רגע.

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען באַפאַלן דעם קאָנצלאַגער און צעראַבעוועט די שפּײַכלערס, וואָס זענען געווען פול מיט עסנוואַרג. בערעזער ייִדן האָבן זיך אָרגאַניזירט בכדי אײַנצושטעלן אַ שטיקל אָרדענונג אין שטעטל. איינער פון זיי, קאַמענעצקי, איז אין דער מהומה דערהרגעט געוואָרן.

און דאָ וויל איך איבערגעבן מיכאַל סעמיאָנס דערציילונג וועגן בערעזער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין די לעצטע וואָכן פון זײַן עקסיסטענץ.

אין אויגוסט 1939, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז היטלער גרייט זיך צו באַפאַלן פּוילן, האָבן אַ סך רעוואָלוציאָנער געשטימטע

יוגנטלעכע געפּאָדערט געווער, בכדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דײַטשן. די פּוילישע מאַכט האָט באַפוילן די אַלע יוגנטלעכע צו אַרעסטירן און אינטערנירן אין לאַגערן.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק און אומגעגנט הונדערטער אַזעלכע יוגנטלעכע און זיי פאַרשפּאַרט אין דער שטאָ־טישער תּפיסה. דערנאָך האָט מען זיי אָנגעלאָדן אין בהמות־וואַגאָנען, אָן עסן און טרינקען, ניט דערלויבט צו רעדן צווישן זיך. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער צוג אין ערגעץ זיך ניט פאַרהאַלטן און אָנגעקומען באַגינען אין בלודניע, בערעזער באַנסטאַציע. דאָ האָט מען די וואַגאָנען געעפנט און באַפוילן די מענטשן זיך אויסשטעלן צו פיר אין אַ ריי. אַרומגערינגלט פון מיליטער האָט מען זיי געטריבן פון וואָקזאַל צום קאַרטוז־בערעזער קאָנצלאַגער.

מען איז געבליבן שטיין בײַם אַרומגעזוימטן טויער מיט שטעכל־דראָט. פון לאַגער איז אַרויס אַ פּאָליציאַנט און געוואָרנט, אַז אין לאַגער איז שטרענג פאַרווערט צו רעדן צווישן זיך, ניטאָ קיין ביטעס און קיין פאַרקלאָגן זיך. יעדער באַפעל פון אַ פּאָליציאַנט מוז אויסגעפירט ווערן אָן דערווידערונג — פּינקטלעך און אויפן אָרט.

סעמיאָן האָט דערציילט, אַז אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, זענען זיי דורכגעלאָפן דורכן טויער און אַרײַן אין אַ לאַנגן מין קאָרידאָר פון שטעכלדראָט. בײַ די זײַטן זענען געשטאַנען פּאָלי־ציאַנטן און געשלאָגן איבער די קעפּ פון די געבראַכטע מענטשן. ווי איז געווען צו דעם, וואָס איז לויפנדיק געפאַלן. מען האָט אים פּשוט אַרויסגעוואָרפן אינעם „טויטפּלאַץ נר׳ 1״.

אונטער אַ דאַך, אין די לאַגער־בנינים, פלעגט מען די מענטשן אַרײַנטרײַבן בלויז אויף בײַנאַכט. שטייענדיק, מיט געשוואָלענע פיס, האָבן זיי געמוזט דורכהאַלטן די נאַכט. אין דער פרי — „איבונגען״ אויפן פּלאַץ. דערבײַ האָט מען אָן אויפהער באַקומען קלעפּ פון די פּאָליציאַנטן און זייערע געהילפן — די קרימינעלע אַרעסטאַנטן.

איין מאָל אין טאָג האָט מען געגעבן עסן — צו הונדערט גראַם

קלעפּיק ברויט און אַ האַלבן ליטער געקאָכטע קליַיען. די „איבונ־גען" זענען באַשטאַנען אין אויסגראָבן גריבער, אַוועקשטעלן אין זיי מענטשן און פאַרשיטן ביזן האַלדז, בלויז דער קאָפּ זאָל זיך אַרויסזען. דערנאָך אָפּגראָבן די ערד, אַרויסלאָזן דעם מענטש פון גרוב און אַריַינשטעלן אַהין אַן אַנדערן. ווען אַ פּאָליציאַנט האָט באַמערקט, אַז עמעצער חלשט אָדער שטיקט זיך, האָט ער געהייסן דעם מענטש אַרויסנעמען, אָבער אויף זיַין אָרט איז באַלד פאַרשאָטן געוואָרן אַ צווייטער.

הינטער יעדער געבייַדע איז געווען אַ גאַנץ טיפע גרוב, וואָס איבער איר איז געלעגן אַ דיקע ברעט. דאָס איז געווען דער קלאָזעט. אויף צו דערליידיקן זייערע מענטשלעכע באַדערפענישן פלעגט מען ברענגען אַהער אַ שורה אַרעסטאַנטן. לויט אַ קאָמאַנדע פלעגן זיי דאַרפן אַרויפגיין אויף דער ברעט. אַ פּאָליציאַנט פלעגט אָפּציילן ביז דריַי, און אַלע האָבן געדאַרפט ווערן פאַרטיק אַראָפּצוגיין, אַניט — איז מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, וואָס אַ קרימינעלער באַנדיט איז געווען אויף דעם ממונה אַראָפּצולאָזן.

די ווונדן אויף די קעפּ פון די אַרעסטאַנטן האָט מען ניט געלאָזט אָפּוואַשן, שוין אָפּגערעדט, אַז מען האָט זיי ניט געהיילט. די מענטשן זענען דאָ געוואָרן אַזוי פאַרענדערט, אַז באַקאַנטע האָבן ניט דערקענט איינס דעם אַנדערן. טשיקאַווע, אַז אַ דיַיטשישער עראָפּלאַן פלעגט אָפּט אַראָפּוואַרפן פּראָקלאַמאַציעס, אַז מען וועט אין קורצן דורך זיי באַפריַיט ווערן...

ניַינצן טעג און נעכט האָבן די פּוילישע פּאָליציאַנטן אַזוי געפּייַניקט די מענטשן אין קאַרטוז־בערעזער קאָנצלאַגער. אין דער נאַכט פון 18טן סעפּטעמבער 1939 האָט מען דערהערט אין די קאַמערן, אַז ס'עפענען זיך טירן און מען פירט אַרויס פון זיי מענטשן. דערנאָך האָט מען געהערט אַ שיסעריַי. זיבעצן אַרעסטאַנטן זענען דערשאָסן געוואָרן. מער האָט די פּאָליציי ניט באַוויזן. זי האָט באַקומען אַ באַפעל צו אַנטלויפן, וויַיל עס ביַיט זיך די מאַכט. עס

דאַרפֿן אָנקומען די דײַטשן אָדער די רוסן. פֿיר אַ זייגער פֿאַר טאָג זענען נאָך אַלע טירן געווען פֿאַרמאַכט אויף די שלעסער. אָבער אויף די וואַכטורעמס האָט מען שוין קיין פּאָליציאַנטן ניט געזען.

אין לאַגער האָט מען געהערט אַ געלויף, אַ קלאַפּן אין די בלעכענע רינוועס און דאָס געשריי: „איר זענט פֿרײַ! די באַנדיטן זענען אַנטלאָפֿן!" דאָס האָבן איניציאַטיוופֿולע אינטערנירטע גע־געבן צו וויסן זייערע לײַדנס־ברידער, אַז די ישועה איז געקומען.

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אין דרויסן, געלאָזט זיך צום טויער בכדי זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער אַרומצוימונג. בײַם טויער האָבן זיך אָבער אָוועקגעשטעלט אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן־בענדעראָווצעס און בלאָקירט דעם וועג טענהענדיק, אַז ערשט ווען די דײַטשן וועלן קומען, וועלן זיי אָפּקלײַבן — וועמען אַרויסצו־לאָזן און וועמען — ניט.

פֿאַרן לאַגער האָבן זיך אָבער צונויפֿגעקליבן אויף פֿויערים פֿון אַרום און בערעזער אײַנוווינער מיט אַ ביסל געווער און פֿאַרטריבן די אוקראַיִנישע באַנדיטן. די אינטערנירטע האָבן געכאַפּט איינעם פֿון די הויפּטגעהילפֿן פֿון די פּאָליציאַנטן, דעם קרימינעלן פֿאַרברע־כער, וואָס פֿלעגט שלאָגן די אַרעסטאַנטן מכּות־רצח, באַזונדערש לעבן קלאָזעט, ציילנדיק ביז דרײַ, די מענטשן זאָלן ווערן פֿאַרטיק. איצט האָט מען אָפּגעציילט ביז דרײַ און דעם פֿאַרברעכער אַרײַנ־געוואָרפֿן אין אַ קלאָזעטגרוב.

בײַם טויער זענען געשטאַנען מיט פֿולע קוישן פּויליש, ייִדישע און ווײַסרוסישע פֿרויען און מענער, געוואָרפֿן זיך אויף די העלדזער פֿון באַפֿרײַטע קרובים און באַקאַנטע, געקושט זיך און געוויינט...

צווישן די ערשטע וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן אויף דער פֿרײַ, איז, ווי שוין געזאָגט, געווען מיכאַל סעמיאָן, פֿון וועלכן מיר האָבן זיך דערוווּסט די אויבן געבראַכטע מוראדיקע פּרטים.

אין סאָוועטישע באַדינגונגען

נאַצי־דײַטשלאַנד האָט אָקופּירט פּוילן. עס דערגייען צו אונדז טרויעריקע גרוסן וועגן גורל פון די ייִדן. אויפן מערב־פראָנט איז רויִק. מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן די דײַטשן אַ ניט־אָנפאַלפּאַקט. אין בערעזע, ווי בכלל אין יענעם טייל פּוילן וואָס איז אַריבער צו די סאָוועטן, שטעלט זיך אײַן דאָס לעבן אין די נײַע באַדינגונגען. רויטע פאָנען, פּלאַקאַטן, פּראָפּאַגאַנדע. מען רעדט וועגן פרײַהייט און מען פירט דורך אַרעסטן פון „פײַנדלעכע עלעמענטן" — פאַר־מעגלעכע תּושבים, אָנפירערס פון „רעאַקציאָנערע" פּאָליטישע פּאַרטייען... ס'ווערט אַלץ שווערער מיט שפּײַזפּראָדוקטן. פון די געשעפטן זענען כּמעט אַלע סחורות פאַרשוווּנדן. אָבער ייִדן זענען צופרידן, אַבי ניט די דײַטשן. מען לעבט מיטן הײַנט. מיר, יוגנטלעכע, טראַכטן געוויס ניט וועגן מאָרגן. מען זינגט די נײַע סאָוועטישע לידער, פולע מוט און פרייד...

בײַ אונדז אין שטוב האָט זיך באַוויזן נײַ מעבל, וואָס די עלטערן האָבן אָפּגעקויפט בײַ פּאָליאַקן — „אָסאַדניקעס", וועלכע די סאָ־וועטן האָבן אַרויסגעפירט ווי ניט קיין זיכערן עלעמענט. אין מײַן צימער האָט מען אַרײַנגעשטעלט אַ פּליושענע סאָפע, אַ קליידער־שאַפע און אַ טישעלע מיט אַ ראַדיאָ. אין עסצימער און אין קיך — בופעטן. אַ זאַקאָפּאַנער טעפּער האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ וואַנט אין שלאָפצימער פון טאַטע־מאַמע.

די עלטערן זענען זעלטן־ווען געווען אין דער היים. פלעגן מײַנע חברים זייער גערן זיך צונויפקומען בײַ מיר אין צימער. כ'האָב איין מאָל אָנגעציילט אַזש אַכצן ייִנגלעך און פינף מיידלעך. מיר פלעגן רעדן וועגן אונדזערע לימודים אין די גרעסערע שטעט,

דערציילן ווי מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט די פריִע צײַט. און, פאַרשטייט זיך, מען זינגט געשמאַק די סאָוועטישע לידער...

מײַן סימפּאַטיע איז דאַן געווען לאָזער — אַן אינטעליגענטער יאַט, וואָס האָט זיך געלערנט אין ווילנע, געווען אַן אָנפירער אין „השומר הצעיר". צו מײַן באַדויערן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אין ווילנע אַ מיידל און מיר האָט ער געעצהט „אַרויסרײַסן דעם צאָן וואָס טוט וויי" — ס'הייסט, פאַרגעסן אין אים. לאָזער איז שפּעטער געווען אין דער בערעזער געטאָ־פּאָליציי. דערנאָך אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אין וואַלד אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ טויטאורטייל.

אונדזער גרעסטער פאַרגעניגן איז דעמאָלט געווען — טאַנצן. געטאַנצט האָט מען אויף אַ קײַלעכדיקן הילצערנעם דיל אין גלחס גאָרטן אונטער די קלאַנגען פון דעם בלאָז־אָרקעסטער פון בערעזער פײַער־לעשער.

אין בערמאַנס מויער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קולטור־קלוב. מיר האָבן דאָרטן אַרויסגעגעבן אַ וואַנט צײַטונג און געגרייט פאַרשטעלונגען און קאָנצערטן. ס'פלעגן פאַרקומען ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן. און אַלץ, פאַרשטייט זיך, באַפאַרבן פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע.

מיר זענען אַלע געווען יונג און זאָרגלאָז, געזונט און פריילעך, ניט געקוקט וואָס אין דער וועלט האָבן זיך וועלטן איבערגעקערט. נאָך פּוילן האָט היטלער געשאַרפט זײַנע נעגל אויף גאַנץ אייראָפּע, אויף דער גאַנצער וועלט.

און מיר האָבן זיך פאַרבראַכט. כ'האָב געהאַט דערפאָלג בײַ די יינגלער. ניאָמע זאַקהיים האָט מיר צוגעשיקט זײַן טאַגבוך, ווו ער האָט יעדן טאָג געהאַט וועגן מיר וואָס צו שרײַבן. למשל, ווי ס'פּאַסט פייגעלען דאָס רויטע קליידל...

די יונגע סאָוועטישע אָפיצירן, וואָס זענען אײַנגעשטאַנען אין אונדזער שטעטל, פלעגן זיך שאַרן צו די מיידלער. לאהקעלע

בערקאָוויטש האָט זייער יונג חתונה געהאַט מיט אַן אָפיציר און זיך טאַקע אַ דאַנק דעם געראַטעוועט. צו מיר האָט זיך אויך דערנענטערט דער לייטענאַנט דערעוויאַגין, אַ שיינער יונגער רוס. ווען מײַן טאַטע האָט זיך דערפון דערוווּסט, מיך געכאַפּט מיט אים שפּאַצירן, האָב איך באַקומען יענע פּאַרציע.

די אויטאָרין אין בערעזע, 1941

צוויי ייִנגלעך, איצל גאָבערמאַן און משהלע בערנשטיין האָבן מיר נאָכגעשפּיאָנירט, ווו איך שטיי און גיי. איצל האָט מיר געשענקט זײַן פאָטאָגראַפיע מיט אַ פּאַראַפראַזע פון מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעוש״: „דו ביסט ווי ס׳געזונט, נאָר דעם איז מעגלעך דיך אָפּצושאַצן, ווער ס׳האָט דיך פאַרלוירן״...

משהלע בערנשטיין פלעגט מיט מיר שמועסן וועגן ליטעראַטור, אַ סך דערציילט וועגן ראַבינדראַנאַט טאַגאָר און דערקלערט פּאָע־טיש־בילדעריש, אַז ער, משהלע, איז גרייט אָוועקצוגעבן מיר אַ גלאָז מיט זײַן בלוט... ער האָט שוין דאַן זייער שיין געצייכנט, געמאָלן פּלאַקאַטן פאַר די סאָוועטישע יום־טובים. מען האָט גע־פילט, אַז עס וואַקסט אַ טאַלאַנטפולער מאָלער.

אַלצדינג גוט און שיין. מען מוז אָבער טראַכטן וועגן תּכלית — לערנען ווײַטער. און אין בערעזע איז נאָך אַלץ קיין מיטלשול ניט געווען אָרגאַניזירט. ווערט באַשלאָסן: איך פֿאָר לערנען קיין פּרוזשענע, אַ פּאָוויאַטאָווע שטעטל מיט עטלעכע מיטלשולן — אַ פּוילישע, אַ העברעישע, וואָס איז בײַ די סאָוועטן געוואָרן אַ ייִדישע. אַגב, אין פּרוזשענע האָט געוווינט מײַן פֿעטער, דער ייִדישער שרײַבער יאָסל באַביטש.

אָבער געוווינט האָב איך בײַ מיין חברטע, חיהקעלע גלעזער. כאָטש די גלעזערס זענען געווען ניט־פֿאַרמעגלער, האָבן זיי מיך אַרײַנגענומען צו זיך אויף אַ פּאָר חדשים, ביז איך וועל זיך אײַנאָרדענען בעסער, און זיך געטיילט מיט מיר מיטן ביסל קרופּניק און שטיקל שוואַרצן ברויט. אויף וויפֿל איך געדענק האָבן מײַנע עלטערן זיי גאַנץ ווייניק געצאָלט. האָב איך עד־היום צו זיך טענות, ווי האָב איך עס ניט פֿאַרשטאַנען, אַז איך בין פֿאַר זיי אַן איבעריקע לאַסט.

חיהקעלעס טאַטן, יצחק־עזרא גלעזער, האָבן די סאָוועטן שפּעטער אַרעסטירט, ווײַל ער איז געווען אַן אַקטיווער בונדיסט, און דער „בונד" האָט, ווי באַוווּסט, געגאָלטן דעמאָלט בײַ די סאָוועטן ווי „דער גרעסטער שׂונא פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע"... די גאַנצע משפּחה גלעזער האָט מען דערנאָך אַרויסגעפּירט קיין קאַזאַכסטאַן ווי זיי שטייען און גייען און פֿאַרשיקט אין אַ קליין דערפֿל. אין דער היים איז געבליבן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן, פֿון וועלכן ס'האָבן גענאָסן די רוסן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וועמען מען האָט איבערגעגעבן די וווינונג. איצט לעבט חיהקעלע מיט איר מאַן און טעכטער אין אויסטראַליע. ישׂראליק גלעזער — אין ניו־יאָרק. דער פֿאָטער איז געווויס אומגעבראַכט געוואָרן. די דאָזיקע טײַערע משפּחה דערמאָן איך שטענדיק מיט אַ טיפֿן דאַנק.

די ווינטער־וואַקאַציעס האָב איך פֿאַרבראַכט אין בערעזע. און גוט פֿאַרבראַכט מיט חברים און חברטעס. ס'האָט זיך דערנענטערט

נײַ־יאָר און מען האָט געדאַרפט זיך אומקערן קיין פּרוזשענע.

געפאָרן בין איך אַהין אין אַ פּראַסטיקער נאַכט. די באַן האָט מיך אָבער ניט געבראַכט צום ציל, נאָר איבערגעלאָזן אין זשאַבינקע. כ'האָב געמוזט וואַרטן אויף אַ באַן קיין פּרוזשענע כּמעט אַ גאַנצן טאָג. האָב איך זיך אַרומגעדרייט אויף די פּאַרשנייטע גאַסן פון שטעטל מיט אַ פּריש לעבל ברויט אין די הענט, וואָס האָט מיר געשטילט דעם הונגער.

אַזוי אַרום האָב איך פּאַרשפּעטיקט די לעצטע רעפּעטיציעס צו דעם שולאָוונט, וואָס מיר האָבן געגרייט, און דער רעזשיסאָר האָט מיך אַרויסגעשטופּט פון די אַרויסטרעטונגען. נאָר סײַ ווי בין איך געוואָרן הייזעריק פון יענער פּאַרדרייטער נסיעה קיין פּרוזשענע, האָט עס מיך שוין ניט אַזוי פּאַרדראָסן.

דער טאַנצאָוונט צו דער נײַיאָר־באַגעגעניש איז געווען אַ פּריילעכער, און איך האָב לויטן נומער אויף מײַן קלייד באַקומען אַ סך בריוועלעך מיט סימפּאַטיע־דערקלערונגען.

אַזוי ווי איך האָב אין פּרוזשענער מיטלשול ניט געלערנט קיין פּולן שוליאָר, און די לערן־פּראָגראַם איז אומגעשטעלט געוואָרן לויטן סאָוועטישן סיסטעם אויף צען קלאַסן, האָט מען מיך אַנשטאָט דעם נײַנטן אַראָפּגעזעצט אין אַכטן קלאַס און כ'האָב פּאַרלוירן אַ שוליאָר.

כ'האָב פּאַרלאָזן פּרוזשענע אין אַ שלעכטער שטימונג.

ווען די דײַטשן האָבן אין אַ יאָר אַרום פּאַרנומען דאָס שטעטל, האָבן זיי עס אָנגעשלאָסן צום דריטן רײַך. די ייִדן זענען ניט באַלד אומגעבראַכט געוואָרן. שפּעטער, אין אַ יאָר אַרום האָט מען זיי פּאַרשיקט קיין אוישוויץ, און נאָר געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט. צווישן זיי — דעם אַפּטייקערס טאָכטער בעבאַ עפּשטיין־שקליאַר. אין אוישוויץ איז זי און די כעמיע־לערערין באַרבעל, אַ דאַנק זייערע קענטענישן אין כעמיע, באַשעפטיקט געוואָרן בײַ כּאָוועץ

קינסטלעכע גומיפּלאַנצן, און געגאַסן פֿון אַ בעסערער באַציִונג מצד די דײַטשן.

צום קומענדיקן שוליאָר 1940—1941 בין איך געפֿאָרן לערנען קיין קאָסעווע, אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון בערעזע. אין קאָסעווע האָבן מיר געהאַט קרובים און זיי האָבן מיר טאַקע געהאָלפֿן זיך אײַנאָרדענען.

איך האָב געוווינט בײַ אַן אַלמנה און געשלאָפֿן אויף דער קושעטקע אין עסצימער. אין אַ קליינעם צימער פֿון דער זעלבער דירה האָט מען אײַנגעקוואַרטירט סאָוועטישע אָפֿיצירן, רוסן.

אין קאָסעווע בין איך אָנגעקומען אין אַ ווײַסרוסישער שול. געמוזט זיך אויסלערנען ווײַסרוסיש, איר גראַמאַטיק און ליטעראַטור. געווען איז עס מיר ניט שווער. אויך רוסיש האָט מען דאָ געלערנט.

בדרך־כּלל האָב איך הנאה געהאַט פֿון לערנען. און אויך די פֿרײַע צײַט גוט פֿאַרבראַכט. געזונגען, גענומען אָנטייל אין די שולאָוונטן. מײַנע עלטערן האָבן פּינקטלעך געצאָלט מײַן בעל־הביתטע. פֿאַרן לעצטן חודש האָבן זיי אָבער ניט באַוויזן צו באַצאָלן. איידער כ׳האָב נאָכן שוליאָר זיך געקליבן פֿאָרן אַהיים, האָב איך דער בעל־הביתטע איבערגעלאָזן אַ משכּן — מײַנע זאַכן.

כ׳האָב דאָ, אין קאָסעווע, פֿאַרענדיקט דעם נײַנטן קלאַס פֿון דער צענקלאַסיקער מיטלשול, גענומען דאָס צײַגעניש מיט „אויסגעצייכנט" אויף אַלע לימודים, גענומען מײַן פּעקל בעטגעוואַנט און נאָכן געזעגענען זיך מיט חברים און חברטעס געפֿאָרן אַהיים אויף די זומער־וואַקאַציעס, ניט אַנענדיק, אַז מיר געזעגענען זיך אויף אייביק.

זאָל דאָ אָפּגעמערקט ווערן אַ זעלטענער קאַמף־עפּיזאָד קעגן דעם היטלעריסטישן פֿאַרכאַפּער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קאָסעווע. פּאַרטיזאַנער זענען באַפֿאַלן די דײַטשן וואָס האָבן סטאַ־

ציאָנירט אין שטעטל, זיי צום טייל ליקווידירט, צום טייל פאַרטריבן און געהאַלטן דאָס שטעטל איז זייערע הענט אַ חודש צײַט. געשען איז עס אין אויגוסט 1942.

יוני 1941. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די שול־וואַקאַציעס. דער שיינער זומער אין בערעזע האָט מיך דערוואַרט מיט אַלע זײַנע פאַרגעניגנס: דער טײַך יאַסאָלדע, זײַנע גרינע ברעגעס, די שיינע וועלדער מיט די יאַגדעס, די סעדער מיט די זאַפטיקע פּאַפּיערוווקע־עפּל און באַרעלער, די שוואַרצע קאַרשן און רויטע טרוסקאַפקעס, די פרישע זעמעלעך און בייגל מיט פּוטער, די קריגעלער זויערמילך און סמעטענע, די געשמאַקע קיכל און מאכלדיקער אײַזקרעם — אַלץ צו וואָס איך בין געווען אַזוי אויסגעבענקט אין מײַן האַלב־הונגעריקער עקסיסטענץ אין דער פרעמד. ס׳ווילט זיך ווידער גיין טאַנצן אין די אָוונטן, זען און הערן גוטע רוסישע אַרטיסטן און זינגער, וואָס האָבן בײַ אונדז אָפט גאַסטראָלירט; טרעפן זיך מיט חברה און אויסדערציילן איינעם דעם אַנדערן, ווי ס׳איז אַדורך דאָס שוליאָר.

נאָר געציילטע טעג איז מיר באַשערט געווען צו געניסן פון דער וואַרעמקייט פון מײַן היים. פּלוצעם, מלחמה! נאַצי־דײַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין וועמענס גרענעצן בערעזע איז געווען אײַנגעשלאָסן נאָכן פונאַנדערפאַל פון פוילן.

מלחמה

22סטער יוני 1941. זונטיק. אַ שיינער זומערטאָג. שול־וואַקאַציעס. אַ קאָמפּאַניע יונגוואַרג האָבן מיר אָפּגערעדט זיך צונויפצוקלײַבן בײַ אונדז, אַלע מיט זייערע ראָווערן, און פאָרן אין וואַלד אַרײַן קלײַבן יאַגדעס, פאַרברענגען. ס'זענען געקומען די ברידער לעווינזאָן, די זאַקהיימס, לאָזער שטוקער און אַנדערע. וואָוויק האָט געבראַכט נאַסטורציע־בלימלעך און זיי אַרײַנגעשטעלט אין אַ וואַזאָן אויפן ראַדיאָ בײַ מיר אין צימער. עמעצער האָט דערציילט, אַז אויפן שאָסיי האָט מען געזען אויטאָס מיט פאַרוווּנדעטע, וועלכע מען האָט געבראַכט פון בריסק.

מיר זענען געווען אין גרויסער שפּאַנונג. וואָס געשעט? אפשר מלחמה?

צוועלף אַ זייגער בײַ טאָג האָט דער סאָוועטישער אויסערן־מיניסטער מאָלאָטאָוו אין זײַן רעדע אין ראַדיאָ דערקלערט, אַז נאַצי־דײַטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערקלערט קריג...

וועגן דער עקסקורסיע אין וואַלד האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זײַן. חברה איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַ געדריקטער שטימונג. מײַן חבר וואָוויק איז געקומען צו מיר נאָך אַ מאָל, נאָך מיטאָג, כאַפּן אַ שמועס, זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. די אַנדערע האָב איך שוין מער קיינעם פון זיי קיין מאָל ניט געזען.

פלוצלונג איז דורכגעפלויגן אַ דײַטשער עראָפּלאַן און אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס אויף אונדזער שטעטל. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס'זענען פאַראַן קרבנות. אונדזער משפחה האָט זיך באַהאַלטן אין גאָרטן אונטער דיביימלעך.

אַרום צען ביַי נאַכט באַשליסט מיַין טאַטע צו פאַרלאָזן בערעזע, נאָך דעם ווי ער זעט, ווי די רוסן פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין גרויס בהלה, מיטנעמענדיק וואָס עס לאָזט זיך פון זייערע זאַכן.

און אַזוי ווי מיר קליַיבן זיך צו לויפן, עצהט מיר אַ שכנה אָנצוטאָן אַ זומערדיק זיַידן קליידל און אויף איר — די ווינטערדיקע גימנאַזיע־אוניפאָרעם; אויף זיי — מיַין זומער־מאַנטל און דער מאַמעס ווינטער־מאַנטל. איך פאָלג דער עצה. כ׳טו אָן מיַינע שענסטע טופל מיטן נידעריקן אָפּצאָס — ניַיע און ניט קיין באַק־ווערע. אין בוזעם טו איך אַריַין דאָס זעקעלע מיטן ביסל צירונג, די שול־ציַיגעניש און עטלעכע פאָטאָגראַפיעס. דער טאַטע צעטיילט אונדז צו הונדערט רובל און אַ צעטעלע מיטן אַדרעס פון אונדזערע קרובים אין לענינגראַד. די מאַמע געפינט זיך שוין דאָרטן עטלעכע וואָכן, צו גאַסט ביַי דער שוועסטער, וועלכע זי האָט ניט געזען איבער צוואַנציק יאָר. מיר געזעגענען זיך מיט די שכנים, וואָס פאַרשטייען ניט, פאַר וואָס מיר אַנטלויפן און לאָזן אויף הפקר די שטוב מיטן גאַנצן האָב־און־גוטס. די בעטן זענען געוועזן פאַרבעט, דער טישטעך — אויפן טיש, פרישע בלומען אין וואַזאָן, עסנוואַרג אין דער קיכשאַפע, אין קאַטור, אין שפּיַיכלער. אין גרויסן גאָרטן — פרישע גרינס און פרוכטן. קיינער פון די שכנים האָט ניט געוואָלט נעמען די שליסלען פון אונדזער שטוב...

פונקט פאָרט פאַרביַי אַ וואָגן מיט רוסן. דער טאַטע שטעלט זיי אָפּ און וואַרפט אַריַין אין וואָגן מיַין פעקל בעטגעוואַנט, וואָס כ׳האָב געבראַכט פון קאָסעווע און נאָך ניט באַוויזן אויסצופּאַקן. ער זעצט אַהין אַריַין לייזערקען. בערעלען נעמט ער אויף דער ראַם פון זיַין ראָווער, און איך זעץ זיך אויף מיַין ראָווער מיטן צעבראָ־כענעם פּעדאַל און דעם זאָטל, וואָס דרייט זיך אין אַלע זיַיטן.

אַ פינצטערע נאַכט. מען זעט ניט קיין פיַיערל... די שטוב אונדזערע האָבן מיר שוין קיין מאָל ניט אָנגעקוקט.

צען אַ זייגער זענען מיר אַנטלאָפן, ניט ווויסנדיק, אַז דער

דײַטש געפינט זיך גאָר נאָענט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז פינף אַ זייגער באַגינען זענען נאַצישע חיילות אַרײַן אין שטעטל.

מיר זענען געפאָרן פאַמעלעך מיטן ראַנד פון שאָסיי — אויף מיזרח. הינטערן שטעטל האָבן מיר געזען סאָוועטישע טאַנקען. אין דער פינצטער האָט זיך מיר יעדע ווײַלע געדאַכט, אַז איך פאָר אַרויף אויף אַ זיך וואַלגערנדיקער ביקס אָדער גאָר אַ שטעקן, אויף אַ שטיין אָדער אַ קופּע זאַמד. מיר האָבן געזוכט דעם וועג צו דער געוועזענער פּויליש־סאָוועטישער גרענעץ.

אין שטעטל סטאָלפּצע זענען מיר איבערגעשלאָפן אַ פּאָר שעה אויף אַ האַרטער באַנק, זיך געטראָפן מיט באַקאַנטע און קרובים און געפאָרן ווײַטער.

בײַ טאָג איז דער וועג געווען נאָך מער פאַרפּולט מיט אָפּ־טרעטנדיקע סאָוועטישע אַרמייטיילן און ציווילע פּליטים. כ'האָב געטראָפן עטלעכע יוגנטלעכע פון אונדזער שטעטל. מיר זענען דאָן געפאָרן איינער הינטערן אַנדערן. ס'איז אָבער שווער געווען זיך צו האַלטן צוזאַמען. פון צײַט צו צײַט נידערט אַראָפּ, ממש איבער די קעפּ, אַ דײַטשער עראָפּלאַן און באַשיסט דעם שאָסיי. מיר וואַרפן אַוועק די ראָווערן און באַהאַלטן זיך אין אַ גראָבן אָדער וואַלדראַנד בײַם שאָסיי. נאָך איינער אַזאַ באַשיסונג בין איך געבליבן איינע אַליין, אײַנגעטוליעט אינעם ווינטער־מאַנטל. ניטאָ דער טאַטע, ניטאָ די ברידערלעך. געזען דעם וואָגן אויפן מיטן שאָסיי. אין אים איז געלעגן אַ דערשאָסענע פרעמדע פרוי און דער מאַן אירער האָט אַרויסגענומען פון איר בוזעם אַ פּאַק מיט געלט. אויך דערזען פון דער ווײַטנס, ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ פּאַראַשוטיסט, ווײַזט אויס, אַ דײַטש. כ'האָב זיך דערשראָקן און אויפן צעבראָכענעם ראָווער ווי ניט איז געלאָזט זיך פאָרויס, פאָרויס...

אויף אַ טײַכל איז געלעגן אַ שמאָלע ברעט. איך בין איבער איר דורכגעפאָרן ווי אַן אַקראָבאַט אין אַ צירק. אין אַ וואַלד האָב

איך ווידער איבערגעשלאָפן עטלעכע שעה, אַן אײַנגעטוליעטע אין מאַנטל, כאָטש אין דרויסן איז געווען זומער. אויפגעכאַפּט זיך און ניט געהאַט וואָס צו עסן און טרינקען. זיך געלאָזט אין וועג. אין פּויערשע כאַטעס געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ טרונק וואַסער, און ניט שטענדיק באַקומען. רוסישע סאָלדאַטן האָבן מיך מכבד געווען מיט האַרטע ברויט־סוכאַרעס. איין סאָלדאַט האָט מיר געגעבן אַ פּאָר רובל.

אויפן וועג האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן רוסישן סאָלדאַט פון קאָסעווע. מיר שטעלן זיך אָפּ, כאַפּן אַ שמועס. פּאַרהאַלט אונדז ביידן אַ העכערער אָפיציר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. ער איז חושד, אַז איך בין אַ שפּיאָנקע. אָבער ווען ער הערט פון סאָלדאַט און אויך פון אַנדערע זײַנע חברים די זעלבע ווערסיע וועגן מיר און אונדזער באַקאַנטשאַפט פון קאָסעווע, הייסט ער מיר פרײַנדלעך פאָרן ווײַטער.

אויפן וועג האָב איך באַגעגנט אַ בחורל פון בערעזע. פאָרן מיר שוין צוזאַמען. קומען אָן צו דער געוועזענער סאָוועטיש־פּויליִשער גרענעץ. אַן אָפיציר פאַרהאַלט די פּליטים־מאַסע און לאָזט קיינעם ניט אַרײַן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך בעט זיך בײַ אים, ער זאָל מיך מיט מײַן „ברודערל" לאָזן פאָרן ווײַטער. נאָך אַ קליאַנטשעניש קומט דער זאָג פון אָפיציר, מען זאָל דאָס מיידל אַדורכלאָזן.

מען האָט דורכגעלאָזן אויך דאָס בחורל. מיר פאָרן האַסטיק אַריבער דאָס הילצערנע גרענעץ־בריקל און זעען ווי אַ דײַטשער עראָפּלאַן באָמבאַרדירט דעם אַרום. מיט אַלע כּוחות, פאַרסאָפּעטע און דערשראָקענע, פאָרן מיר ווײַטער. פאָרן דורך צעבאָמבאַרדירטע ייִשובים, ברענענדיקע כאַטעס. מיר שלעפּן זיך, אויסגעשעפּטע, אָן כּוחות, און קומען אָן קיין באַברויסק. די אָרטיקע ייִדן נעמען אונדז האַרציק אויף, גיבן אָפּעסן. לאָזן אונדז זיך אויסבאָדן, איבערנעכטיקן.

אין דער פרי הערט מען, ווי דײַטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען דערנענטערן זיך. לאָזן מיר זיך ווידער אין וועג.

אַ לאָסטאויטאָ איז גרייט אונדז מיטצונעמען, אָבער אָן די ראָווערן. דער בערעזער בחור האָט זיך ניט געוואָלט שיידן פון זײַן ראָווער. מיך האָבן זיי אָבער יאָ אַרויפגענומען מיטן ראָווער. כ׳בין מיט זיי געפאָרן ביזן קרייצוועג האָמעל־מאָגיליעוו. דאָרטן בין איך אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן איבערצוכאַפּן ס׳האַרץ. אַ ייִדישע פרוי האָט מיר אַרײַנגעשטופּט אין די קעשענעס פון מאַנטל פרישע פּירעזשקעס. דער מאַנטל האָט זיך פאַרפלעקט. איך האָב אָבער געהאַט וואָס צו עסן.

מײַן ציל איז לענינגראַד, צו די קרובים און צו דער מאַמען וואָס געפינט זיך דאָרטן. דעם אַדרעס האָב איך אויף אַ צעטעלע, וועלכן כ׳האָב באַהאַלטן אין בוזעם מיט די עטלעכע דאָקומענטן מײַנע. פרעג איך, ווי אַזוי קאָן מען זיך דערקלײַבן קיין לענינגראַד. מען הייסט מיר פאָרן דורך אָרשע.

קיינער פון די פּליטים איז ניט געפאָרן אין יענער ריכטונג. ווען איך האָב זיך דערשלעפּט אַהין, איז די שטאָט געשטאַנען אין פלאַמען. איך פאָר דורך פוסטע גאַסן, פאַרבײַ ברענענדיקע הײַזער. אַ געדיכטער, שטיקנדיקער רויך הילט אײַן די וועלט. כ׳וויל וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם גיהנום.

אַן אויסטערליש בילד שטייט מיר פאַר די אויגן: אַ מיידל, איינע אַליין, אויף פרעמדע וועגן פון אַ פרעמד לאַנד. די שרעק פאַרן אומבאַוווּסטן און פאַרן טויט איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ׳האָב ניט געפילט ניט דעם הונגער, ניט דעם דאָרשט. די ליפּן זענען געווען איבערגעטריקנט און צעשפּאָלטן. אַ סאָלדאַט האָט מיר געגעבן עפּעס אַ שמירעכץ צו די ליפּן. די פיס מײַנע זענען געווען געשוואָלן, אין ווונדן.

קיינער האָט זיך צו מיר, ווי צו אַ מיידל, ניט געטשעפּעט, אָבער עטלעכע מאָל האָט מען מיך אָוועקגעפירט אין מיליץ, ווו

מען האָט מיר באַפוילן זיך אויסטאָן. וואָס האָבן זיי געזוכט — אַ שפּיאָן אָדער גלאַט זיך „געשפּילט" מיט אַ מיידל?

כ'האָב געהאַט מזל און געטראָפן אויפן וועג אַ לאַסטאַויטאָ מיט בערעזער פּליטים — רוסן פון סאָוועטישן מיליטערישן מאַגאַזין, און מיט זיי אויך אַ בערעזער בחור, גלאַצערמאַן, פון דער מיל. זיי האָבן מיר געהאָלפן אַרויפקריכן אויפן אויטאָ, און אַלע זענען מיר געפאָרן קיין סמאָלענסק. איינער פון די רוסן האָט דאָרטן געהאַט זײַן הײַזל. בײַ אים האָב איך זיך אַ ביסל אָפּגערוט, אויסגערוט די פאַרוואונדעטע פיס, אויסצײַענדיק זיך אויף אַ ברייטן רוסישן אויוון.

בלויז אַ פּאָר טעג זענען מיר דאָרטן געבליבן, ווײַל די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שטאָט. מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין אַ פּלאַץ צווישן עראָדראָם, נאַפט־רעזערוואַרן און אַן אַמוניציע־פאַבריק. אַ דײַטשער דעסאַנטניק האָט דאָרטן זיך אַראָפּגעלאָזט און געלאָזן ראַקעטעס צו זייערע עראָפּלאַנען, אָנווײַזנדיק באָמבאַרדיר־צילן. קלאָר, אַז מען האָט געמוזט לויפן ווײַטער.

דעם צעבראָכענעם ראָוער האָב איך סוף־כל־סוף אַוועקגעוואָרפן אין מיטן גאַס און אַוועק צו פוס אין דער ריכטונג צום וואָקזאַל זאַלבע דריט: דער רוס, דער בערעזער בחור און איך. מיר זענען אַרײַנגעשטיגן אין אַ פראַכטוואַגאָן און שפּעטער — אין אַ צוג וואָס איז געפאָרן קיין מאָסקווע. בײַ נאַכט האָט מיך עמעצער אויפגעוועקט און געראָטן צו באַהאַלטן די האַנט מיטן האַנט־זייגערל...

דעם בערעזער בחור האָב איך מער ניט געזען.

מײַן ציל איז געווען לענינגראַד. האָב איך געביטן דעם צוג און זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ וואַגאָן מיט מאָביליזירטע מענער, וואָס זענען געפאָרן אין דער ריכטונג צו לענינגראַד. דער רוס — אויך. כ'האָב זיך צוגעשפּאַרט אַ מידע און אײַנגעשלאָפן. ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך לעבן זיך געפונען אַ גאַזמאַסקע מיט אַ טאָוועלע שאָקאָלאַד, עטלעכע רובל און אַ פּאַטאָ פונעם רוס. ער איז בײַ נאַכט אַראָפּ אויף אַ קליינער סטאַציע...

אין לענינגראַד און איבער רוסלאַנד

פּאַמעלעך דערנענטערט זיך דער צוג צום וואָקזאַל פון לענינגראַד. איך בין געשפּאַנט, אומרויִק. כ׳האָב מורא, אַז מען וועט מיך ווידער פּאַרהאַלטן, ווי אין סמאָלענסק, אַז איך בין אַ שפּיאָנקע: כ׳בין דאָך געווען אַנדערש אָנגעטאָן און אַנדערש אָפּגעשאָרן, ווי די מיידלעך דאָ. מײַנע נײַע גראַנאַטענע „קראָקאָדיל״-טופלעס האָב איך אויפ־געשניטן צוליב די אָנגעשוואָלענע פיס. איין קנאָפּל איז אַראָפּגע־פאַלן, האָב איך דעם צווייטן אַרונטערגעבראָכן, כּדי צו קענען גיין.

ווי זע איך אויס? חשודיק?

גאָט צו דאַנקען, אַדורך בשלום דעם וואָקזאַל. דריי זיך אַרום אַ פאַרלוירענע אין די גאַסן און זוך מײַן מומעס לויטן אַדרעס, וואָס איך האָב געהיט די גאַנצע צײַט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

גייט צו מיר פּלוצלונג צו אַן עלטערע שיינע פרוי. קוקט מיך אָן און שטעלט מיר אויף רוסיש אַ מאָדנע פראַגע: צי אפשר הייס איך פאַניאַ? איך ענטפער, אַז אויף רוסיש רופט מען מיך טאַקע פאַניאַ, אָבער אויף ייִדיש — פייגל.

און דאָ געשעט אַן אומגלייבלעכע זאַך: די פרוי ווערט בלייך און זאָגט, אַז מעגלעך, זי איז מײַן מומע, חיה, אָדער ווי זי הייסט איצט — קלאַראַ, מײַן מאַמעס אַ שוועסטער.

די איבעראַשונג איז גרויס. אַזאַ צופאַל! זיך צו באַגעגענען אין אַ מיליאָנען־שטאָט! די מומע האָט מיך דאָך קיין מאָל ניט געזען. ווי אַזוי האָט זי זיך אָנגעשטויסן דווקא אויף מיר און איר איז אײַנגעפאַלן מיך אָפּצושטעלן, פרעגן?

יאָ, ס׳איז געווען מײַן מומע, וועלכע איך האָב געזוכט... ווען

אַ שרײַבער זאָל אַזאַ עפּיזאָד באַשרײַבן אין זײַנעם אַ בוך, וואָלט מען אַוודאי געזאָגט: עט, פֿלווידערײַ, אַ פֿאַנטאַזיע. אין לעבן קען אַזוינס ניט פּאַסירן...

ווי שוין פֿריִער דערציילט, איז די מומע מיט איר מאַן, דוד גאָלדבערג, צוליב פּאָליטישע סיבות אַנטלאָפֿן פֿון פּוילן קיין סאָ־וועטן־פֿאַרבאַנד און זיך באַזעצט אין לענינגראַד. נאָך דעם ווי בערעזע איז געוואָרן סאָוועטיש, איז מײַן מאַמע געפֿאָרן צו זיי צו גאַסט. די צוויי שוועסטער האָבן זיך דאָך ניט געזען איבער צוואַנציק יאָר! אָפּגעוועזן אַ פּאָר וואָכן אין לענינגראַד, איז שוין די מאַמע געזעסן אין באַן צו פֿאָרן צוריק קיין בערעזע. צוליבן קריגסאויס־בראָך איז די באַן ניט אַוועק אויף מערבֿ, און די מאַמע האָט געמוזט זיך אומקערן צו דער שוועסטער.

און דאָ איז געשען אַ צווייטער נס. ווען מײַן מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי שיִער ניט געחלשט. צי האָט זי זיך געקענט פֿאָר־שטעלן: די מלחמה גייט און איר טאָכטער קומט אַליין אין לע־נינגראַד?!

און וואָס איז מיטן רעשט פֿון דער משפּחה?

כ׳האָב, פֿאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט ווו דער טאַטע און ביידע ברידערלעך זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. איך בין דאָך געבליבן אין וועג איינינקע אַליין.

מען האָט גלײַך צו וויסן געגעבן מײַן באָבע מיטן זיידן — דעם טאַטנס עלטערן — און זײַן שוועסטער, ליובע, און אַ שוועגעריין, וואָס האָבן אויך געוווינט אין לענינגראַד. ביז איצט האָב איך זיי קיין מאָל ניט געזען. ס׳איז מיר זייער אָנגענעם געווען צו זײַן מיט מײַן נײַער משפּחה, וואָס האָט מיך אויפֿגענומען מיט גאָר אַ סך ליבשאַפֿט.

ליובע און איר מאַן — פּראָפֿעסאָר אָשר יפֿה — האָבן געהאַט צוויי קינדער. זיי האָבן מיך אַרומגעפֿירט איבער לענינגראַד. כ׳בין געווען אַנטציקט פֿון די שיינע הײַזער, גאַסן און פּאַרקן. דער טײַך

נעוואַ און דער צאַרישער פּאַלאַץ האָבן געמאַכט אויף מיר אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק.

אין שטאָט האָט זיך געפילט אַן אומרו. מאָביליזאַציע. באַוועגונג פון מיליטער־טיילן. מען האָט געשיצט די דענקמעלער, זיי זאָלן ניט באַשעדיקט ווערן, טאָמער אַ באָמבאַרדירונג. מענטשן האָבן זיך געוויצלט, אַז דעם איינציקן העלפאַנד אין זאָאָלאָגישן גאָרטן דאַרף לויט דער וואַרשײַנלעכקייט־טעאָריע גאָרניט פּאַסירן. אָבער דווקא אים האָט דערהרגעט אַ באָמבע.

מײַנע קרובים האָבן געוווינט אויף סאַלטיקאָוו־שטשעדרין־גאַס, אין אַ הויז פון אַן אַמאָליקן גראַף, וואָס מען האָט צעטיילט אויף עטלעכע דירות. איין באַדצימער און איין קיך מיט אַ גרויסן טיש זענען געווען בשותּפות פאַר עטלעכע משפּחות. דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט מיט נאַפטלאָמפּן צום קאָכן און באַקן פאַר יעדער משפּחה באַזונדער.

אין דער בשותּפותדיקער דירה האָט געלעבט דער באַקאַנטער רוסישער שרײַבער קאַטײַעוו. ער האָט מיך געבעטן דערציילן, ווי אַזוי כ'האָב זיך דערקליבן קיין לענינגראַד און וואָס מיט מיר איז געשען אונטערוועגס.

אין צווישן איז אָנגעקומען דעם טאַטנס אַ בריוו, וואָס ער האָט פון ערגעץ געשיקט קיין לענינגראַד. ער האָט געזוכט די מאַמע און געוואָלט אויך וויסן וואָס עס הערט זיך בײַ זײַן משפּחה — זײַנע עלטערן, שוועסטער און ברודער. אויך ער האָט זיי ניט געזען איבער צוואַנציק יאָר. וועגן זיך האָט ער געשריבן, אַז אין דער מהומה האָט ער לכתּחילה פאַרלאָרן ביידע קינדער. ערגעץ אין אַ וואַלד האָט ער בנס געפונען מײַן ברודער לייזערקע. אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט האָט אים געפירט פאַר אַ האַנט. מען קאָן זיך ניט פאַרשטעלן זײַן פרייד צו געפינען זײַן צען־יאָריקן יינגעלע, וועלכן ער האָט אומזיסט אַרומגעזוכט אויף די וועגן. מיט אים אויף דער

ראָם פון ראָווער, אויף באַנען אויך פורלער האָט ער זיך דערקליבן אין אַ קאָלכאָז אין טאַמבאָווער אָבלאַסט (געגנט) אין צענטראַל־רוסלאַנד.

נאָך דעם ווי מיר האָבן געהאַט דעם טאַטנס אַדרעס, האָבן מיר מיט דער מאַמען באַשלאָסן צו פאַרלאָזן לענינגראַד און פאָרן צו אים. דעם אמת געזאָגט, איז מיר אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט די קרובים. אָבער מיר געזעגענען זיך. דער זיידע גיט מיר אַ מתּנה עטלעכע גאָלדענע מטבעות. דעם זיידן מיט דער באָבען האָב איך שוין מער קיין מאָל ניט געזען. מען האָט זיי געפונען אויסגעגאַנ־גענע פון הונגער אין זייערע בעטן בעת דער בלאָקאַדע אַרום לענינגראַד, וואָס די דייַטשן האָבן עטלעכע יאָר אײַנגעהאַלטן.

אַלע באַגלייטן אונדז צו דער באַן וואָס פאָרט אויף צפון. די באַנען זענען דעמאָלט דירעקט צו צענטראַל־רוסלאַנד ניט געפאָרן. עטלעכע וואָכן האָבן מיר זיך אַרומגעוואַלגערט איבער פאַרשיידענע סטאַציעס, אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע. געבליבן אָן אַ גראָשן געלט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן מיר מיט דער מאַמען פאַר־זוכט דעם אמתן טעם פון וואַנדערער און וואָגל מלחמה־צײַט.

פאָרן האָבן מיר איין מעגלעכקייט — אין פראַכטוואַגאָנען. מיר זיצן אויף דער מאַמעס אַ וואַליזקע. אַזוי טאָג און נאַכט. ווען דער צוג בלײַבט שטיין, שפּרינגט מען אַראָפּ אויפן פעלד צו דערליידיקן די נאַטירלעכע באַדערפענישן. דאָס קומט פאָר פאַר אַלעמען אין די אויגן. קיינער שעמט זיך ניט.

איך האָב זייער געוואָלט זיך צולייגן אין וואַגאָן אויף דער פּריטשע אויבן, ווו די מענער זענען געלעגן. די מאַמע האָט מיר עס אָבער ניט דערלויבט. איין מאָל האָב איך פון דעסטוועגן געפּרוווט, אָבער האַסטיק אַראָפּגעקראָכן, נאָך דעם ווי כ'האָב דער־פילט, אַז מענערשע הענט קריכן צו מיר.

ס'האָט פּאַסירט, אַז אַ יונגער עסטאָנישער יאַט האָט זיך בײַ נאַכט צוגערוקט צו מיר, מיך אַרומגענומען, געקושט, געזוכט ווײַ־

טער... כ'בין באַרוישט געוואָרן פון דער פלוצלונגדיקער ליבע־שפּילערײַ, אָבער באַלד זיך אויסגעטשוכעט און אָפּגעקערט זיך פון אים. ער איז אויף מיר ניט בייז געוואָרן. האָט אונדז שפּעטער געהאָלפן טראָגן די וואַליזקע בײַם איבערזעצן זיך אין אַ צווייטן צוג.

מיר האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן. כ'האָב זיך ניט געשעמט אויפצוהויבן פון דער ערד אַ שטיקל פאַרשימלט ברויט, אָדער בעטן עפּעס צו עסן בײַ די רוסישע אָפיצירן. דאָס באַקומענע האָב איך געבראַכט דער מאַמען אין וואַגאָן אַרײַן.

כ'זע נאָך פאַר די אויגן די סטאַציע מיטשורינסק. מיר זיצן ביידע אַ גאַנצע נאַכט אויף דער וואַליזקע אין דרויסן, אַנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט, ווײַל אין וואָקזאַל האָט מען אונדז ניט אַרײַנגעלאָזט.

זעקס אין דער פרי הייבט אָן דער ראַדיאָ שפּילן דעם שטראַוס־וואַלס „גיב אַ קוק סאַראַ פּראַכט, אַלץ אַרום שטייט שטיל פאַר־טראַכט"... ס'באַווײַזן זיך פויערטעס מיט קוישלעך רויט־זאַפטיקע מאַלינעס, אַזש די סלינע רינט פון די ליפּן. די זון גייט אויף אַלץ העכער. ס'ווערט וואַרעם, אַ מחיה. איך גלעט אויס מײַנע גלידער און שמייכל צו דער שיינער וועלט, וואָס איז פון זינען אַראָפּ...

די שטימונג האָט זיך גאָר שטאַרק פאַרערגערט, ווען כ'האָב אויף דער גומע פון די אונטערהייזלעך געפונען די ערשטע לויז. אוי, די לײַז וואָס האָבן באַפאַלן די וואָגלערס! כ'האָב געזען, ווי אַ פרוי האָט געהאַלטן איר טאָכטערס קאָפּ אויפן שויס און אויף אַ מעסער געקנאַקט די געפונענע לײַז אין אירע האָר. און וואָס איז דער וווּנדער? מאַסן פּליטים — „בעזשענצעס" — האָבן זיך גע־וואַלגערט אויף די וואָקזאַלן — שמוציקע, פאַרוואָרלאָזטע, הונ־געריקע.

אָט זענען מיר אויף דער גרויסער סטאַציע רטישטשעוואָ. עס שטייען דאָ אַ סך עשעלאָנען. לויף איך מיט אַ פלאַש אָנצונעמען געקאָכט וואַסער — „קיפּיאַטאָק". ס'איז ווײַט צום קראַן. קריך איך

אונטער די וואַגאָנען איינצושפּאַרן וועג. פּלוצלונג נעמט די באַן זיך רירן און איך בין אונטער אַ וואַגאָן. קוים באַוויזן פון דאָרטן אַרויסצושפּרינגען. נאָך אַ רגע, און די באַן וואָלט מיך איבער־געפאָרן. דער מאַמען האָב איך עס, פאַרשטייט זיך, ניט דערציילט.

ענדלעך זענען מיר שוין אין טאַמבאָווער אָבלאַסט. די מאַמע שיקט מיך, מיט מיין צעבראָכענעם רוסיש, זיך דערוויסן, ווי אַזוי קענען מיר זיך דערקלייבן צום קאָלכאָז, לויטן אַדרעס אויפן טאַטנס בריוול.

די מאַמע איז געווען אַ יונגע, געזונטע, ענערגישע פרוי, אָבער אַלץ — אין דער היים. זי האָט געקענט רעדן רוסיש. אָבער דאָ, אין דער ווייטער פרעמד, געוואָרן אומבאַהאָלפן און אַפּאַטיש. איך אַליין האָב אַלץ געמוזט טאָן און באַזאָרגן.

אַ פויער וואָס האָט געפירט אַ גרויסע פאַס, האָט אונדז געוויזן דעם וועג צום קאָלכאָז און דערלויבט אַרויפצולייגן די וואַליזקע אויף זיין וואָגן. מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען צו פוס. ביי די רוסישע פרויען האָב איך אויפן וועג געבעטן ברויט און אויך דעם בעל־עגלה געגעבן אַ פּענעץ. פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן טרייבן דאָס פערדל, וועלנדיק אַנטלויפן פון אונדז. מיר האָבן קוים באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן פון וואָגן אונדזער וואַליזקע. פאַרסאָפּעטע, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, האָבן מיר זיך דערשלעפּט צום דאָרף אויף דער פעטער רוסישער שוואַרצערד, וואָס גלאַנצט נאָכן רעגן. קליינע כאַטקעס זענען צעשפּרייט איבערן דאָרף. בלומען און הויכע זונרויזן באַצירן די געגנט. רחבותדיקע תבואה־פעלדער אַרום און אַרום. ביי די סטאַוון שפּילט ווער אויף אַ האַרמאָשקע. יינגלעך און מיידלעך שטיפן אַרום, קוויטשען אויף די וועגענער, אָנגע־לאָדענע מיט אָפּגעשניטענער תבואה. ס'אַ וווּנדערלעכער זומערטאָג.

נאָר פּלוצלונג ווערן אַלע אומעטיק. אַ גרופּע פויערים באַגלייט אַ סאָלדאַט צום פראָנט. דאָס געוויין און דאָס געשריי איז ווי ביי אַ לוויה. מען באַוויינט דעם סאָלדאַט נאָך אַ לעבעדיקן. ס'נעמט מיך

אַרום אַ שוידער. ווען די אַרויסבאַגלייטונג גייט פאַרביי, הייבן מיר אָן צו זוכן דעם טאַטן. אין פעלד ווו ער האָט געאַרבעט ביים שניידן די תבואה, האָט אים ווער אָנגעזאָגט, אַז מען זוכט אים.

גרויס איז געווען אונדזער אַלעמענס פרייד, ווען מיר האָבן זיך דערזען. מען איז געפאַלן זיך קושן און לאַנג איז אונדזער לשון געווען ווי אָפּגענומען. די שימחה איז ניט געווען פול. געפעלט האָט בערעלע. ווו קאָן ער זיין?

זיך אָפּגעטשוכעט פון דער איבערלעבונג, האָט אונדז דער טאַטע אַוועקגעפירט אין קאָלכאָז.

אין דאָרף האָט אַ משפחה פויערים אונדז אָפּגעטראָטן אַ צימער און אַליין זיך באַנוגנט מיטן אַנדערן צימער זייערן. קיין מעבל איז אין אונדזער צימער ניט געווען, בלויז בינטלעך שטרוי, וואָס אויף זיי איז מען געזעסן און אויך געשלאָפן.

די בעלי-בתים פלעגן טאָג-טעגלעך עסן באָרשטש און הירזשע-נע קאַשע. מיר האָבן פון דעם ניט פאַרזוכט, ווייל זיי האָבן אונדז פשוט ניט מכבד געווען.

איך און די מאַמע זענען אויך אַוועק אַרבעטן אין פעלד. דאָרטן פלעגן מיר גנבענען אַרבעס און ביי נאַכט אָפּקאָכן זיי אין אַ קאָנסערוון-פושקע. איין מאָל האָבן מיר דעם מאכל געקאָכט זונטיק ביי טאָג און דאַן ערשט דערזען ווייסע קליינע ווערעמלעך שווימען אין דער זופּ. ס'האָט אונדז אָבער ניט פאַרשאַט, און אַרבעס איז געבליבן אונדזער הויפּט-אַכילה.

מיט אונדז אין קאָלכאָז האָבן זיך געפונען די ברעזער עמע מיט איר מאַן און לייזער יאַלאָם. זיי האָבן זיך מיטן טאַטן באַגעגנט אונטערוועגס און זיך געהאַלטן צוזאַמען. עמע פלעגט גנבענען אוגערקעס, פּויזענדיק אויף אַלע פיר איבער דער בעל-הביתטעס גאָרטן. צו דער אַרבעט אין פעלד איז זי געגאַנגען אין איר נאַכטהעמד, ווייל דאָס איינציקע קליידל וואָס זי האָט געהאַט אויף

זיך, האָט זיך ממש צעשאָטן. די פּויערים האָבן זיך געוווּנדערט, ווײַל ווער גייט עס אין פעלד אַרײַן אין אַ באַלקלייד ?...

מיר האָבן אין קאָלכאָז שווער געאַרבעט, פון באַגינען ביזן פאַרנאַכט. שווערער פון אַלעמען איז עס געווען פאַר מײַן מאַמען. זי האָט ניט געהאַט קיין כּוח פאַר דער אויסמאַטערנדיקער פיזישער האַרעוואַניע אין דרויסן, אונטער דער סמאַליענדיקער זון אָדער שמײַסנדיקן ווינט און רעגן. בײַם שנײַדן די תּבואה און אײַנשטעלן זי אין סנאָפּעס האָבן מיר, ווײַזט אויס, די נאָרמע ניט אויסגעאַרבעט, איז דער לוין געווען זייער אַ נידעריקער.

דער טאַטע האָט פאַרקויפט זײַן גוטן ראָווער, ס'זאָל זײַן אַ ביסל געלט אויף צוצוקויפן ברויט. אָבער די הויפּטזאָרג איז געווען וועגן בערעלען, וואָס ער איז אונדז אויפן וועג פאַרפאַלן געוואָרן. ווו איז ער ? וואָס איז זײַן גורל ? צי לעבט ער ?

און זע ווונדער: מיר האָבן זיך דערוואָרט אויף אים ! דורך די לענינגראַדער קרובים, וועמענס אַדרעס דער טאַטע האָט אויך אים, בערעלען, אַרײַנגעלייגט אין קעשענע, האָט ער זיך דערוווּסט דעם טאַטנס איצטיקן אַדרעס. נאָכן בלײַבן אַליין לויפנדיק פון אָנגרײַפנדיקן דײַטש, האָט ער מיטן פּליטים־שטראָם זיך דערשלעפּט צו דער שטאָט פּענזע. איז דאָרטן אָנגעקומען אין אַ פאַכשול. געלערנט, געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ און באַשפּײַזונג.

דער דײַטש איז אָן אָפּהאַלט געגאַנגען פאָרויס. דער מאָסקווער ראַדיאָ־ספּיקער, יורי לעוויטאַן, פלעגט אַלץ עפּטער אָנגעבן די נעמען פון סאָוועטישע שטעט וואָס די נאַציס האָבן אײַנגענומען. דער דײַטש דערנענטערט זיך ! האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצוטראָגן זיך ווײַטער, אויף מיזרח, אין דער טיף פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מײַנע פאַרווונדעטע פיס זענען נאָך אַלץ געווען געשוואָלן. איין פוס האָט גאָר שטאַרק ווי געטאָן און געברענט צונטער־רויט. האָבן מיר דערציילט אין דאָרף, אַז מען מוז מיך פירן צום דאָקטער אין שטאָט. אַרויפגעוואָרפן דאָס ביסל בעבעכעס אויף אַ וואָגן און

געלאָזט זיך אין וועג. אַ מאָל האָב איך געלייענט אַ ביכל „טאַשקענט די ברויטשטאָט" און פאַרגעלייגט זיך פאַרנעמען אין יענער ריכ־טונג.

צו קיין דאָקטער איז מען אין שטאָט ניט געגאַנגען. די קאָמפּ־רעסן האָבן אַ ביסל געשטילט דעם ווייטיק און אַראָפּגענומען די רויטקייט. איז געבליבן — פאָרן! פאָרן ווײַטער!

אויף דער באַנסטאַציע האָבן מיר געזען אַן עשעלאָן פּראַכט־וואַגאָנען, אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. האָבן מיר זיך אויך אַרײַנ־געשטופּט אין איינעם פון די וואַגאָנען. דער צוג איז אַוועק אויף מיזרח. כמעט אויף יעדער סטאַציע פלעגט דער טאַטע אַראָפּשפּרינ־גען און קומען צוריק מיט פולע עמערס שפּײַז, וואָס ער פלעגט קריגן אויף די עוואַקואַציע־פּונקטן, און עס צעטיילט צווישן די פּליטים אין וואַגאָן. אַגב, צווישן זיי — אַ סך סאָוועטישע יידן, אַנטלאָפענע פון זייערע היימערטער, בעת די דײַטשן האָבן זיך צו זיי דערנענטערט.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערשלעפּט ביז טאַשקענט, די הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן, מיטל־אַזיע. אין גאָרטן פאַר דער באַנ־סטאַציע האָבן זיך געוואַלגערט טויזנטער מענטשן. אין שטאָט האָט מען קיין פּליטים ניט אַרײַנגעלאָזט. אין די נעכט האָט מען געהערט געוויינען, געשרייען, אַ געלאַף, אַ געראַנגל. דאָס האָט מען עמעצן באַגנבעט און עולם האָט זיך אויפגערודערט.

מיר האָבן געזען, אַז ליגן אונטערן פרײַען, אמת לויטערן הימל פון מיטל־אַזיע, האָט ניט קיין צוועק. מיר זענען אויסגעשעפּט, פאַרצווייפלט, און דער מצב ווערט פון טאָג אַלץ ערגער. האָבן מיר באַשלאָסן: מען זוכט ווײַטער אַ מקום־מיקלט. זיך אַרײַנגע־זעצט אין אַ באַן און נאָך אַ נאַכט פאָרן אָנגעקומען קיין סאַמאַר־קאַנד, די צווייט־גרעסטע שטאָט אין אוזבעקיסטאַן.

אין סאַמאַרקאַנד

מיר געפינען זיך אויפן פלאַץ פאַרן וואָקזאַל. אינעווייניק האָט מען אַרײַנגעלאָזט בלויז פרויען מיט קליינע קינדער. הונדערטער פּליטים האָבן זיך גרופּעסווײַז פונאַנדערגעזעצט אויפן אויסגעריבענעם גראָז פונעם שטח אַרום און אויך אויפן טראָטואַר. דער רוב פון די פּליטים — ייִדן. אַ קליינע צאָל רוסן, ווײַסרוסן, אוקראַיִנער. זיי האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. אויך אַ ביסל פּאָליאַקן זענען דאָרטן געווען. זיי זענען אָבער גיך פאַרשוווּנדן.

ניט ווײַט פון וואָקזאַל איז געווען אַן עוואַקואַציע־פּונקט, ווו די פּליטים האָבן באַקומען אַ טעלער זופּ. מײַן טאַטע פלעגט ברענגען פון דאָרטן אַן עמער מיט באָרשטש. בערעלע, מײַן ברודער, האָט דאָס ניט געוואָלט עסן, אַפילו זײַענדיק שטאַרק הונגעריק.

בײַ נאַכט פלעגן די מענטשן אונטערלייגן אונטערן קאָפּ זייערע פּעקלעך. אָפט האָט פּאַסירט, אַז אין אַ זײַט פון אַ פּעקל פלעגן גנבים אויסשנײַדן אַ לאָך און אַרויסשלעפּן זאַכן. מען האָט פאַרקויפט אַ בגד, בכדי צו קויפן ברויט. מען איז אַרומגעקראָכן איבער דער שטאָט און געזוכט אַרבעט, זאָל עס אַפילו זײַן שווערע שוואַרצאַרבעט. מײַן טאַטע האָט געפונען אַרבעט בײַם אויספּומפּן דאָס שמוציקע וואַסער אין אַ קליינער באָד. אונטער אַ דעכל אין הויף פון באָד זענען געלעגן אָנגעשאָטן לוסקעס פון רײַז, מיט וועלכע מען האָט געהייצט דעם אויוון. עטלעכע ייִדן האָבן דאָרטן געפונען אַן אָרט צו שלאָפן, צווישן זיי — אויך אונדזער משפּחה. איך בין האַלב־געלעגן אויף די ציגל אין צימערל, ווו מען פלעגט עפענען דעם וואַסערקראַן. מיר איז געווען שווער צו גיין צוליב די ווּנדן אויף אַ פוס. אין אַמבולאַטאָריע אויפן וואָקזאַל האָט מען

מיר איבערגעבאַנדאַזשירט די ווונדן, נאָכן איינשמירן זיי מיט אַ זאַלב.

איך בין געווען שמוציק, הונגעריק און פאַרלאָזט. אין אַזאַ לאַגע איז שווער ביינצוקומען אַ קרענק. די ווונדן האָבן ניט געהיילט. האָט מען מיך געשיקט אין אַ טובערקולאָז־דיספּאַנסער, ווייל מען האָט באַשלאָסן, אַז איך לייד פון ביינער־טובערקולאָז. דאָרטן האָט מיך באַטראַכט אַ דאָקטער. ער האָט זיך געוווּנדערט הערנדיק, אַז מיר ווינען אין אַן אַלטער, קליינער באָד. לויט דעם אַדרעס וואָס איך האָב אים געגעבן, איז ער פאַר נאַכט געקומען מיך באַזוכן. איך בין געזעסן אין מיטן הויף און געהאַלטן אין האַנט אַן אָנגע־צונדענעם באַמבוק־שטעקן — דאָס איז געווען אונדזער באַלייכ־טונג. עטלעכע יידן זענען געזעסן אויף די לוסקעבערגלעך און עפּעס געקייט, ווער — אַ קאַרטאָפעלע, ווער — אַ מערל.

דער דאָקטער זאָגט ניט קיין וואָרט און אַלע וווּנדערן זיך: ווער איז דאָס? נאָר איך איינע ווייס, אַז דאָס איז דאָקטער אַמינאָוו. ער איז, קענטיק, געקומען זיך איבערצייגן, צי איך האָב אים דער־ציילט דעם אמת וועגן מיין לאַגע. האָט ער מיר באַלד געהייסן קומען צו אים אויף אַ וויזיט.

ווען איך בין געווען ביי אים צום צווייטן מאָל, האָט ער מיר געגעבן אַ בריוו צו דער טובערקולאָז־סאַנאַטאָריע, מען זאָל מיך דאָרטן אָננעמען אין דער קינדער־אָפּטיילונג פון די קראַנקע אויף ביינער־טובערקולאָז.

מיין מאַמע האָט זיך ביטער צעוויינט, הערנדיק, אַז מען האָט צוגעשריבן דער טאָכטער אירער אַזאַ שרעקלעכע קרענק. אין דער אמתן האָט דער דאָקטער אויסגענוצט דעם דיאַגנאָז, בכדי מיך אַריינצולייגן אין שפּיטאָל, כ׳זאָל קענען געניסן אַ ביסל פון מענטש־לעכע לעבנס־באַדינגונגען. כ׳האָב באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ ריין בעט, אַ סך עסן און מעדיצינישע הילף. מיך האָט ער ממש געראַטעוועט. ער האָט אויך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט מיינע

עלטערן — אין דער קיך פון זעלבן שפיטאָל. די טעג ווען זיי האָבן געאַרבעט, האָבן זיי געהאַט וואָס צו עסן. די מאַמע פלעגט באַהאַלטן אַ קאָטלעט אין אַ באַנדאַזש אַרום האַלדז, כּלומרשט אַז ס'טוט איר ווײ אין האַלדז. אַזוי פלעגט זי ברענגען עפּעס צו עסן פאַר מײַנע ברידערלעך, יעדערן צו שטיקעלע.

געווען ריין און זאַט, בין איך גיך געקומען צו־זיך און די ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט. אין שפּיטאָל־צימער זענען געשטאַנען אַכט בעטלעך. יונגע מיידלעך זענען געלעגן אין גיפּס, די פיס צוגעבונדן צו אַראָפּהענגענדיקע ציגל. זייערע משפחות האָבן זיי אָפט באַזוכט און מיטגעבראַכט פאַרשיידענע פּראָדוקטן. קיין אַפּע־טיט האָבן די קראַנקע קינדער ניט געהאַט, און איך האָב באַקומען זייערע פּאָרציעס פון דעם שפּיטאָל־מיטאָג — עטלעכע טעלערס זופּ און אַ סך קאָטלעטן, וואָס איך פלעג אין משך פון טאָג אויפעסן. פאַר די קראַנקע פון מײַן פּאַלאַטע פלעג איך זינגען פוילישע און יידישע לידער, האָב דעקלאַמירט לאַטײַנישע פּסוקים. פלעגן זייערע עלטערן מיר אויך אַרײַנוואַרפן אין בעט פון די פּראָדוקטן וואָס זיי האָבן געבראַכט פאַר די קראַנקע. צו מערסטן האָב איך ליב געהאַט די גרויסע ניס, וואָס זיי האָבן מיר צוגעוואָרפן. יאָ, ליגן אין אַ ריין בעט, זײַן זאַט, לייענען און האָבן הנאה פון אַ גוט בוך, שפּאַצירן אין שיינעם גאָרטן — ממש אַ גן־עדן!

ביז סוף 1941 בין איך געווען אין שפּיטאָל. אַ דאַנק מײַן כּלומרשטער שווערער קרענק האָט מען אונדזער משפּחה דערלויבט צו בלײַבן אין סאַמאַרקאַנד. געפונען האָבן מיר אַ שטיקל אָפּדאַך אין אַ בוידעמשטיבל איבער אַ שטאַל. ס'זענען ניט געווען דאָרטן ניט קיין טירן און ניט קיין פענצטער. די פּאָדלאָגע — אַ לעבערדיקע. אונדזערע פיס פלעגן אַרײַנפאַלן אינעווייניק. ס'איז געוואָרן קאַלט. דאָס וואַסער אין עמער, די נאַסע זאָקן און די צעריסענע פּײַכּטע שיך פלעגן פאַרפרוירן ווערן. שעהען־לאַנג איז מען אָפּגעשטאַנען

אין דרויסן אין דער ריי נאָך ברויט אויף די ברויטקאַרטלעך. די גאָלד־מטבעות און דאָס ביסל צירונג וואָס איך האָב געבראַכט, האָבן אונדז אַרויסגעהאָלפן אין דער נויט. מיר האָבן עס פאַרקויפט און פאַרן געלט געדונגען אַ צימערל — אַן אוזבעקישע קיביטקע מיט אַ טיר און אַ לאָדן (אָבער ווידער אָן אַ פענצטער), מיט אַ ליימענער פּאָדלאָגע און מיט אַ סך שפינוועבס אויפן הויכן סופיט. קיין וואַסער און קיין אוביקאַציע זענען, פאַרשטייט זיך, ניט געווען, און אויך ניט קיין עלעקטרע. קיין נאַפטלאָמפּ האָבן מיר אויך ניט געהאַט.

אין אַ קליין פלעשעלע האָב איך אַריינגעגאָסן אַ ביסל נאַפט, אַריינגעשטעקט אַ קנייטל פון בוימוואָל און אַוועקגעשטעלט אויפן צעקרימטן, פאַרזשאַווערטן פעסל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טיש. געזעסן איז מען אויף דריי ציגל, געשלאָפן אויף אַ שטרויענער מאַטע אויף דער פּאָדלאָגע, די גאַנצע משפחה צוגעדעקט מיט איין קאָלדרע. איך בין געלעגן אין דער מיט. אַלע האָבן געצויגן צו זיך די קאָלדרע און האָבן מיך צוגעקוועטשט אַזוי, אַז איך פלעג מוזן אויפשטיין און זיצן אין דרויסן, כּדי צו כאַפּן אַ ביסל לופט.

טיי — געקאָכט הייס וואַסער, בין איך געגאַנגען קויפן אין דער שכנותדיקער טשײַכאַנאַ (טייהויז), ווו אוזבעקן, אין זייערע לאַנגע כאַלאַטן־קאַפּאָטעס, פלעגן זיצן אויפן דיל און טרינקען גרי־נעם טיי, וועלכן מען פלעגט אָנגיסן פון אַ שיינעם, קליינעם פאַרצעלײַ־טשײַניק. אַנשטאָט צוקער האָט מען געסמאָקטשעט ראָ־זשינקעס, וועלכע מען פלעגט אָפט אַרונטערלאָזן אין קעשענע בײַם פאַרזוכן זיי אין מאַרק.

קליינע ליימהײַזלעך — קיביטקעס — זענען געווען אַ סך אין דער אַלטשטאָט פון סאַמאַרקאַנד. אין נײַעם שטאָטטייל זענען שוין געווען אויסגעבויט הײַזער פון ציגל — איין־עטאַזשיקע און מער־עטאַזשיקע מויערן. דער אַבראַמאָווסקי־בולוואַר האָט צעטיילט די שטאָט אויף צוויי טיילן. אין דער אַלטשטאָט זענען געווען צוויי אַלטע

בנינים — מערקווערדיקייטן, הונדערטער יאָרן אַלט: טאַמערלאַנס קבר און דער רעגיסטאַן מיט די פּרעכטיקע גלאַזור־באַפּוצונגען, מאָזאַיִק אין פאַרשיידענע קאָלירן. זומער איז אין סאַמאַרקאַנד זייער הייס. די קיאָסקן מיטן מאָרס־קוואַס לייזן גוט. ווינטער — צו מאָל וואַרעם, צו מאָל רעגנס. נאָך אַ גרויסן רעגן פלעגט פּאַסירן, אַז ליימענע קיביטקעס פלעגן איינפאַלן. דאָס איז אויך געשען מיט אונדזער בעל־הביתטעס קיביטקע. נאָך אַזאַ רעגן איז איין וואַנט איינגעפאַלן.

די אוזבעקן טראָגן סיי זומער, סיי ווינטער וואַרעמע כאַלאַטן. זומער — צו שיצן זיך פון דער דרויסיקער היץ, ווינטער — איינ־צוהיטן די וואַרעמקייט פון אייגענעם קערפּער. די אוזבעטשקעס פאַרשטעלן זייערע פּנימער מיט דער „פּאַראַנדזשאַ״, ווי אַלע מוסול־מענישע פרויען. אַן אַריק — אַ שמאָלער וואַסער־קאַנאַל שניידט אַדורך און באַוואַסערט די געגנט. אויך צום טרינקען האָט מען געמוזט ניצן דאָס וואַסער פון די אַריקן. מיר פלעגן דורך אַ שמאַטקע פילטרירן דאָס גרין־געלע וואַסער און עס דערנאָך געטרונקען.

עטלעכע מערק זענען געווען אין סאַמאַרקאַנד. אויפן גרויסן מאַרק אין דער אַלטשטאָט פלעגן זיך אַרומדרייען די פּליטים, מערסטנס ייִדן, און עפּעס פאַרקויפן — אַ זייגערל, אַ פּאָר הויזן, שיך און אַנדערע חפצים. פאַרן באַקומענעם געלט פלעגן זיי זיך איינקויפן שפּייַז.

אָן אַ שיעור פרוכטן און גרינס זענען געווען אויף די מערק. כ׳האָב איין מאָל געקויפט אַ ביסל קאַרשן, איז אַ ייִנגעלע צוגע־לאָפן און געגעבן מיר אַ קלאַפּ אין האַנט. די קאַרשן האָבן זיך צעשאָטן און ער האָט זיי האַסטיק, האַסטיק אויפגעקליבן פון דר׳ערד, אָפּגעווישט אַ ביסל דעם זאַמד און אויפגעגעסן איין קאַרש נאָכן אַנדערן.

אַ סך היימלאָזע קינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער

געגנט — הונגעריקע, אָפּגעריסענע, שמוציקע. ניט ווייניק פון זיי האָט מען געפונען טויטע — אין פּאַרק, אין די קיאָסקן. זיי זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט. די בוכאַרער ייִדן פון סאַמאַרקאַנד האָבן אַרויסגעהאָלפן די ייִדן־פּליטים, וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט. איך געדענק די אָרטיקע ייִדישע פרויען — זייערע לאַנגע זײַדענע קליידער, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, מיט טונקעלע שיינע פּנימער. ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז אויך מײַן בעל־טובה, ד"ר אַמינאָוו, איז אַ בוכאַרער ייִד. און נאָך שפּעטער, אין יאָרן אַרום האָב איך אים געטראָפן אין ישׂראל...

קיין סאַמאַרקאַנד האָבן זיך עוואַקויִרט אוניווערסיטעטן, טעכניקומס, דראַמאַטישע און אָפּערע־טעאַטערס פון אייראָפּעיִשן טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויך אַ ייִדישער טעאַטער איז דאָ געווען.

צו אונדזער משפחה האָבן זיך צוגעשאַרט פּליטים־ייִדן פון פּוילן און אויך פון בערעזע. די מאַמע פלעגט פּרײַוויליק וואַשן אַלעמענס פאַרלײַזיקטע וועש. פון וואַנען האָבן מיר געהאַט זייף? מיר האָבן עס אַליין פּראָדוצירט. דער בערעזער לערער יאַלאָם וואָס איז געווען מיט אונדז, האָט געפונען אַרבעט אין אַ לעדער־פאַבריק. ער האָט ניט געהאַט קיין ווינטער־מלבושים. האָב איך אים געגעבן דעם ווינטערדיקן מאַנטל וועלכן איך האָב מיטגעשלעפּט פון בערעזע. דער מאַנטל האָט מיר דאָ געדינט אויך בײַ טאָג זיך צו שיצן פון קעלט. איך פלעג בלײַבן זיצן אין קיביטקע אויף דער שטרוי־מאַטע און ציטערן פון קעלט, וואַרטנדיק, ביז יאַלאָם וועט צוריקקומען פון דער אַרבעט און מיר אָפּגעבן דעם מאַנטל. פון זײַן אַרבעט פלעגט ער ברענגען פעטס פון די פעלן, וואָס מען האָט אין דער פאַבריק איבערגעאַרבעט אויף לעדער. דאָס פעטס האָבן מיר איבערגעפּרעגלט, אַרײַנגעגאָסן אין אַ ליימענעם קריגל. נאָך דעם ווי דאָס קריגל איז צעפּרעסן געוואָרן, האָבן מיר באַשלאָסן אויסצוניצן דאָס פעטס אויף אויסאַרבעטן זייף.

אין אַ בוך האָט מען איבערגעלייענט, ווי מען טוט עס. יאַלאָם

האָט געקויפט קאָוסטיק־סאָדע, אויסגעמישט עס מיטן פּעטס און אויפגעקאָכט. די מאַסע האָט מען אַריינגעגאָסן אין הילצערנע פּושקעלער, ווו זי האָט זיך אָפּגעקילט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. דערנאָך האָט מען זי צעשניטן אויף פּירקאַנטיקע שטיקלעך און די פאַרטיקע „זייף" פאַרקויפט אויפן מאַרק. ווער? — איך!

איין מאָל האָט אַ מיליציאַנט געכאַפּט די גרויסע „ספּעקוליאַנט־קע" און אַוועקגעפירט אין נאָענטסטן מיליץ־פּונקט. איך האָב אָבער אויפן וועג „פאַרלוירן" איינציקווייז די שטיקלעך „טרייפענע סחורה". ניט געוועזן קעגן מיר קיין באַווייז, ניט געקענט מיך אין קיין זאַך באַשולדיקן און פריי געלאָזן.

בערעלע איז קראַנק געוואָרן. די מאַמע האָט אָפּגעקאָכט אַ פּאָר קאַרטאָפעלעך און אים אָנגעקאָרמעט. פאַר אונדז האָט מען איינ־געטיילט דאָס וואַסער פון די קאַרטאָפל — יעדערן אין אַ דעקל פון אַ טשייניק עטלעכע זופּן. דער צען־יאָריקער לייזערקע איז אַרויס אין דרויסן און איינגענעצט די פיס אין קאַלט וואַסער, בכדי אויך קראַנק צו ווערן און באַקומען אַ קאַרטאָפל... ער האָט געהאַט טענות אַזש צו דער מלוכה, הלמאַי קינדער באַקומען אַזוי ווייניק ברויט אויף די ברויטקאַרטלעך, און פלעגט פאָדערן מען זאָל אָפּוועגן גענוי זיין פּאַרציע.

און ווידער האָט דער דאָקטער אַמינאָוו געזוכט אונדז צו העלפן. ער האָט מיטגענומען אונדזער משפחה אין זיין נייעם אַרבעטסאָרט — אין אַ קאָלכאָז, ווו ער איז באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל.

די מאַמע איז דאָ געוועזן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שפּייז־מאַגאַ־זין און געהאַט אַ סך עגמת־נפש פון די שטשורעס, וואָס האָבן אויפגעפרעסן אָדער פאַרשלעפּט פּראָדוקטן. פון אָט די באַשעפע־נישן איז ניט געוועזן קיין אויסבאַהאַלט. אַ משפחה מייזלעך האָט

מען געפונען אין אַ קעשענע פון טאַטנס מאַנטל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

מײַן ברודער לייזערקע האָט אָפט געוויינט בײַ נאַכט, זיך גע־קלאָגט אויף ווייטיקן. די מאַמע האָט זיך מיט אים אָבער ניט געווענדט צו קיין דאָקטער פון שפּיטאָל, וווּ זי האָט געאַרבעט. זי איז געווען צעמישט, ווי זי וואָלט האָבן באַקומען אַ שאָק צוליב דער מלחמה און אונדזער לאַגע. פון דעסטוועגן האָט זי געטאָן די שווערסטע אַרבעטן — געשפּאַנט אַ פערד, אָדער אַן אָקס, אין אַ צוויי־רעדערדיקן וואָגן און געפירט משׂאות פאַרן שפּיטאָל. אַזוי ווי איך בין אין קאָלכאָז ניט געפאָרן און געבליבן אין סאַמאַרקאַנד, פלעגט זי מיר ברענגען צײַטנווײַז אַ ביסל פּוטער, אײַנגעמאַכטס, עטלעכע קאַרטאָפל און אַ ביסל אוריוק, וואָס מען האָט געקענט אָנרײַסן פון דיביימער לענג־אויס דעם וועג.

אין צווישן האָט מען דעם טאַטן מאָביליזירט צום אַרבעטפראָנט און געשיקט קיין טשעליאַבינסק, אויפן אוראַל.

איך בין, ווי געזאָגט, געבליבן אַליין אין סאַמאַרקאַנד און געאַרבעט פאַר אַ נישטיקן לוין בײַם איבערקלײַבן ראָזשינקעס. אָבער דערפאַר האָט מען בעת דער אַרבעט געקענט זיך אָנעסן מיט ראָזשינקעס...

ווידער לערנען

ווינען מיט מיר איז געבליבן לייזער יאַלאָם. אין מיטן איינער אַ נאַכט האָט ער געשריִען פון שלאָף, גערעדט מיט זײַן טעכטערל וואָס איז געבליבן אין בערעזע, זי זאָל ניט גיין אין פײַער. זײַן האַרץ האָט, קענטיק, פאַרגעפילט פון דער ווײַטנס, אַז זײַן קינד איז אין סכּנה. קיין טעות האָט ער ניט געהאַט... מען האָט אים שפּעטער מאָביליזירט און ער האָט אונדז פאַרלאָזט.

אין מײַן צימערל האָבן זיך אַרײַנגעצויגן די מומע חיה — קלאַראַ — און איר מאַן, דוד. זיי האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן פון לענינגראַד און זיך געראַטעוועט פון דער שרעקלעכער בלאָקאַדע, וואָס די דײַטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער שטאָט, און אויך פון דעם הונגער, וואָס האָט פאַרשניטן הונדערטער טויזנטער לע־נינגראַדער תּושבים. זיי האָבן געקויפט פאַר זיך אַ טישל און אַ בעט. אויף ציגל האָבן זיי אַרויפגעלייגט אַ טיר, און דאָס איז געווען מײַן געלעגער. קיין מאַטראַץ האָב איך ניט געהאַט, נאָר אַ ריינעם לײַלעך — יאָ.

ווען אין דער בעל־הביתטעס קיביטקע איז אין די רעגנדיקע טעג אײַנגעפאַלן אַ וואַנט, האָבן מיר אַרײַנגענומען צו אונדז איר צען־יאָריקן יינגעלע. זי אַליין איז געשטאָרבן פון פלעקטיפוס. פון יינגל פלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אַרומקריכן גרויסע לײַז. אַ וואונדער, אַז מיר האָבן זיך ניט אָנגעשטעקט מיטן טיפוס.

די מומע קלאַראַ האָט זיך באַפרײַנדט מיט די שכנים. צווישן זיי האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יונגער אוזבעק, אַ גנבֿ. מײַן מומע האָט אים געצאָלט לאַ־יחרץ־געלט, ער זאָל אונדז לאָזן צו רו.

דער פעטער דוד איז געווען אַ שיך־מאָדעליסט. ער האָט אָבער

ניט געקענט אַרבעטן צוליב אַ לײַכטן פּאַראַליז אין האַנט. די מומע פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט אויפֿנייען פֿאַר עמעצן אַ העמד און עפּעס דערפֿאַר באַקומען. זייערע זאַכן האָבן זיי צו ביסלעך אויסגעפֿאַר־קויפֿט, בכדי צו האָבן וואָס צו עסן. בשעתו, אין לענינגראַד, האָבן זיי מיר געשאָנקען אַ פּאָר נײַע טופֿל. אַ לאַנגע צײַט האָב איך געטראָגן נאָר איין טופֿל, ווײַל דער צווייטער פֿוס איז געווען באַנ־דאַזשירט און דעם באַנדאַזש האָב איך אַרומגעוויקלט מיט די וואָלענע הייזלעך פֿון מײַן באַדקאָסטיום, וועלכן איך האָב אָנגעטאָן צום פֿאָרן אויפֿן ראָווער. ווען דער קראַנקער לינקער פֿוס האָט זיך פֿאַרהיילט, האָב איך אָנגעטאָן פֿאַרקערט — די שמאַטע אויפֿן רעכטן פֿוס, וואָס זײַן שוך האָט זיך אין גאַנצן צעטראָגן, און דעם גאַנצן לינקן שוך אָנגעטאָן אויפֿן אויסגעהיילטן לינקן פֿוס...

אַנטקעגן ווו מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַ שול פֿאַר פּילאָטן. די יאָטן פֿלעגן אָפֿט שמועסן מיט מײַנע קרובים. אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט בין איך געגאַנגען שפּאַצירן מיט איינעם פֿון זיי, געשמועסט וועגן טריגאָנאָמעטריע און אַנדערע לימודים. אין אַ שטילן פּלאַץ, לעבן אַ געמויערטן פּלויט האָט ער מיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן אויפֿן גראָז. זײַן כּוונה איז קלאָר... נעם איך זיך מיט אים ראַנגלען און זאָג, אַז איך בין ניט ווויל... ווי אַ באַווײַז נעם איך אַרויס פֿון קעשענע אַ שטיקל וואַטע. פּונקט דעם טאָג האָב איך געפֿונען אַ שטיקל רויע בוימוואָל מיטן קערנדל אין מיטן. ס'האָט מיך פֿאַראינטערעסירט, ווײַל ביז דעמאָלט האָב איך עס ניט געזען, און אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. איצט איז עס מיר געקומען צו ניץ. דער אָנגרײַפֿער האָט מיך אָפּגעלאָזט.

אויך פֿריִער האָט מיך אַן אוזבעק פּראָבירט פֿאַרגוואַלדיקן. צו מאָל פֿלעג איך גיין צו פֿוס פֿון סאַמאַרקאַנד אין קאָלכאָז צו מײַן משפּחה, אַ צוואַנציק קילאָמעטער, זען די אייגענע און ברענגען פֿון דאָרטן אַ ביסל פּראָדוקטן. אויפֿן וועג אין קאָלכאָז האָט מיך אַן אוזבעק וואָס האָט געאַרבעט אין פֿעלד, צוגערופֿן וועגן מיטנע־

מען אַ בריוו און אַרײַנוואַרפֿן אים אין אַ פּאָסטקעסטל אין שטאָט. אין מײַן נאַיִווקייט בין איך צו אים צוגעגאַנגען. איז ער מיך באַפֿאַלן, געפּרוּווט אַנידערוואַרפֿן. מיט צרות האָב איך זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַנע שמוציקע הענט.

צוריקוועגס אין סאַמאַרקאַנד האָט מיך באַגלייט דער ברודער, בערעלע. ביידע האָבן מיר געשלעפּט אַ זאַק קאַרטאָפֿל. אויפֿן וועג האָט בערעלע באַקומען אַ מאַלאַריע־אַנפֿאַל מיט הויכער היץ. האָב איך שוין אַליין געמוזט שלעפּן דעם זאַק און אויך העלפֿן דעם ברודער זיך האַלטן אויף די פֿיס. מיט די לעצטע כּוחות האָבן מיר זיך דערשלעפּט אַהיים.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך אין גאַס באַגעגנט נעלי פּאָלי־שוק — אַ קיִעווער יִידיש מיידל, מיט וועלכער כ׳האָב זיך באַקענט אין באַן אויפֿן וועג קיין סאַמאַרקאַנד. זי האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט זי אָנגענומען ווי אַ סטודענטקע אין אַן אינסטיטוט, און אַז דאָרטן זענען פֿאַראַן זומערקורסן פֿאַר עקסטערן־מאַטורע. דעם לעצטן קלאַס מיטלשול האָב איך דאָך ניט באַוויזן צו ענדיקן.

כ׳האָב זיך ניט פֿאַרטראַכט, מיט קיינעם זיך ניט באַראַטן, גענומען אַ פּען און אין מײַן צעבראָכענעם רוסיש אָנגעשריבן אַ ביטע. כ׳בין מיט נעלין אַוועק אין אינסטיטוט, און ווי גרויס איז געווען מײַן פֿרייד, ווען מ׳האָט מיר מודיע געווען, אַז כ׳בין אָנגע־נומען געוואָרן אויף דעם קורס.

כ׳האָב זיך אַרײַנגעצויגן אין לערנען. שעהען פֿלעג איך אָפּזיצן אויף די דרײַ ציגל, מײַן „שטול״, לעבן פֿאַרזשאַווערטן פּעסל, מײַן „טיש״, און בײַם ליכט פֿונעם נאַפֿטקאַנעצל לערנען, שרײַבן. דער קערפּער האָט וויי געטאָן פֿונעם האַרטן געלעגער, אויף וועלכן כ׳בין געשלאָפֿן. די קישקעס האָבן פֿון הונגער „געשפּילט אַ מאַרש״... כ׳האָב אָבער פֿאַרביסן די ליפּן און ממש טאָג און נאַכט זיך געלערנט.

ס'איז מיר ניט לײַכט אָנגעקומען דאָס לערנען אויך צוליב דעם, וואָס כ'האָב שוואַך געקענט רוסיש. פון דעסטוועגן האָב איך אויס־געהאַלטן אַלע עקזאַמענס אויף אויסגעצייכנט — „אָטליטשנאָ". בלויז רוסיש אויף גוט — „כאָראָשאָ". כ'געדענק, כ'האָב געשריבן אויף דער טעמע „נקמה בײַ שעקספּירן". ס'איז געווען אַ גוטע אַרבעט, נאָר מיט אָרטאָגראַפישע גרײַזן. אַ מיטשילער, פּעטקע, האָט מיר געהאָלפן בײַם עקזאַמען אויף געאָמעטריע, פאַר וועלכן כ'האָב זייער מורא געהאַט. ער איז געווען אַ פּעיִקער יאַט און אַוועק לערנען שיפבוי אין עוואַקויִרטן אָדעסער אינסטיטוט. געוואָרן אַן אינזשעניר.

סוף־כּל־סוף האָב איך מאַטורע. לײַכט איז עס מיר ניט אָנגעע־קומען: ביאַליסטאָק, פּרוזשענע, קאָסאָווע, סאַמאַרקאַנד... קיין האָניק האָב איך אין ערגעץ ניט געלעקט. פון וואַנען האָבן זיך צו מיר גענומען די כּוחות? דער אויסדויער? דער שטאַרקער ווילן? בסך־הכּל בין איך דאָך נאָך געווען אַ יונג מיידלקע.

מיט אַזאַ גוטן צײַגעניש האָט מען מיך פון אינסטיטוט ניט געלאָזט אַוועקגיין. מען האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווערן אַ סטו־דענטקע אויפן טעכנאָלאָגיע־ און עקאָנאָמיע־פאַקולטעט. כ'בין מסכּים געווען און אָנגעהויבן שטודירן אין אַ הויכשול. נאָכן ערשטן סעמעסטער אויסהאַלטנדיק זייער גוט גאַנצע זיבעצן עקזאַמענס, האָט זיך מײַן מצב ראַדיקאַל פאַרבעסערט. און פאָרגעקומען איז עס אַזוי.

איין מאָל, אין אָוונט, האָט מיך פאַרבעטן דער דעקאַן פון פאַקולטעט, פּראָפעסאָר מאַטיניאַן, אַן אַרמענער, אַרײַנצוקומען אין פּראָפעסאָרן־צימער. דאָרטן זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די פּראָ־פעסאָרן. כ'זעץ זיך אַנטקעגן זיי און דעק צו מיט די הענט די גרויסע לאַך אויפן קני אין מײַן איינציקער פאַר שוואַרצע, גראָבע זאָקן. כ'האָב זיך געשעמט און אויך מורא געהאַט. צוליב וואָס האָט מען מיך אַרויסגערופן?

פּראָפעסאָרן און סטודענטן פון סאַמאַרקאַנדער אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמיע און טעכנאָלאָגיע. די אויטאָרין — דריטע פון לינקס אין צווייטער ריי

גרויס איז געווען מײַן איבערראַשונג און פרייד, ווען פּראָפּע־סאָר מאַטיניאַן האָט דערקלערט פאַר די פּאַרזאַמלטע, אַז ער האָט מיך אויסגעקליבן ווי די בעסטע סטודענטקע און געפרעגט יעדן איינעם, וואָס פאַר אַ מיינונג ער האָט וועגן מיר. אַלע זענען מסכּים געווען מיט זײַן אויסקלײַב. האָט ער זיי ווײַטער דערקלערט, אַז פון מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ סטיפּענדיע אויף סטאַלינס נאָמען, וועלכע ס׳קאָן באַקומען נאָר דער אויסגעצייכנטסטער סטודענט.

און איך האָב די סטיפּענדיע באַקומען! וואָס פאַר אַ כּבֿוד און וואָס פאַר אַ גליק! ס׳לוינט זיך גוט צו לערנען. יעדן חודש האָב איך געקראָגן 500 רובל, שפּעטער — 700 רובל. דאָס געלט פלעג איך אָוועקגעבן דער מומען, און מיר האָבן זאַלבע דריט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן ברויט, קאַרטאָפל און לאָקשן. פון צײַט צו צײַט, ווען כ׳פלעג אויסהאַלטן אַן עקזאַמען אויף זייער גוט, פלעג איך פון דער מומען קריגן קאַרטאָפל־לאַטקעס...

די ייִדישע סטודענטן פון פּוילן האָבן זיך דערוווּסט וועגן מיר. אין דער אָרטיקער פּוילישער צײַטונג האָט מען געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער „פּוילישער סטודענטקע״, וואָס איז זוכה געווען צו אַזאַ כּבֿוד. פון פּוילישן „פּונקט״ האָב איך באַקומען אַ מתּנה — וואָל אויף אַ סוועטער, זייף און צוקער. די מומע האָט מיר אויך אויס־געשטריקט אַ סוועטער פון אירן אַן אַלטן זשאַקעט. פּאַקטיש האָב איך ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן. כ׳האָב זיך אַפילו ניט געקענט דערלויבן צו קויפן געניצטע זאַכן אָדער שיך אויפן מאַרק, בעת דאָס געלט האָט געדאַרפט סטײַען אויך פאַר מײַן מומע און פעטער. ס׳האָט זיך באַקומען, אַז מיט מײַן סטיפּענדיע האָב איך אויסגע־האַלטן דרײַ נפשות.

מיט גרויס אומגעדולד האָבן מיר שטענדיק אָפּגעוואַרט די פּאָסט־טרעגערין. די מומע און דער פעטער האָבן געוואַרט אויף בריוו פון זייערע ביידע זין פון פראָנט, און איך — אויף אַ בריוו

פון מײַן טאַטן פון טשעליאַבינסק, שפּעטער אויך פון מײַן ברודער בערעלע, פון פראָנט. דעם בריוו, אַז בערעלע איז געפאַלן אין דער שלאַכט הינטער וואַרשע, האָט מען פון מיר אויסגעבאַהאַלטן.

פון רעכטס: די אויטאָרין, דער ברודער בערעלע פאַרן אָפּגיין אויפן פראָנט, די מוטער, וויכנע, דער ברודער לייזערקע

בערעלען האָט מען מאָביליזירט שוין בײַם סוף פון דער מלחמה. ווען ער בלײַבט לערנען אין אַ פאַכשול, אָדער ווען דער טאַטע וואָלט אים צוגענומען צו זיך קיין טשעליאַבינסק, גלייב איך, אַז די מלחמה וואָלט זיך פאַרענדיקט נאָך איידער מען האָט אים, צו זיבעצן יאָר, מאָביליזירט.

כ׳פאַרשטיי ניט ביז הײַנט, פאַר וואָס האָבן אים מײַנע עלטערן ניט געשיקט זיך לערנען. ער האָט דאָך פאַרענדיקט די זיבן־קלאַסיקע שול אין בערעזע און געקאָנט אָנקומען אין אַ וועלכע ניט איז פאַכשול, וואָלט ער בײַ זײַן יונגן עלטער ניט מאָביליזירט

געוואָרן. געדינט האָט ער אין אַ פּאָלק, אַכט קילאָמעטער פון סאַמאַרקאַנד. איך פלעג אים אַהין טראָגן עסן, וואָס די מומע האָט צוגעגרייט. שפּעטער האָב איך אים באַגלייט, ווען זײַן אײנהייט איז אַוועק צום פראָנט, זינגענדיק דאָס ליד „זײַ געזונט, מאַמע, טרויער ניט, ווינטש מיר אַ גוטן וועג״... מיט זײַן אײנהייט האָט ער דורכגע־מאַרשירט כּמעט גאַנץ פּוילן. מיר האָבן באַקומען זײַנס אַ קאַרטל, אַז ער גייט אַוועק אין דער ערשטער שלאַכט און וועט שרײַבן. ער האָט שוין אָבער מער ניט געשריבן...

כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן מײַן טײַערן ברודערל. אַ גוטע נשמה, אַ צעבליטע בלום, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן פאַר דער צײַט. אַוועקגעגעבן זײַן יונג לעבן זיך נוקם זײַענדיק פאַר דער אַכזריותדיק אומגעבראַכטער גרויסער משפּחה פון די פּוילישע ייִדן.

איין מאָל, צוריקקערנדיק זיך פון אַ באַזוך בײַם מאָביליזירטן בערעלע, ווידער אַכט קילאָמעטער צו פוס, בין איך מיט שלאָבע־ריקע טריט אַרײַן צום עקזאַמען פון פיזיקאַלישער און קאַלאָידאַ־לער כעמיע. דרײַ מיידלעך פאַר מיר זענען דורכגעפאַלן. איך האָב אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען אויף „זייער גוט״ און די סטיפּענדיע איז געבליבן בײַ מיר.

בכדי אײַנצוהאַלטן די סטיפּענדיע האָב איך געמוזט ניט איין מאָל מוותּר זײַן אויף אַ פאַרווײַלונג, אויף די טענץ אין פּאַרק אָדער אויף אַ שיינער פאָרשטעלונג אין טעאַטער צי אין אָפּערע. ווי שוין געזאָגט, האָבן באַוווסטע רוסישע טעאַטערס און אָפּערעס זיך עוואַקויִרט קיין סאַמאַרקאַנד. אָבער איך האָב געהאַט פאַר זיך איין ציל — לערנען!

וואַקאַציעס און ווײַטער לערנען

די סטודענטן פּלעגן אין דער פרײַער זומערצײַט זיך אַרומדרייען אויפן מאַרק, פאַרזוכן פון די פרוכטן און גרינס בײַ די סטראַגאַנעס. מיט דעם פּלעגן זיי אַ ביסל שטילן דעם הונגער. אין קיך פון אינסטיטוט פּלעגט מען זיך סטאַרען אין וואָס גרעסערע שיסלען באַקומען אַרײַנגעגאָסן די „זאַציערוכע" — די שיטערע „זופּ". אָפּגעגאָסן ס'וואַסער, פּלעג איך אויפעסן די געדיכטע קאַשע פון אויפגעקאָכטע מעל.

בעת די זומער־וואַקאַציעס האָבן די סטודענטן געדאַרפט אַרויסהעלפן די קאָלכאָזן, ווו ס'האָבן אויסגעפעלט אַרבעטסהענט בײַם אַראָפּנעמען די תבואה.

אונדזער גרופּע האָט מען געבראַכט אין אַ פאַרוואָרפן העק, גאַנץ ווײַט פון סאַמאַרקאַנד. מען האָט אונדז אײַנגעקוואַרטירט אין אַ פּאַרלאָזענער געבײַדע. די הילצערנע פּריטשע האָבן מיר פאַר־שפּרייט מיט אונדזערע מיטגעבראַכטע קאָלדרעס און געמאַכט זיך אַ געלעגער צום שלאָפן. ווען כ'האָב געפרעגט די מיידלעך, פאַר וואָס זיי בײַטן ניט ס'אונטערוועש אויף בײַנאַכט, האָבן זיי מיך פאַרווונדערט אָנגעקוקט. זיי האָבן פון קיין נאַכטהעמדער אָדער פּיזשאַמעס ניט געוווּסט. ווי מיר זענען ניט געווען מיד, האָבן מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן געזונגען שיינע רוסישע מלחמה־לידער. איך האָב פאַר די מיידלעך געזונגען פּוילישע לידער, וואָס זענען אַלעמען זייער געפעלן געוואָרן.

אַכטונג צו געבן אויף אונדז איז מיטגעפאָרן אַ פּראָפעסאָר, אַ טאָטער. ער האָט בײַ אַ געלעגנהייט מיר געזאָגט, אַז ער האָט

זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז צווישן ייִדן זענען פאַראַן אַזעלכע פּעיִקע, ווי איך. אַזוי גוט האָט ער געקענט די ייִדן...

אין דער פרי לויפן מיר אַרויס עפּעס קויפן בײַ די פּויערים. גייען פון הײַזקע צו הײַזקע און האַנדלען אײַן זויערמילך און „לעפּיאָשקעס" — מעלפּלעצלעך אַזעלכע. ווי גרויס איז געווען אונדזער שטוינונג, ווען מיר טרעפן אין דאָרף אַ סך מענטשן אָן נעזער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַן אָרט, ווו מען האָט באַזעצט סיפיליטיקער, וואָס האָבן אין רעזולטאַט פון דער שרעקלעכער קרענק צו וועלכער ס'איז דעמאָלט קיין תּרופה ניט געווען, פאַרלוירן די נעזער...

דערהערט עס, האָבן מיר באַשלאָסן וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן פון דאַנען. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן מיר איבערגעלאָזן אונדזערע קאָלדרעס אויף דער אַחריות פון פּראָפעסאָר, ער זאָל זיי צוריקברענגען אין שטאָט מיט אַ פורל, און מיר האָבן זיך געלאָזט צו פוס קיין סאַמאַרקאַנד איבער שטויביקע וועגן. אַ ברייטער טײַך האָט פאַרשטעלט דעם וועג. האָבן מיר דורכגעשניטן דעם טײַך האַלב־נאַקעט, אין דער פינצטער, און דערגרייכט דעם צווייטן ברעג. ס'האָט זיך באַוויזן די לבנה, אויפגעלויכטן אַ ביסל די געגנט, און מיר האָבן דערזען פאַר זיך נאָך אַ טײַך און אַז די וואַסערן פון ביידע טײַכן נעמען זיך דערנענטערן. זענען מיר פון דאָרטן גיך צוריקגעלאָפן. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט אַ געיאָמער פון קליינע קינדער. דאָס זענען געווען שאַקאַלן. כ'האָב עס געהערט צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַ שוידער האָט מיך אַדורכגענומען. אַלע האָבן מיר געציטערט פאַר פחד און אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות זיך צו דערווײַטערן פון דאַנען וואָס גיכער. געזוכט אַן אַנדער וועג און די גאַנצע נאַכט געבלאָנדזשעט. אויסגעשעפּטע, מיט שלאַבעריקע טריט האָבן מיר זיך ענדלעך דערשלעפּט אַהיים, אין סאַמאַרקאַנד.

מיר האָבן גוט אָפּגעשניטן. מען האָט אונדז פאַרן אַנטלויפן

ניט געשטראָפט. קענטיק, אַז די וואָס האָבן אונדז אַהין געשיקט, האָבן פאַרשטאַנען ווער ס'איז גערעכט...

דער זומער איז פאַרביי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ לערניאָר. כ'האָב זיך ווידער גוט געלערנט. די טעכנאָלאָגיע פון אויסאַרבעטן פאַרשיידענע אַרטיקלען און אויך די פאָרשונג פון זייער קוואַליטעט האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. האָב איך עס געשטודירט מיט התמדה. דעם ערשטן טייל פון קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל", וואָס מיר האָבן געמוזט דורכגיין, האָב איך איבערגעלייענט אין איין אָטעם, ליגנדיק אויף מײַן האַרטן געלעגער. די פּראָפעסאָרין וואָס האָט געפירט דעם סעמינאַר אויף דער טעמע, האָט אויסגעהערט מײַן צוגעגרייטן רעפעראַט מיט אַ פאַרוווּנדערט פּנים און געגעבן אַ גוטע מיינונג.

כ'האָב אויך זייער ליב געהאַט כעמיע. איין מאָל געגאַנגען אויף אַ סעמינאַר פון כעמיע אַפילו זײַענדיק קראַנק אויף געלזוכט.

ס'האָבן זיך געטשעפּעט צו מיר צרות. אויפן אַבראַמאָווסקי־בולוואַר איז מיר אַרויפגעפאָרן אויפן פריִער קראַנקן לינקן פוס אַ ראָד פון אַן אויטאָ. כ'בין אומגעפאַלן. צוויי חברטעס האָבן מיך קוים דערשלעפּט צום אינסטיטוט. איך בין דעם גאַנצן וועג געשפּרונגען אויף איין פוס. אַ נס וואָס ס'איז ניט געווען ווייט. מען האָט געמוזט צעשנײַדן דאָס שטיוועלע, ווײַל דער פוס איז געווען אָנגעשוואָלן און בלוי. אַ חודש בין איך אָפּגעלעגן מיט קאָמפּרעסן אויפן פוס און געגעסן צוקער־בוריקעס, ווי אַ סגולה צו געלזוכט. ס'איז מיר געווען אַ שאָד די שטיוועלעך מיט דער דינער פּאָדעשווע, וואָס כ'האָב זיי באַקומען פון מײַן פעטער דוד אַ מתּנה. מער האָב איך שוין אַזעלכע ניט געהאַט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ווי אַ סטאַלין־סטיפּענדיאַנטין האָב איך געמוזט זײַן אַן אַקטיווע קאָמסאָמאָלקע. געהאָלפן סטודענטן גרייטן לעקציעס, גענומען אָנטייל אין אַלע קולטור־אונטערנעמונגען.

פאַרענדיקט דאָס לערניאַר. זומער. האָט מען אונדז ווידער געשיקט אַרבעטן אין פעלד, אין אַ סאָווכאָז, אַ צוואַנציק קילאָ־מעטער פון דער באַנסטאַציע דזשומאַ. די זאַנגען האָבן מיר אַרויס־געריסן פון דער ערד מיט די הענט, ווײַל ס'האָבן אויסגעפעלט די געהעריקע מכשירים. מיר פלעגן אָנהייבן אַרבעטן דרײַ אַ זייגער פאַר טאָג, בכדי ניט צו דאַרפן אַרבעטן אונטער דער סמאַליענדי־קער זון בײַ טאָג. מען האָט אונדז ווידער געגעבן עסן „זאַציערוכע" — די אַלט־באַקאַנטע זופּ פון וואַסער מיט מעל, אָבער דערצו — אַ שטיקל זייער טונקל פלייש.

צוויי מיידלעך האָבן באַקומען הויכע היץ. איך בין געווען דער „סטאַראָסטע" — די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער גרופּע. האָב איך באַשלאָסן זיי אָוועקצופירן אַהיים. מיט אַ פורל זענען מיר דערפאָרן ביז דער באַנסטאַציע דזשומאַ. מאָסן מענטשן פלעגן באַפאַלן יעדע באַן, און מיר האָבן זיך ניט געקענט אַרײַנשטופּן אין אַ וואַגאָן. כ'בין געווען פאַרצווייפלט.

ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ באַן מיט נאַפט־ציסטערנעס. אויף אַ בריקל צווישן די גרויסע פעסער האָב איך דערזען אַ מענטש. כ'האָב באַשלאָסן טאָן דאָס זעלבע — אַרויפדראַפּען זיך אויפן בריקל. דער מענטש האָט אונדז געהאָלפן, אויסגעשטרעקט אַ האַנט. אין וועג האָבן מיר אַלע זיך געהאַלטן אַרומגענומען, כּדי ניט אַראָפּצופאַלן. אויף אַ סטאַציע האָט אונדז דערזען דער באַנפירער. ער האָט געפאָדערט פון אונדז הונדערט רובל שוחד, אַניט זעצט ער אונדז אַראָפּ. כ'האָב אים געגעבן די פופציק רובל, וואָס כ'האָב געהאַלטן אין מײַן פּאַספּאָרט. האָט ער ניט אַנדערש געוואָלט צונע־מען פון מיר דעם פּאַספּאָרט, ווי אַ משכּון, אַז כ'וועל אים אָפּגעבן נאָך פופציק רובל. אָבער דער פרעמדער מאַן האָט זיך אַרײַנגע־מישט און אים ממש געצוווּנגען אָפּצוגעבן דעם דאָקומענט.

ווען די באַן איז פּאַמעלעך צוגעפאָרן צום סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל, זענען מיר אַרונטערגעשפּרונגען און זיך באַהאַלטן, אַז

די באַן־פּאָליציי זאָל אונדז ניט כאַפּן און ניט אַרעסטירן. די פּופּציק רובל זענען אַוועק אויף מײַן חשבון.

צו מאָרגנס האָב איך דערציילט אין אינסטיטוט, אַז אין יענעם סאָווכאָז איז אוממעגלעך צו זײַן און געבעטן מיך שיקן אַרבעטן אַנדערש וווּ. מיט אַן אַנדער גרופּע האָט מען מיך געשיקט רײַסן פּרוכטן. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די פּרוכטן, אויך הנאה געהאַט פון די קליינע קאַרטאָפּעלעך מיט פּוטער, וואָס מיר פלעגן באַקומען צום עסן, און געמיינט, אַז אונדז האָט געטראָפן אַ גרויס גליק. מיר האָבן אָבער ניט געוווּסט, אַז אין דער דאָזיקער געגנט בושעוועט אַ טראָפּישע מאַלאַריע. אַהיים בין איך געקומען מיט הויכער היץ.

כ׳בין קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און דערצו נאָך אויף דיזענטעריע. מסתּמא צוליב עסן ניט קיין געוואַשענע פּרוכטן. געווען גאָר שטאַרק קראַנק. אויף צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט פלעגט מען מיך אויף די הענט אַרויסטראָגן אין הויף. די מומע קלאַראַ האָט מיך געקאָרמעט מיטן וואַסער פון אָפּגעקאָכטע רײַז און מיט אָנגעריבענע עפּל. נאָכן אָפּקרענקען עטלעכע וואָכן בין איך געוואָרן אויסגעדאַרט ווי אַ שפּאָן. ווען כ׳האָב זיך שוין געקאָנט האַלטן אויף די פיס און געגאַנגען אין ברויטקרעמל אויסקויפן די ברויטנאָרמע, האָט מיר דער קרעמער געזאָגט, איך זאָל וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן, ווײַל ער האָט פאַר מיר מורא, אַזוי שרעקלעך האָב איך אויסגעזען...

כ׳בין שטענדיק געווען געוווינט צו האָבן אַרום זיך חברים, גוטע פרײַנד. ליב געהאַט עמעצער זאָל מיר שעפּטשען אויפן אויער „לאַסקאָווע״ ווערטער. האָב איך זיך באַפרײַנדט מיט אַ ייִדיש־רוסישן סטודענט, וואָלאָדיע — אַ יונגער, דאַרער בחור מיט געקרײַזלטע האָר און אַ לענגלעך פּנים. ס׳האָט מיר זייער פאַר־דראָסן, פאַר וואָס ער איז בעת מײַן קרענק קיין מאָל ניט געקומען מיך מבקר־חולה זײַן. ער גופא איז זײַענדיק קוים זיבעצן יאָר אַלט

געווען נאָך אַ האַרצאַטאַק. זײַן מאַמע איז געווען די ביבליאָטע־קאַרין פון אינסטיטוט. מען האָט זי מיט די קינדער פאַרשיקט פון מאָסקווע קיין סאַמאַרקאַנד נאָך פאַר דער מלחמה, נאָך דעם, ווי מען האָט אַרעסטירט איר מאַן, אַן אינזשעניר, וועלכן מען פלעגט פריִער שיקן קיין אויסלאַנד אײַנקויפן מאַשינען. ביידע, זי און דער מאַן, זענען געווען אַקטיווע קאָמוניסטן און זײַענדיק פאַרטאָן מיט דער אַרבעט און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָבן זיי פאַרנאַכ־לעסיקט די שטוב און די קינדער. וואָלאָדיע האָט מיר דערציילט, אַז נאָך אין מאָסקווע האָט ער זיך געחברט מיט יונגע גנבים און אין די נעכט פלעגן זיי באַראַבעווען געשעפטן. דעם טאַטן האָט ער נאָכן אַרעסט שוין מער ניט געזען. בעת די לעקציעס אין אינסטיטוט זענען מיר ביידע געזעסן זײַט בײַ זײַט. ער פלעגט אונטער דער באַנק מיך אָננעמען פאַר אַ האַנט און גלעטן. מיר פלעגן געווײנטלעך שפּאַצירן און שמועסן. אויך זענען מיר געגאַנגען צום טײַך, אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, זיך באָדן.

פלוצלונג איז וואָלאָדיע פאַרשוווּנדן.

אין אַ צײַט אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו מיט טענות, הלמאַי איך האָב אַן אַנדער חבר וואָס איז, לויט אים, גאָרניט ווערט, דעריבער איז ער צו מיר ניט געקומען. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז וואָלאָדיען האָט מען פלוצלונג מאָביליזירט און ער האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט מיר די זאַך אויפצוקלערן. וואָלאָ־דיעס ברודער, יורי, אַ פעיִקער אינזשעניר, האָב איך מיט יאָרן שפּעטער באַגעגנט אין ישׂראל. וואָלאָדיע און זײַן משפּחה זענען געבליבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צו יענער צײַט האָט אין סאַמאַרקאַנד געבושעוועט פלעק־טיפוס.

איין מאָל, אַרויסגייענדיק אין גאַס האָב איך דערזען ליגן אַ קראַנקן ייִד אויף דער ערד. כ'האָב אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל און איבערגעלאָזט מײַן אַדרעס. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער

זיך באַוויזן — בלייך, אויסגעדאַרט, מיט אַן אויסגעצויגענער נאָז. ער איז בײַגעקומען דעם פלעקטיפוס. ער׳ט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט ניט קיין גראָשן זיך צו דערקלײַבן צום וואָיענקאָמאַט, ס׳הייסט, אין מאָביליזיר־ביוראָ, און אַז ער איז זייער הונגעריק. כ׳האָב אים אָוועקגעגעבן מײַנע לעצטע פינף רובל און מײַן לעצט שטיקל ברויט — אַ לעפּיאָשקע.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן אין ישׂראל. זײַן פרייד איז געווען אָן־לשער. ער האָט איצט אָנגעגעבן זײַן נאָמען און פאַמיליע: אַבראַשע הירשפעלד. ניט געוווּסט ווי מיר צו דאַנקען פאַר דער דעמאָלטיקער הילף, וואָס האָט אים ממש געראַטעוועט דאָס לעבן. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער מיך באַזוכט און מיטגעבראַכט אַ מתּנה — אַן אַליין געצייכנט איילבילד: אַ בוקעט בלומען.

ייִדישע יוגנטלעכע פֿון פּוילן אין סאַמאַרקאַנד

אַ גרויסע פֿרייד בײַ אונדז: פֿימקע גאָלדבערג, מײַן קוזין, איז געקומען פֿון פֿראָנט אויף רעקאָנוואַלעסצענץ צו זײַנע עלטערן. ער איז געווען נאָך אַ פֿאַרווונדונג.



דער קוזין פֿימקע גאָלדבערג

פֿימקע איז געבוירן געוואָרן אין לענינגראַד און שוין בײַם אָנהייב קריג פֿרײַוויליק געמאָלדן זיך צו דער אַרמיי. אַ קויל האָט אים דורכגעשאָסן דאָס פּנים. ער איז געווען שרעקלעך אויסגע־הונגערט. גערן פֿלעגט ער גיין אויסקויפֿן דאָס ברויט אויף די ברויטקאַרטלעך און אויפֿן וועג אַרומבײַסן ס׳ברויט פֿון אַלע זײַטן.

כ׳בין געווען מיט אים אין קינאָ און אָפּגעזאָגט די אײַנלאַדונג פֿון ד״ר אַמינאָוו, וואָס האָט זיך ווידער באַוויזן אין סאַמאַרקאַנד. כ׳האָב פּשוט געוואָלט, אַז דער פֿאַרווונדיקטער זעלנער זאָל האָבן

אַ ביסל הנאה, איידער ער קערט זיך אום צוריק אויפֿן פֿראָנט.

פּלוצלונג האָט פּימקע געקראָגן הויכע היץ און ס'האָט אים געוואָרפֿן אין קדחת. ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער מאַלאַריע און אָפּגעלעגן וואָכן אין שפּיטאָל. זײַנע עלטערן פֿלעגן זיצן בײַ זײַן בעט גאַנצענע טעג. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון שפּיטאָל, האָבן זיי פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק עפּעס פֿון זייערע זאַכן און געקויפֿט פֿאַר אים עסנוואַרג, אָבער ניט צו פֿיל. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז אויב ער וועט זײַן אויסגעמאָגערט, וועט מען אים צוריק אויפֿן פֿראָנט ניט שיקן. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. ער האָט געמוזט זיך צוריקקערן אין אַרמיי.

פֿון צווייטן זון, סיאָמקע, איז קיין שום ידיעה פֿון פֿראָנט ניט אָנגעקומען.

כ'האָב זיך שפּעטער געטראָפֿן מיט ד"ר אַמינאָוו. ער האָט פֿאַר מיר זיך מתוודה געווען, אַז ער האָט געפּלאַנירט און געהאָפֿט מיט מיר חתונה צו האָבן... גיי, ווייס!

דער אינסטיטוט האָט צו יענער צײַט פֿאַרנומען דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אין מײַן לעבן. כ'האָב זיך דאָ באַפֿרײַנדט מיט אַ סך ייִדישע סטודענטן, יוגנטלעכע פֿון פּוילן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין סטודענטן־היים. ס'איז דאָרטן געווען אַ גאָרקיך, ווו מען פֿלעגט די סטודענטן אַרויסגעבן „מיטאָגן": אַ וואַסערדיקע זופּ מיט ברייטע לאָקשן פֿון שוואַרצער מעל, אַ פּאָר גרינע קרויטבלעטער און אויסגעקאָכטע קישקעס. אויף די קישקעס האָב איך מוותּר געווען און אָפּגעגעבן עמעצן אַן אַנדערן.

כ'וועל דערמאָנען עטלעכע פֿון די ייִדישע סטודענטן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט.

צוויי קראָקעווער יאַטן, כילעק און העניעק, פֿלעגן אַרומגיין איבער דער שטאָט מיט אַ זעג און אַ האַק זוכן אַרבעט. העניעק איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גימנאַזיע־מונדירל מיטן רויטן פּאַסיקל

פון פּוילישן ליציי, און איך פלעג אים שטענדיק נאָכקוקן, נאָך איידער מיר האָבן זיך באַקענט.

מײַן גוט־באַקאַנטער סטודענט כילעק און זײַן ברודער זענען פאַריתומט געוואָרן אין סאַמאַרקאַנד פוןביידע עלטערן, וואָס זענען דאָ אין איין טאָג געשטאָרבן פון טיפוס.

אַראָנטשיק — אַ הויכער, שיינער בחור, האָט זיך אויף פּאַר־נומען מיט האַנדל. ער פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט קליינע פּאַפּי־רענע זעקעלעך מיט שמעקעדיקן פּודער, וואָס איינער פון זײַנע קרובים האָט פּראָדוצירט.

וועגן פינעקן, אַ נידעריקער, סימפּאַטישער סטודענט מיט אַ קײַלעכדיק פּנים און שמייכלענדיקע אויגן, האָט מען דערציילט, אַז ער האָט גאָלדענע הענט. ער מיט אַ צווייטן סטודענט, אַברהמל, האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט ברויטקאַרטלעך. כ׳האָב זיי באַגעגנט אויפן וועג צו די קאַזאַרמעס בעתן טראָגן עסן דעם ברודער, בערעלע. זיי האָבן מיך געבעטן קיינעם ניט צו דערציילן וועגן זייער טועבץ. לסוף זענען ביידע אַנטלאָפן פון סאַמאַרקאַנד אויס מורא, אַז מען וועט זיי כאַפּן בײַם ספּעקולירן מיט די ברויטקאַרטלעך.

בכדי זיך צו פאַרשאַפן אַ געוויסע אויסקומעניש, האָבן כמעט אַלע ייִדישע סטודענטן פון פּוילן געהאַנדלט מיט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. דער גרעסטער קאָמבינאַטאָר איז, דאַכט זיך מיר, געווען אָשר. ווען דער פּוילישער פּונקט האָט אַרויסגעגעבן די פּוילישע פּליטים גוטע פוטער, זייף און אַנדערע דעפיציטע פּראָ־דוקטן, האָט דאָס געטיילט אָשר. אויף זײַנע ליסטעס זענען אויך געווען „טויטע נשמות״. אַפילו מײַנע קרובים פון לענינגראַד האָבן באַקומען אַ „פּאַיאָק״. צוויי קעסטלעך מיט זייף האָט ער מיט זײַן חבר, פרעדעק, אַרונטערגעשטופּט אונטער מײַן געלעגער. די זייף האָט געשטונקען און מיר שרעקלעך געשטערט בעת אַ מאַלאַריע־אַטאַק.

די צוויי בחורים האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט מיט דער באַן

קיין טאַשקענט האַנדלען מיט מאַנופאַקטור. אַרומגעוויקלטע מיט לײַוונט אונטער די מלבושים, זענען זיי אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף די וואַגאָן־טרעפּלעך. ס'איז געווען זייער מסוכּן.

געווען אַ פאַל, ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן קיין אַשכאַבאַד כּלומרשט ווערבירן סטודענטן פאַר אונדזער אינסטיטוט. אַהינצו, אויפן וועג האָט אַשר פאַרלוירן זײַן געלט מיט די דאָקומענטן. ס'איז אים אַרויסגעפלויגן דורכן אָפענעם פענצטער פון דער באַן, ווען ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַן אייבערשטער פּריטשע. ביידע חברה־לײַט האָבן אָפּגעשטעלט דעם צוג, אויסגעשטיגן און געזוכט אויף די באַנרעלסן די אבדה. אָבער אומזיסט, ניט געפונען. זיי זענען געפאָרן ווײַטער מיט עגמת־נפש. דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו מאַכן געשעפטן מיט אַ זייגער־מאַכער פון אַשכאַבאַד, וואָס האָט זיי מיטגעגעבן, פאַר „עמעצן", אַ פּרעכטיקע בראָש מיט גרויסע בריליאַנטן און שמאַראַגדן. ס'איז זיי ניט אײַנגעפאַלן צו מאַכן אַ ויברח מיטן ווערטפולן חפץ. פאַקטיש וואָלט זיי דאָס זיך ניט אײַנגעגעבן. געהיט האָט זיי דעם סוחרס טאָכטער, שׂרה, וועלכע איז מיט זיי מיטגעפאָרן קיין סאַמאַרקאַנד און זיך פאַרשריבן אין אונדזער אינסטיטוט.

בײַם ווערבירן סטודענטן האָט מען געקענט פירן דעם בעסטן האַנדל, ווײַל מען איז אַרומגעפאָרן מיט אָפיציעלע דאָקומענטן איבער פאַרשיידענע שטעט. די פּראָפעסאָרן האָבן צוגעהאָלפן די ווערביר־אַקציע, ווײַל זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט צו האָבן וואָס מער סטודענטן.

אויף מײַן קורס זענען געווען אַ סך קאָרעיִשע סטודענטן, און אויך אָרטיקע אײַנוווינער און פּליטים פון רוסלאַנד, ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע. בדרך־כּלל האָבן זיך אַלע ערנסט געלערנט.

אַ באַזונדערער טיפּ איז געווען די סטודענטקע זשעניאַ — אַ הויך מיידל מיט געל־פלאַקערנדיקע האָר, פאַרדרייט אין רערלעך.

זי האָט אָנגעפירט מיטן קאָמסאָמאָל. אַפילו די געניצטע צײַטונגען פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זי פאַרקויפט אויפן מאַרק. אירע עלטערן — די מאַמע, אַ דאָקטערין, דער טאַטע, אַן עקאָנאָמיסט — האָט מען מאָביליזירט און זיי זענען געווען אויפן פראָנט. פון דאָרטן פלעגן זיי איר שיקן פעקלעך מיט אַל דאָס גוטס. מײַן מומע האָט איר אונטערגעזאָגט, זי זאָל מיר עפּעס פון איר גוטס געבן אַ מתּנה, ווײַל איך האָב איר געהאָלפן זיך גרייטן צו די עקזאַמענס. זי האָט אָבער געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק. דער דעקאַן האָט צוגעזאָגט אירע עלטערן זיך מיט איר צו פאַרנעמען. האָט זי מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך טאַקע מיט איר „פאַרנומען״ אויף אַ ספּעציעלן אופן... אויך אַ בחור האָט זיך צו איר צוגעשאַרט, זי אויסגעניצט: זי האָט אים געקאָרמעט, אָנגעטאָן, און דערנאָך האָט ער זי פאַרלאָזט.

געווען אַ סטודענטקע פון סמאָלענסק, נאַטאַשע, וואָס אַ פאַר־פאָלק פון סאַמאַרקאַנד, דאָקטוירים, האָבן זי אַדאָפּטירט. צו פרישטיק פלעגט זי עסן אַ ווײַסן זעמל מיט פוטער און קאַקאַאָ. אוי, בין איך איר מקנא געווען!

די גרופּע סטודענטן פון פּוילן פלעגט זיך טרעפן פון צײַט צו צײַט. צו דער חברטע יאַנקעס פרײַוויליקן אַוועקפאָרן אויפן פראָנט מיטן פּוילישן מיליטער, האָבן מיר זיך פאָטאָגראַפירט. זי איז אויפן פראָנט געפאַלן.

מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט אויפן נײַיאָר־אָוונט בײַ דער סטודענטקע, ליזע, אין שטוב. זי האָט געמאָלדן, אַז דאָס איז איר חתונה־פײַערונג, זי האָט חתונה מיטן אַגראָנאָמיע־סטודענט, יחזקאל.

אויך שׂרהלע, אַ סטודענטקע פון מעדיצין, און העניעק, אַ וועטערינאַריע־סטודענט זענען געווען מײַנע חברים.

צו אָט דער סטודענטן־קאָמפּאַניע האָט געהערט אויך פרעדעק, אַ סטודענט פון עקאָנאָמיע, פּלאַנירונג און סטאַטיסטיק אין אונדזער אינסטיטוט. באַקענט האָב איך זיך מיט אים צופעליק, ווען ער איז

געזעסן לעבן מיר בעת אַן אָוונט צום יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. איך האָב אַרײַנגעקוקט אין דער פּוילישער צײַטונג וואָס איז זײַנע הענט. מען האָט אויסגערופן מײַן נאָמען צו באַקומען אַן אויסצייכענונג. דאָס האָט אים פאַראינטריגירט. מײַן נאָמען איז אים באַקאַנט געווען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געקענט מײַן טאַטן פון טשעליאַבינסק. שפּעטער האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון טשעליאַבינסק, בכדי זיך צו מאָביליזירן אין דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס. מען האָט אים אָבער נישט אָנגענומען, ווײַל קיין ייִדן האָבן זיי ניט געדאַרפט.

האָבן מיר זיך באַקענט מיט פרעדעקן. מײַן מומע האָט אים פאַרבעטן צו אונדז צום פּסח־סדר. ער האָט געבראַכט עטלעכע פלעשער גוטן אוזבעקישן ווײַן — פּאָרטאָ, טאָפּאַז, מוסקאַט. די מומע איז אַרויס מיט אים כאַפּן אַ שפּאַציר און אויסגעפרעגט אים, צי ער האָט ערגעץ אַ פרוי מיט קינדער.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַן איינזאַמער בחור. די עלטערן האָבן אים אַרויסגעשיקט פון דער היים, ווען די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן כאַפּן ייִדישע יוגנטלעכע צו שווערער אַרבעט. מיט נאָך עטלעכע ייִדן איז ער אַוועק גנבענען די גרענעץ. אַ דײַטש האָט זיי פאַרהאַלטן, אָבער אָפּגעלאָזט, און זיי זענען אַריבער אויף דער סאָוועטישער זײַט. האָבנדיק מאַטורע, האָט פרעדעק געפונען אַרבעט ווי אַ לערער אין לוצק. נאָך דעם ווי היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט פרעדעק צו פוס און מיט באַנען זיך דערקליבן קיין סאַמאַרקאַנד.

זײַנע אָפּיצירסקע שטיוול וואָס ער האָט געהאַט פון דער היים, זענען אים גוט צו ניץ געקומען אין שווערן וועג. אָבער ניט לאַנג האָט ער פון זיי הנאה געהאַט. אין סאַמאַרקאַנדער גרויסער שטאָטישער באָד האָט ער אין אַ געוויסן טאָג, ווי געוויינטלעך, איבערגעלאָזט זײַנע זאַכן אין אַ קאַבינע. די שטיוול האָט אים עמעצער „פאַרביטן" אויף אַלטע שטעקשיך... ער האָט פאַרקויפט זײַן זייגערל

און פאַרן געלט געקויפט אויפן מאַרק אַ פּאָר שיך. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען צוויי לינקע שיך...

דער מומעס באַקאַנטער אוזבעק וועלכן זי האָט פון צײַט צו צײַט „געשמירט״, כּדי ער זאָל אונדז ניט טשעפּען, ניט גנבֿענען בײַ אונדז, האָט אײַנגערעדט פרעדעקן, אַז ער וועט אים קויפן שיך אין „וואָיענטאָרג״ — אַ געשעפט פאַר אָפיצירן. ער איז אַרײַן מיטן געלט אין איין טיר און אַרויס דורך אַ צווייטער... די שיך האָט ער טאַקע געקויפט, אָבער סײַ די שיך, סײַ דאָס געלט זענען פאַרפאַלן געוואָרן. די געשיכטע האָט מיר פרעדעק דערציילט שפּעטער, ווען ער האָט שוין ענדלעך געהאַט אויף די פיס שווערע, שוואַרצע שיך.

ווען פרעדעק איז געקומען קיין סאַמאַרקאַנד, האָט ער זיך פאַרשריבן אין אונדזער אינסטיטוט און אַרײַן וווינען אין סטודענטן־הויז. בכדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן, האָט ער פון צײַט צו צײַט אונטערגעהאַנדלט מיט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, כאָטש דאָס האָט געשמעקט מיט ריזיקע. קיין ברירה איז אָבער ניט געווען.

דעם ערשטן אָוונט, אויף דער אָקטאָבער־פּײַערונג, בעת מיר האָבן זיך אַזוי צופעליק באַקענט, איז פרעדעק מיר נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט. אײַנגעלאַדן טאַנצן און קיינעם צו מיר ניט צוגע־לאָזט. אויף דער לאָטעריע האָבן מיר געוווּנען אַ גיפּסן בילדל און אַ פלאַש ווײַן. ער האָט מיך באַגלייט אַהיים אין דער אַלטשטאָט און צום געזעגענען זיך אַ קוש געטאָן. פון דעמאָלט איז ער געווען בײַ אונדז אַן אָפטער גאַסט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן גרינעם שינעל, אָדער אין דעם גראַנאַטענעם גאַרניטער נאָך פון דער היים.

פרעדעק איז געווען דאַר. אַ גוטער שמייכל האָט גערוט אויף זײַנע פולבלעכע ליפּן. זײַנע שיינע אויגן זענען אָפט געווען רויט פון אַן אָנצינדונג. אין קעשענע האָט ער שטענדיק געטראָגן אַ גרויסן מעסער, צו האָבן מיט וואָס זיך צו באַשיצן. געווען אַ סכּנה בײַ נאַכט צו גיין אַליין איבער דער שטאָט. מען פלעגט באַפאַלן

מענטשן, זיי אויסגעטאָן נאַקעט, ממש נאַקעט, און צוגענומען די זאַכן. מען האָט גערדאַנקט גאָט, אַז איבערגעלאָזן די נשמה. מיט דער סאַמאַרקאַנדער אונטערוועלט איז געווען סכּנת־נפשות זיך צו באַגעגענען. אמת, ס׳איז ניט געווען זייער אָנגענעם זיך צו באַווײַזן מוטער־נאַקעט אין סטודענטן־היים...

צום ערשטן מאָל, ווען פרעדעק האָט מיך אײַנגעלאַדן אין קינאָ, האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ צוקערל. צום צווייטן מאָל — מיט אַ פּענעצל ברויט מיט פּוטער — ביידע אַ יקר־המציאות. מיר האָבן עס געגעסן און פאַרטרונקען מיט ציקאָריע־קאַווע בײַ אַ טישל אין מאַרק.

דער מאַרק איז געווען פול מיט מענטשן. די פּליטים פלעגן דאָרטן פאַרקויפן זייערע מלבושים און אַנדערע חפצים. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט בײַ די רוסן און אוזבעקן די פּוילישע זייגערלעך. זיי פלעגן אָנטאָן אויף אַ האַנט עטלעכע זייגערס. איך קאָן ניט פאַרגעסן אַ סצענע אין מאַרק, ווי מײַן טאַטע האָט זיך אײַנגעבויגן איבער אַ זאַק גרינס אויסצוקלײַבן פאַר זיך עפּעס. אַן אוזבעק האָט אים פאַרקאַטשעט דעם מאַנטל און אַרײַנגעשטופּט די האַנט אין אַ קעשענע מיטן קלאָרן ציל עפּעס פון דאָרטן אַרויס־צוציִען. ווען דער טאַטע האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און דערשטוינט אָנגעקוקט דעם קעשענע־גנב, האָט יענער אים אָנגע־הויבן שלאָגן, ווי איינער זאָגט, פאַר וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט באַגנבענען...

איך האָב חתונה

פּרעדעק האָט מיר דערציילט, אַז ער איז שוין 26 יאָר אַלט, און צײַט פּאַר אים חתונה צו האָבן. דעריבער בעט ער מײַן האַנט... מיר איז עס דערווײַלע ניט געלעגן אין זינען. כ׳בין געווען יונג, גאָר יונג. געטראַכט נאָר וועגן לערנען, ענדיקן דעם אינסטיטוט. ביסלעכווײַז האָט ער מיך איבערצײַגט, כ׳זאָל מיט אים יאָ חתונה האָבן. ער איז געווען זייער ליב צו מיר, זאָרגעוודיק. בעת מײַנע אָפטע מאַלאַריע־אַטאַקן פלעגט ער מיך פירן צום דאָקטער צו באַקומען די אײַנשפּריצונגען קעגן דער קרענק. כ׳בין געווען אַזוי שוואַך, אַז אַליין וואָלט איך פּשוט צום דאָקטער ניט דערגאַנגען. ניט נאָר גיין, אַפילו זיצן איז מיר געווען שווער, אַזוי צעשטאָכן בין איך געווען פון די אײַנשפּריצונגען. ס׳האָט פּרעדעקן ניט געשטערט, וואָס איך בין נאָך די אַלע שווערע קרענק געבליבן אָן האָר אויפן קאָפּ און דעריבער געטראָגן שטענדיק אין גאַס און צווישן מענטשן אַ שוואַרצן בערעט.

אַגב, איז פּרעדעק מיט מיר מיטגעגאַנגען, צו פוס 16 קילאָמעטער הין און צוריק, ווען בערעלעס פּאָלק איז אַוועק צום פראָנט און מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט אויף אייביק.

ביסלעכווײַז האָבן די האָר אָנגעהויבן אָפּצוואַקסן, און צו מײַן חתונה האָב איך שוין געהאַט קורצע האָר. וועגן אַ חופּה־קלייד האָט מען ניט געקענט טראַכטן. פון אַן אַלטן אַמעריקאַנער גראַנאַטענעם מאַנטל האָט מען מיר אויפגענייט אַ „נײַ" קלייד. בלויע טופליעס, אַלטע און אַ ביסל צעקרימטע, האָב איך באַקומען צו דער חתונה פון פּוילישן פונקט, ווו מען האָט פאַרטיילט אַלטע אַמעריקאַנער זאַכן.

עס זיצן: דוד און קלאַראַ גאָלדבערג; עס שטייען: די אויטאָרין און פרעדעק

אָשר איז געווען דער עדות ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשריבן אין אָרטיקן ביוראָ „זאַגס". אין „טאָרגסין" — אַ געשעפט פאַר אויסלענדער — האָט פרעדעק געקויפט צוויי גאָלדענע רינגעלעך. אין אָוונט צו דער חתונה האָבן זיך אין אונדזער קיביטקע צונויפגעקליבן צען מענטשן: חברים, עטלעכע שכנים, די מומע מיטן פעטער און דער בעל־הבית, דער אוזבעק. די מומע האָט צוגעגרייט געפילטע פיש און אַ שטרודל, געקאָכט און געבאַקן אויף אַ נאַפט־מאַשינקע. מען האָט געטרונקען וויין. איך האָב אויסגעטרונקען אַ פּיאַלע — אַ שיסעלע — מיט שטאַרקן, געדיכטן אוזבעקישן וויין און געוואָרן שיכּור. וואַקלענדיק זיך בין איך געגאַנגען מיט מיין מאַן אין זיין צימער אויף דער לענין־גאַס אין דער נייַשטאָט.

אין אונדזער נייַער וווינונג האָבן מיר אַריינגענומען די מומע מיטן פעטער. מיר האָבן אַריינגעשטעלט צוויי בעטן, אַ טיש מיט

שטולן, דער מומעס ניימאַשין און אַ טישעלע מיטן נאַפּטלאַמפּ צום קאָכן. קיין אָפּטרעט איז, פאַרשטייט זיך, אין שטוב ניט געווען און מען פלעגט גיין אין אַ בײַדל אין הויף. דאָס ווינאַרט האָבן מיר געדונגען אַלע צוזאַמען. ס'האָט אונדז געקאָסט ניט ווייניק. דער פריִער גרויסער צימער איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל פון דיקט. אין דער צווייטער העלפט האָט געוווינט אַ פּראָפעסאָר, ד"ר טורקיעוויטש, מיט זײַן יונגער פרוי, אויך אַ דאָקטער, און זייער קליין זונעלע. צו איר פלעגן קומען יונגע סטודענטן, און ס'איז געווען דאָרטן פריילעך... איר מאַן איז אָפט געווען שיכּור, אַזוי אַז קיין רו האָבן מיר פון די שכנים ניט געהאַט.

צו יענער צײַט האָט מען מײַן סטיפּענדיע פאַרגרעסערט ביז 700 רובל, און איך האָב עס אַוועקגעגעבן דער מומען, וועלכע האָט געפירט דיווירטשאַפט פאַר אונדז אַלע פיר.

די צײַט לויפט. די שווערע מלחמה־יאָרן האַלטן זיך אין ענדיקן. מיט פרייד הערט מען דעם ראַדיאָ־ספּיקער, דעם ייִד, יורי לעוויטאַן, וועלכער גיט פײַערלעך צו וויסן, אַז די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס און באַפרײַט אַלץ נײַע שטעט און געגנטן; אַז ס'איז ענדלעך געעפנט געוואָרן דער צווייטער פראָנט. די נעמען פון די באַפרײַטע שטעט אין פּוילן וועקן בײַ אונדז די בענקשאַפט אַהיים.

דעם 8טן מײַ 1945, ווען דײַטשלאַנד האָט קאַפּיטולירט, האָבן מענטשן געטאַנצט אין די גאַסן, און אויך מיר, ייִדן, אין דעם יובלענדיקן עולם. מיט די שכנים האָבן מיר געטרונקען „לחיים". שווער צו באַשרײַבן די געהויבענע שטימונג: דער סוף פון דער שרעקלעכער מלחמה, שלום!

כּמעט קיינער האָט נאָך געווּי ניט געוווּסט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין פּוילן און אין אייראָפּע בכלל. און אַוודאי האָבן מיר ניט געוווּסט, ווי גרויס איז דער בראָך פון אונדזער פאָלק. פרעדעק האָט געשיקט אַ בריוו צו די עלטערן אין זײַן פּויליש היימשטעטל.

איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון מאַגיסטראַט, אַז זײַן משפּחה איז ניטאָ און אַז ס'זענען בכלל ניט געבליבן קיין ייִדן אין שטעטל. פּרעדעק האָט זיך ביטער צעוויינט. ווי עס זענען אומגעקומען זײַנע אייגענע, האָט ער זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער: דער טאַטע איז געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ; די ייִנגסטע שוועסטער איז אַוועק אַ נידערגעשלאָגענע און אַפּאַטישע אין די אויוונס פון אוישוויץ; די מאַמע מיט אַ שוועסטער און אַ ברודער זענען אַוועק מיט די אומקום־טראַנספּאָרטן. נאָך פריִער, איידער פּרעדעק איז אַנטלאָפן פון פּוילן, איז פאַר זײַנע אויגן דערהרגעט געוואָרן זײַנע אַ שוועסטער אין אַ ריי נאָך ברויט, בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע. דאָס איז דער סך־הכּל פון זײַן גאַנצער משפּחה, און ס'הייסט, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין... כ'האָב זיך באַמיט אים צו טרייסטן, הגם טרערן זענען אויך בײַ מיר גערונען, און דאָס האַרץ איז געווען פאַרקלעמט.

איצט האָבן מיר געזען, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס מיר זענען אַנטלאָפן פון אונדזערע היימערטער, האָבן מיר זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. יאָ, מיר האָבן געהאַט מזל. צי קאָן מען פאַרגלײַכן אונדזערע שוועריקייטן בעת דער עוואַקואַציע און די ליידן ווי פּליטים אין פרעמדע ערטער, מיטן גורל פון די ייִדן, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין נאַצי־קלעם?

און איצט, נאָך דער מלחמה? קיינער פון אונדז, די מלחמה־פּליטים, האָט ניט געוואָלט בלײַבן אין מיטל־אַזיע. אונדזער זײַן דאָ האָבן מיר באַטראַכט נאָר ווי אַ צײַטווײַליקן עטאַפּ און געהאָפט זיך צוריקצוקערן קיין פּוילן. מיר האָבן דאָך ניט געוווּסט, און אפשר גאָר ניט געוואָלט גלייבן, אַז אַלץ איז אין אונדזער אַלטער היים פאַרשוווּנדן, אַוועק מיטן רויך, אַז די אַלטע היים איז מער בכלל ניטאָ.

בעת די זומער־וואַקאַציעס באַלד נאָך דער מלחמה, בין איך געפאָרן קיין טשעליאַבינסק צו מײַנע עלטערן און לייזערקען.

די נסיעה פון סאַמאַרקאַנד ביז טשעליאַבינסק אויפן אוראַל האָט מיט דער באַן געדויערט זיינע עטלעכע טעג. צו ערשט איבערגענעכטיקט אין טאַשקענט ביי וואָווען. ער האָט מיר אָפּגע־טראָטן זיין געלעגער, אָנגעקאָרמעט מיט געבראָטן פלייש און געשמאַקע גרינס. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר געשמועסט, דערמאָנט אונדזער היים אין בערעזע. פון זיין משפחה האָט ער ניט געהאַט קיין ידיעה און געווען זייער אומרויִק. געווען אַ גרונט איבערצוטראַכטן דאָס ערגסטע, ווייל איוב־בשׂורות האָבן זיך גע־לאָזט הערן פון אַלע זייטן. אַ צווייטע נאַכט אין וועג, ביים איבער־זעצן זיך אין אַ צווייטן צוג, האָט מיר איינער אַ פּאַסאַזשיר, אַ פּוילישער ייִד, מיטגענומען אין אַ וווינונג, וווּ מען האָט געקענט אויסגלייכן די ביינער אויפן דיל. ס׳זענען מיר אָבער דאָרטן באַפאַלן אַזוי פיל וואַנצן, אַז כ׳האָב געמוזט זיך איבערמאַטערן די נאַכט אויף אַ טיש.

כ׳האָב זיך דערקליבן קיין טשעליאַבינסק אויף דער סאַמע אייבערשטער פּאָליצע פון וואַגאָן, וואָס איז פּאַקטיש פאַרויסגעזען פאַר געפּעק. צוגעהאַלטן פעסט מיין וואַליזקע, מען זאָל זי ביי נאַכט מיר ניט צוגנבענען. די גנבות אין די וואַגאָנען און וואָקזאַלן זענען געווען שרעקלעכע.

אויף די סטאַציעס און אין וועג האָבן פּויערטעס פאַרקויפט פיש און געטריקנטע פּרוכטן. מען האָט אויך געהאַנדלט מיט זאַלץ און מיט מעל, מיט טיי און מיט ראַזשינקעס.

אַ פאַרמאַטערטע, אָבער גליקלעכע, בין איך סוף־כל־סוף אָנגעקומען צו מיינע אייגענע. דער טאַטע און די מאַמע זענען געווען קאָמענדאַנטן פון באַראַקן, וווּ ס׳האָבן געוווינט מאָבילי־זירטע אַרבעטער, און געהאַט דאָרטן אַ צימער מיט בעטן, פאַר זיך און לייזערקען, און אויך גענוג עסן.

ס׳איז מיר געווען זייער אָנגענעם צו זיין מיט מיין משפחה אַ שטיקל צייט. כ׳האָב זיך אַ ביסל באַקענט מיט דער שטאָט. טשע־

ליאַבינסק איז אַ גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט מיט אַ סך הויכשולן און אַן אוניווערסיטעט. איך בין ספּעציעל געפאָרן אין מעדיצינישן אינסטיטוט, בכדי אויפצוזוכן אַ ייִדישן סטודענט, באָריס, וואָס זײַן קוזין איז געווען מיט אונדז אין סאַמאַרקאַנד און געבעטן אים איבערגעבן אַ גרוס. באָריס האָט ניט געוווּסט, אַז זײַן קוזין איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די דײַטשן און זיך ראַטעווען. אַזוי ווי דער קוזין האָט צוליב געוויסע סיבות געביטן זײַן פאַמיליע־נאָמען, האָט ער באָריסן ניט געשריבן און געבעטן, איך זאָל זיי ביידן פאַר־בינדן. און דאָס האָב איך, פאַרשטייט זיך, געטאָן.

מיט באָריסן, איצט אַ דאָקטער אין חדרה, בין איך באַפרײַנדט איבער פערציק יאָר.

צוריקגעפאָרן פון טשעליאַבינסק קיין סאַמאַרקאַנד בין איך גראָד ווי אַ פּריצטע אין אַ סאַלאָן־וואַגאָן. נאָך די אַלע פּראַכט־וואַגאָנען, וואָס כ׳האָב אין זיי זיך אַרומגעוואַלגערט איבער רוס־לאַנד, איז דאָס געווען אַ גרויסער לוקסוס. באַשיידן מעבלירט, אָבער ריין און רויק — אַ מחיה! ווי קום איך דערצו? אין באַן האָב איך צופעליק באַגעגנט מײַנע אַ חברטע פון אינסטיטוט. איר שטיפטאַטע איז געווען דער נאַטשאַלניק פון דער באַן און ער האָט עס אונדז אַזוי שיין אײַנגעאָרדנט. לכתּחילה האָט ער אַפילו פאַרגעלייגט יעדער איינער פון אונדז אַ באַזונדערע קופּע. מיר האָבן אָבער געוואָלט פאָרן צוזאַמען און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן געשמועסט. מיר האָבן ניט באַמערקט ווי מיר זענען אין דער פרי אָנגעקומען אין סאַמאַרקאַנד און ווי מען האָט אונדז נאָכן אָנקומען איבערגעשטעלט אויף אַ זײַטיקער באַנליניע.

פרעדעק האָט מיך אָפּגעוואַרט, אָבער ניט געפונען און זיך צוריקגעקערט אַהיים אַן אַנטוישטער. ווי גרויס איז געווען זײַן פרייד, ווען איך בין אַ צײַט שפּעטער אָנגעקומען.

פרעדעק האָט באַוויזן זיך אײַנצושאַפן אַ סך באַקאַנטע ייִדן

אין שטאָט און אונטערגעהאַנדלט מיט זיי מיט וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. אַלע סטודענטן האָבן געמוזט זוכן פּרנסה. די גרעסטע טייל האָט ניט געהאַט, ניט קיין קרוב, ניט קיין גואל, וואָס זאָל זיי אַ ביסל שטיצן בײַם שטודירן. האָבן זיי אַליין געמוזט זיך אויס־האַלטן. און בעיקר דורך האַנדל, כאָטש דאָס איז געווען גענוג ריזיקאַליש. אויב מען כאַפּט, ווערט מען האַרב געמישפּט פאַר „ספּעקולאַציע".

אויף וויפל דער האַנדל־וואַנדל, און אַפילו דאָס צופאַרדינען, איז געווען פאַרבונדן מיט אמתן סכנת־נפשות, קאָן דינען דער פאַל מיט אַראַנטשיקן. ער פלעגט צופאַרדינען בײַם אַריבערפירן לאַסטאויטאָס מיט ראַזשינקעס פון אַ קאָלכאָז ביז צו דער פאַבריק. איין מאָל האָט מען אים באַוויזן אַ קבלה מיט זײַן אונטערשריפט אויף פינף טאָן ראַזשינקעס, וואָס זענען אין פאַבריק ניט אָנגע־קומען. ער האָט דאָס פּאַפּירל באַקוקט בײַם פענצטער, פאַר גוטער ליכט, און דעריזען, אַז זײַן אונטערשריפט איז געפעלשט, נאָכגע־מאַכט אונטער קאָפּיר־פּאַפּיר. ער האָט זיך זייער דערשראָקן — מען קען אים אַרעסטירן פאַר גנבה.

האָט ער זיך באַראָטן מיטן פּראָפעסאָר פאַר יוריספּרודענץ. יענער האָט אים געעצהט, ער זאָל וואָס גיכער פאַרשווינדן פון שטאָט, ווײַל קיין גרויסע שאַנסן צו דערווײַזן זײַן אומשולד וועט ער ניט האָבן. האָט ער טאַקע באַשלאָסן צוזאַמען מיט כילעקן ניט לאַנג וואַרטן און אַרויספאָרן קיין לעמבערג.

אויך כילעק איז געווען אומרויִק. מיט אים איז געשען אָט וואָס: בײַם האַקן און זעגן האָלץ איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ גרוב און צעמזיקט אַ פוס. פלעגט ער אַרומגיין מיט אַ גראָבן שטעקן, אונ־טערהינקענדיק. אין איינער אַ נאַכט איז אים באַפאַלן אַ כוליגאַן, געוואָלט אים אויסטאָן. האָט ער מיטן שטעקן געגעבן דעם אָנפאַ־לער אַזאַ זעץ איבערן קאָפּ, אַז יענער איז אומגעפאַלן און געבליבן ליגן. כילעק איז האַסטיק אַנטלאָפן פון אָרט און די גאַנצע צײַט

איבערגעטראַכט: ווער ווייסט, ווי שווער ער האָט דעם מענטש געטראָפן. מוז ער אויך פאַרשווינדן פון סאַמאַרקאַנד.

צו יענער צײַט האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע ייִדן און מיט פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס אַרויסגעריסן זיך פון מיטל־אַזיע און צוריקגעקערט זיך קיין אייראָפּע.

פון אונדזערע חברים, פּוילישע ייִדן, האָבן די ערשטע זיך געלאָזט אין וועג קיין לעמבערג — מאַניעק, יוסף מיט זײַן סימפּאַטיע, גאַליאַ מיט איר מאַמען, די געלע טאַניע, כילעק און אַראַנטשיק. דער סטודענט יאָסל ש. האָט געהאַט בײַ זיך אַ ביסל געלט און די חברים האָבן געהאָפט, אַז ער וועט זיי אַרויסהעלפן אין וועג. אומזיסט געהאָפט. אין וועג האָט די קאָמפּאַניע גוט אונטערגעהונגערט, אָבער בײַגעקומען אַלע שוועריקייטן.

ווען מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָבן אויך מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אוזבעקיסטאַן. ס׳איז ניט געווען קיין לײַכטע זאַך. אָן אַ „פּראָפּסוק״, ס׳הייסט, אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, האָט מען ניט באַקומען קיין בילעט אויף דער באַן. איז מיר אײַנגעפאַלן צו בעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן אין מײַן היימשטעטל בערעזע, און מיר האָבן דעם „פּראָפּוסק״ באַקומען.

מיט האַרצווייטיק האָבן מיר זיך געזעגנט מיט מײַן מומען און פעטער, וועלכע האָבן שוין געפּלאַנירט זיך צוריקצוקערן קיין לענינגראַד, זייער שטענדיקן וווינאָרט. זיי האָבן אַלץ געהאָפט צו געפינען זייער זון סיאָמע, אַ מאַטראָס פונעם מיליטערישן ים־פלאָט. עמעצער האָט זיי דערציילט, אַז מען האָט אים געזען אין לענינגראַד. זיי האָבן אים אָבער ניט געפונען. ער איז געפאַלן אין קריג. זייער וווינונג אין דעם אַלטן פּירשטנהויז מיט די שפּיגלען און די מאַרמאָר־טרעפּ, האָט אויף זיי געוואַרט, אַחוץ איין צימער, וועלכן ס׳האָט באַקומען צוגעטיילט אַ מלחמה־אינוואַליד.

פון לענינגראַד האָבן זיי מיר געשריבן, אַז מײַנע באָבע־זיידע זענען געשטאָרבן פון הונגער בעת דער באַלאַגערונג פון דער

שטאָט. די מומע מיטן פעטער האָבן זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט, אַז זיי איז שווער. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז זיי נייטיקן זיך אין הילף, און האָב זיי געשיקט פעקלעך מיט אַ פּאָר רובל פון יעדן פּלאַץ, ווו כ'האָב זיך געפונען — צי דורך פּאָסט, צי דורך געלעגנ־הייטן. זיי זענען געשטאָרבן אין עלטער פון אַרום זיבעציק יאָר. ניט קיין לײַכט לעבן האָבן זיי געהאַט.

די מומע קלאַראַ און דער פעטער דוד זענען געווען פאַר מיר ווי טאַטע־מאַמע. מיר האָבן זיך איינע די אַנדערע אַרויסגעהאָלפן אין די ביטער־שווערע מלחמה־יאָרן. איין זאַך איז זיכער, אַז ווען ניט מײַן סטיפּענדיע וואָלטן מיר אַלע געליטן הונגער און נויט.

זייער זון און מײַן קוזין, פּימקע, האָט זיך צוריקגעקערט פון פראָנט. צו ערשט קיין לענינגראַד. ער איז אָבער אַריבערגעפאָרן קיין ריגע, לעטלאַנד, ווו ער האָט אויפגעשטעלט אַ משפחה. איך האָב מיט אים קאָרעספּאָנדירט אַ לאַנגע צײַט און געשיקט אים מתנות: קליידונג, שוכוואַרג. ער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אומ־געקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

די מלחמה איז פאַרענדיקט. מענטשן רירן זיך פון דאַנען. אויך מיר האָבן זיך געקליבן אין וועג.

מיט אַ שווער האַרץ, אָבער מיט אַ געפיל פון האָפענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט חברים, באַקאַנטע און פראָפעסאָרן פון אינסטיטוט. ס'האָט אויסגעזען, אַז מען איז אונדז מקנא. מיט אַ צײַט שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די אַלגע־מיינע, אָרגאַניזירטע רעפּאַטריאַציע פון די געוועזענע פּוילישע בירגער צוריק קיין פּוילן.

אונדז איז דאָס צוריקפאָרן אָנגעקומען שווערער.

מיר האָבן אײַנגעפּאַקט אונדזער קליין ביסל זאַכן, דאָס בעט־געוואַנט און עטלעכע קילאָגראַם ראָזשינקעס און געשיקט לויטן באַנבילעט קיין קאַרטוז־בערעזע. געזעצט זיך אויפן וואָקזאַל וואַרטן

אויף דער באַן. צוגן זענען געווען, בילעטן האָבן מיר געהאַט, און דאָך זיך ניט געקענט אַרײַנשטופּן אין אַ וואַגאָן. ספּעקולאַנטן זענען באַפֿאַלן די באַנען מאַסנוױיַז און זיי זענען געווען די פּאַרערס. סוף־כּל־סוף איז עס אונדז געלונגען. ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ צוג מיט אַ פּראַכטוואַגאָן וואָס איז געפאָרן קיין מאָסקווע. וואָכן־לאַנג האָבן מיר זיך געשלעפּט אין אים איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מער געשטאַנען ווי געפאָרן. דער גרויסער וואַגאָן איז געווען אָנגע־פּראָפּט מיט מענטשן, ס'רוב ייִדן. מיר האָבן פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ אויף אַ הילצערנער פּריטשע. ס'זאָל ניט זײַן אַזוי האַרט צו ליגן, האָב איך אונטערגעלייגט מײַן נײַעם מאַנטל.

אין דער גדיכטעניש פון מענטשן, ניט קיין געוואַשענע, זענען אונדז באַפאַלן לײַז, וואָס זענען געקראָכן פון איינעם צום אַנדערן. ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען קיין מאָסקווע, איז די ערשטע פּראָבלעם געווען — זיך אויסבאָדן אין אַ שטאָטישער באָד, ווו מען קען אויך דיסאינפיצירן די זאַכן. אַזוי געטאָן, האָבן מיר אויפ־געזוכט אונדזערע אַ חברטע פון סאַמאַרקאַנד, רובינאַ, און בײַ איר איבערגענעכטיקט די ערשטע נאַכט. בײַ טאָג זענען מיר געגאַנגען באַקוקן די שטאָט. כ'בין געווען אַנטציקט פון דער אונטערגרונט־באַן — מעטראָ — וואָס אירע פּרעכטיקע סטאַציעס מיט די פאַר־שיידן־פאַרביקע מאַרמאָר־ווענט מיט די מאָזאַיִק־אָרנאַמענטן און בילדער, מיט די מעטאַלענע באַצירונגען און גרויסע לאָמפּן — זענען ענלעך צו פּאַלאַצן. מיר האָבן געשפּאַצירט איבער די שיינע גאַסן, איבערן פּאַרק און באַוווּנדערט דעם קרעמל און דעם קאָליר־פולן דערנעבנדיקן סאָבאָר מיט די „ציבעלע־קופּאָלן".

צוויי נעכט זענען מיר געשטאַנען אין דער ריי נאָך בילעטן צו פאָרן ווײַטער. אויף דער דריטער נאַכט בין איך געווען די ערשטע בײַם קאַסע־פענצטערל. מען האָט זיך געשטופּט, מיך שיִער ניט אַוועקגעשטויסן אין אַ זײַט. מיט די לעצטע כּוחות האָב איך זיך אײַנגעהאַלטן בײַם פענצטערל און קוים אײַנגערעדט דעם קאַסירער,

אַז דער „פּראָפּוסק״ צו פאָרן קיין בערעזע איז אויף דער ריכטונג קיין לוואָוו (לעמבערג), מחמת בערעזע איז לעבן דער שטאָט און אַהין װעלן מיר שוין צוגיין צו פוס... לסוף האָט דער קאַסירער אונדז פאַרקויפט בילעטן ביז לוואָוו — לעמבערג.

אונדזער באַגאַזש איז אַוועק לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס אין בערעזע...

אין לעמבערג

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין לעמבערג, ווײַל דאָרטן איז געווען ווו ווײַטער צו שטודירן און ענדיקן הויכשול־בילדונג. ס'האָבן דאָרטן געלעבט אויך אונדזערע חברים, סטודענטן פון סאַמאַרקאַנדער אינסטיטוט, מיט וועלכע מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ שטיקל בריוו־לעכן קאָנטאַקט. געפאָרן זענען מיר אין דער ריכטונג פון קיִעוו. איין וואַגאָן־פענצטער איז געווען אָפן. ס'האָט אַרײַנגעבלאָזן און אַ מיידל האָט עס פאַרשטעלט מיט איר וואַליזקע. פלוצלונג איז די וואַליזקע פאַרשוווּנדן. אויף די דעכער פון די וואַגאָנען האָבן זיך אַרומגעדרייט גנבים, געזוכט „פרנסה" און זיי האָבן עס אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. דאָס באַגנבעטע מיידל האָט, פאַרשטייט זיך, ביטער געוויינט אויף איר אבדה. אַלע זענען געווען פאַראָרעמט דורך דער מלחמה און יעדער פּיצל אייגנס איז געווען טײַער.

מיר זענען אָנגעקומען קיין לעמבערג און ס'ערשטע דערזען דעם רויִנירטן וואָקזאַל. באַזונדערע הײַזער און אויך גאַנצע קוואַר־טאַלן זענען געווען חרוב. די גאַסן האָבן נאָך געטראָגן פּוילישע נעמען און אומעטום — דענקמעלער פאַר פּוילישע פּאָעטן און קעמפער. די אָפּערע און ס'טעאַטער — אין צענטער שטאָט. דער מאַרק, ווו מענטשן פלעגן אויספאַרקויפן זייערע זאַכן, בכדי צו האָבן אויסקומעניש, גאָר נאָענט. נאָר אויפן מאַרק האָט מען געקענט קויפן פרײַ עסנוואַרג: ברויט, געבעקס, פלייש, ווורשטן. אַן אמתע נאָכמלחמה־שטימונג.

צום ערשטן מאָל בין איך געפאָרן מיט אַ טראַמוויי. עמעצער האָט מיך אַ פרעג געטאָן: וויפל איז דער זייגער? כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף מײַן האַנט און דערזען, אַז אָט־אָט פאַרליר איך דעם זייגערל, ווײַל אַ גנב האָט געעפנט דאָס פּאַסיקל.

מיר האָבן געהאַט דעם אַדרעס פון אונדזערע חברים. געקומען אַהין, דערזען, אַז זיי האָבן געוווינט אין אַ גרויסן ליידיקן צימער מיט אַ האַלב־איַינגעפאַלענעם קאַכל־אויוון, אָן וואַסער און אָן סאַניטאַרע באַקוועמלעכקייטן. אונדזערע חברים האָבן מיר דאָ שוין ניט געטראָפן. ביַי דער ערשטער געלעגנהייט זענען זיי אַוועק־געפאָרן קיין פוילן, געאיַילט זיך אַהיים... אין צימער זענען געבליבן וווינען די געלע טאַניע און גאַליאַ מיט דער מאַמען, וואָס האָבן פאַרלאָזט סאַמאַרקאַנד, זייער פריַערדיקע היימשטאָט, בכדי צו לעבן אין אייראָפּע, אין ניַיע באַדינגונגען.

מיר האָבן אויסגענוצט די מאַטראַצן וואָס די חברים האָבן איבערגעלאָזט, און געשלאָפן אויף זיי, אויפן דיל. קיין מעבל איז אין צימער ניט געווען. אויף דער מיזרח־וואַנט איז, ניט פאַר־שטענדלעך צו וועלכן צוועק, געהאַנגען אַ פאַראיינזאַמטער קאַכ־לעפל... טאַניע האָט דערציילט, אַז כּילעך פלעגט דאַוונען צום קאָכלעפל. די פוילישע שכנה האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו אונדז. זי פלעגט צו מאָל אונדז עפּעס אָפּקאָכן אָדער אָפּבאַקן.

אין לעמבערג האָבן מיר צופעליק באַגעגנט שׂרהן מיט איר שוועסטער — די טעכטער פונעם זייגער־מאַכער און צירונג־הענדלער פון אַשכאַבאַד. זיי האָבן געהאַט אַ פּראָטעקציע צו קריגן אַ וווינאָרט. האָבן זיי אונדז אויך געהאָלפן, און מיר האָבן זיך אַריַינגעצויגן אין אַ מעבלירטן צימער ביַי אַן אַלטער פּוילישער פרוי. דאָ האָבן מיר געקענט ניצן די קיך און דעם באָדצימער. אונדזער ביסל בעטגעוואַנט און די צען קילאָ ראָזשינקעס וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט „באַגאַזשאָם”, זענען אָנגעקומען אין בערעזע. דאָס בעטגעוואַנט האָט אונדז זייער אויסגעפעלט. אַנשטאָט אַ ליַילעך זענען מיר, ביזן באַקומען דאָס געפּעק, געשלאָפן אויף אַ שמאַטע.

פרעדעק האָט זיך באַקענט מיט לעמבערגער ייִדן און אונטער־געהאַנדלט מיט זיי. ביַי איינעם געקויפט, דעם צווייטן פאַרקויפט.

בײַ אַ זעלנער האָט ער אין מאַרק אָפּגעקױפט פֿאַר ביליק אַ רינג מיט אַ בריליאַנטל, און איך האָב אים געטראָגן לאַנגע יאָרן.

אויפן מאַרק האָט מען געקענט קויפן פון אַל דאָס גוטס, אַפילו עופות. די אַלטיטשקע פּאָלקע האָט מיך אויסגעלערנט, ווי מע פליקט אָפּ אַן עוף, ווי מען נעמט אַרויס די אינגעווייד.

דאָ, אין לעמבערג, האָבן מיר ממש אויפגעלעבט. מיר פלעגן אָפט גיין אין אָפּערע און געזען די שענסטע אָפּערעס, אָפּערעטעס און באַלעטן. אין די טעאַטערזאַלן האָבן מיר געהערט, ווי רוסן זאָגן: „וואָס? ס'האָבן זיך שוין ווידער דאָ צונויפגעקליבן די 'פּראַנצוויזן'?" — געמיינט, די ייִדן...

איך האָב זיך פאַרשריבן אין האַנדלס־אינסטיטוט אויפן פאַ־קולטעט פון סחורה־קענטעניש. דער דעקאַן איז געווען אַ פּאָליאַק. דער בנין האָט פריִער געהערט צו דער האַנדלס־אַקאַדעמיע אין לוווו (לעמבערג). אַזוי ווי די שטאָט איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין די גרענעצן פון אוקראַיִנע, זענען די לימודים אין אינסטיטוט געפירט געוואָרן אויף רוסיש און אויך אויף אוקראַיִניש, און איך האָב וואָס גיכער געמוזט אויסלערנען אוקראַיִניש און אויסהאַלטן דעם שפּראַך־עקזאַמען.

איך בין געשיקט געוואָרן אויף פּראַקטיק אין אַ גרויסן געשעפט „אוניווערמאַג" און אין אַ לעדער־פאַבריק. וועגן לעדער האָב איך טאַקע געשריבן מײַן דיפּלאָם־אַרבעט. דער דיפּלאָם־עקזאַמען איז פאָרגעקומען עפנטלעך.

עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן דער גרויסער, געפּאַקטער זאַל מיט סטודענטן, די בינע מיט דער עקזאַמעניר־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַראָפּגעשיקטע מאָסקווער פּראָפעסאָרן. די דיפּלאָם־עקזאַמענס האָבן מיר אָפּגעגעבן נאָכן אַרויסציִען אַ צע־טעלע מיט פראַגעס. איך האָב קורץ און שאַרף געענטפערט, כאָטש האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געהאַט גענוג.

סוף־סוף האָב איך פאַרענדיקט דאָס שטודירן און באַקומען אַ

דיפּלאָם. מען האָט מיר פאָרגעלייגט צו בלײַבן ווי אַן אַסיסטענטין אין אינסטיטוט. איך האָב אָפּגעזאָגט מיט דער טענה, אַז מיר וועלן, ווײַזט אויס, אַרויספאָרן פון דאַנען, מעגלעך, אַז קיין פּאַלעסטינע.

אויפן סיום־אָוונט אין אינסטיטוט האָבן מיר זייער גוט פאַרבראַכט — געטאַנצט, געזונגען. איך האָב געפילט, אַז אַ נײַער פעריאָד הייבט זיך אָן אין מײַן לעבן.

מײַן טאַטע איז געקומען צו אונדז פון טשעליאַבינסק אויף אַ פּאָר וואָכן. ער איז אויך געפאָרן קיין בערעזע און האָט אונדז איבערגעשיקט דעם באַגאַזש. פון בערעזע איז ער געקומען אין גאַנצן אַ צעבראָכענער. כ׳האָב באַמערקט, אַז ער איז ממש גרוי געוואָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרמרה־שחורהט־שווײַגעוודיקער און ניט געוואָלט דערציילן, וואָס ער האָט געזען אין בערעזע. ביסלעכווײַז האָט ער גענומען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן: דאָס האַלבע שטעטל איז אָפּגעברענט — די הײַזער פון איין זײַט שאָסיי און פון מאַרק זענען ניטאָ. נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן אונטערגעצונדן דעם פּרעכטיקן קדישא־בית־מדרש, האָט זיך דאָס פײַער צעשפּרייט איבערן שטעטל און אײַנגעשלונגען די קליינע הילצערנע הײַזלעך.

ניט געבליבן קיין זכר פון דער געטאָ „א״ אין אַ פּאָר גאַסן פאַר „נוצלעכע״ ייִדן און געטאָ „ב״ פאַר „ניט־נוצלעכע״ ייִדן. אונטער די גרינינקעביימעלעך פון בערעזע זענען ניטאָ מער די משהלעך, שלמהלעך. קיין ייִדיש וואָרט, קיין ייִדישע תּפילה אין אַ בית־מדרש צי אויפן בית־עלמין הערט מען ניט... דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט וועגן שוידערלעכן בית־הקברות אין וואַלד בראָנאַ־גורא, און אויך אין דעם וואַלד, וווּ מיר פלעגן ל״ג בעומר פאַרברענגען מיט דער שול אין שויס פון דער נאַטור. איצט הויערן שטום די זעלביקע ביימער איבער די מאַסן־קברים פון די בערעזער ייִדעס און באָבעס, פון טאַטעס און מאַמעס, פון דער מיט לעבן



מ. בערנשטיין : „יזכור"

שפּרודלדיקער יוגנט און זיסע קינדערלער, וועלכע די נאַציס האָבן אויסגעשאָסן אין אָקטאָבער 1942, נאָכן אַפּפּײַניקן זיי אַ יאָר הינטער די געטאָצאַמען.

דער טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די חורבות פון זײַן געוועזענער היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אויפגעוואָקסן, חתונה געהאַט, אויפגעשטעלט אַ משפחה און געפירט ניט קיין לײַכט, אָרנטלעך לעבן. פון אונדזער שטוב איז געבליבן נאָר דער פונדאַ־מענט פונעם בריקל — אַ גרויער צעמענטענער פלעק — ווי אַ שטומע מצבה...

נאָך פּרטים וועגן אומקום פון בערעזער יידן האָב איך זיך דערוווּסט פון מײַן פרײַנד, דעם געוועזענעם פּאַרטיזאַן, משה טוכמאַן. ער איז געלאָפן פון געטאָ, זיך אויסגעבאַהאַלטן און געקעמפט קעגן די דײַטשן ווי אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער פון פּאָלעסיע. צוזאַמען מיט רוסן, ווײַסרוסן האָבן די יידישע פּאַרטי־זאַנער אַראָפּגעלאָזט דײַטשישע באַנען, געהרגעט נאַצישע אָקו־פּאַנטן, ווו נאָר ס'האָט זיך אײַנגעגעבן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געליטן פון רעגנס און פרעסט, פון בלאָטעס און שניי, פון הונגער און קראַנקייטן — און אויסגעהאַלטן! משה האָט מיר דערציילט, אַז צום אומקום אין בראָנאַ־גורא האָט מען געפירט די בערעזער יידן מיט דער באַן — אַרײַנגעטריבן זיי אין די וואַגאָנען פון איין זײַט און אַרויסגעשטופּט זיי פון דער צווייטער זײַט — גלײַך אין די צוגעגרייטע גריבער, ווו מען האָט זיי מאַסנווײַז דערשאָסן. ליידיקע וואַגאָנען מיט די מלבושים פון די קדושים האָבן זיך צוריק־געקערט קיין בלודניע, בערעזער באַנסטאַציע... יחידים האָבן זיך פון די גריבער געראַטעוועט. אַ יונגע פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט, וואָס זענען פון די קוילן ניט געטראָפן געוואָרן, איז אַרויס־געקראָכן פון גרוב אין מיטן נאַכט.

נאָך פאַר דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער געטאָ, זענען מענטשן דאָ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און ניט געוואַרט, ביז די

דײַטשן װעלן זײ אומברענגען. דער רימער האָט אױפגעהאַנגען זײַנע קינדער און דערנאָך — זיך אַלײן. די לערערין רחל כמיעל־שאַפּיראָ האָט מיט ציאַנקאַלי פֿאַרסמט איר קינד, דעם מאַן און זיך גופא.

מען האָט אױך געפּרוּװט שטעלן אַ װידערשטאַנד, געגראָבן אַ טונעל צו קענען אַנטלױפֿן פֿון געטאָ אין אַן עת־צרה, אָבער אָן הצלחה. מענטשן זענען אין אים דערשטיקט געװאָרן פֿון רױך בעת בערעזע האָט געברענט.

אײניקע זענען אַרױסגעפֿאָרן קײן פּרוזשענע, װאָס איז אַדמי־ניסטראַטיװ אַרײַנגענומען געװאָרן אין דריטן רײַך. אומזיסט געהאָפֿט זיך דאָרטן צו ראַטעװען.

בײַ די חורבות פֿון דעם קאַרטוזן־מאָנאַסטיר האָבן די דײַטשן דערשאָסן די פּאָליאַקן, בײַ װעלכע זײ האָבן אַנטדעקט אױסגע־באַהאַלטענע ייִדן. דאָס איז געװען דער שטעטלשער אַפּטײקער, בײַ װעמען זײ האָבן געפֿונען לײטשע קאָסירסקי, אײנע פֿון די שענסטע מײדלעך אין שטעטל. דאָ איז דערשאָסן געװאָרן די גאַנצע משפּחה פֿון כאָרעװוס זון װאָס האָט אױסגעבאַהאַלטן טײַבעלע קאַפּלאַן. דער גורל פֿון די ייִדישע מײדלעך װאָס האָבן פּרובירט ראַטעװען זײער לעבן, איז אַ קלאָרער...

עטלעכע ייִדישע בחורים פֿון בערעזע איז געלונגען צו אַנט־לױפֿן אין די װעלדער. עטלעכע האָבן זיך עװאַקױרט קײן סאָװעטן־פֿאַרבאַנד און אַזױ אַרום זיך געראַטעװעט. מײַן משפּחה איז געװען פֿון די דאָזיקע גליקלעכע, כאָטש אױך מיר האָבן באַצאָלט אַ טײַערן פּרײַז — בערעלע, װאָס איז געפֿאַלן אין קאַמף מיט די נאַצי־דײַטשן.

מײַנע עלטערן האָבן זוכה געװען צו שטאַרבן אין ישׂראל אין עלטער פֿון עטלעכע און אַכציק יאָר. זײ זענען אַװעק פֿון דער װעלט מיט אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד, ניט געפֿאַלן קײנעם צו לאַסט, געאַרבעט ביז דער לעצטער מינוט אין זײער געשעפֿט, צוזאַמען



דער פּאַרטיזאַן משה טוכמאַן

מיט מײַן ברודער, לײזער, און מײַן זון, בעני. די טאָפּעלע מצבה פון מײַנע טאַטע־מאַמע שטייט אויפן בית־הקברות אין קרית־שאול, תּל־אָביב.

אַ מצבה נאָך אונדזער שטעטל האָבן מיר, לעבן־געבליבענע בערעזער ייִדן אין ישׂראל און אין אויסלאַנד, געשטעלט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפן חולונער בית־הקברות, אין ישׂראל.

מיט מײַנע זכרונות בין איך אויך אויסן געווען צו שטעלן אַ געוויסע מצבה פאַר אונדזער היימשטעטל און פאַרן ייִדישן לעבן אין אים.

בײַם באַשרײַבן בערעזע און דאָס ייִדישע לעבן אין שטעטל האָב איך, אויסער אויף מײַן זכּרון, זיך געשטיצט אויך אויפן „פּנקס פון פינף פּאַרטיליקטע קהילות — פּרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו און סעלץ — זייער אויפקום, געשיכטע און אומקום". דער „פּנקס" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוענאָס־אײַרעס אין יאָר 1958, צום פופצנטן יאָרצײַט נאָך זייער אַכזריות־

דיקער ליקווידאַציע. רעדאַקטאָר — מרדכי וו. בערנשטיין. דאָס בוך האָבן אַרויסגעגעבן די לאַנדסלייַט־פאַראיינען פון די אויבן דערמאָנטע שטעטלעך אין אַרגענטינע, ביי דער מיטבאַטייליקונג פון די לאַנדסלייַט אין ישׂראל, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

און זאָל מיר דאָ דערלויבט ווערן מזכּיר־נשמות־זייַן די באַוווּסטע לאַנדסלייַט פון אונדזער אומפאַרגעסלעך היימשטעטל בערעזע, פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע מיר קאָנען שטאָלצירן. דאָס זענען —

די באַוווּסטע ייִדישע דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז אין דער יוגנט געווען מייַן מאַמעס אַ חברטע. אירע פּאָפּולערע קינדער־לידער און פּאָעמעס האָבן ייִדישע קינדער דעקלאַמירט אין דער גאַנצער וועלט;

דער באַוווּסטער העברעיִשער פּאָעט דב חומסקי;

די דיכטערין מאַשע שטוקער־פּאַיוק. זי האָט געשריבן פאַר קינדער און דערוואַקסענע, אויך אָנגעשריבן אַ גרעסערע פּאָעמע וועגן אונדזער היימשטעטל;

דער וועלט־באַוווּסטער רב יצחק־אלחנן ספּעקטאָר זצ״ל, איז אין זייַן יוגנט געווען רב אין בערעזע. אויף זייַן נאָמען זענען דאָ אין ישׂראל גאַסן אין עטלעכע שטעט און אַ שכונה אין תּל־אָביב, נחלת־יצחק;

מייַן פעטער, דער ייִדיש־שרייַבער יאָסל באַביטש, וואָס האָט געוווינט אין פּרוזשענע. געדרוקט זיך אין וואַרשעווער „הייַנט", „מאָמענט", „ליטעראַרישע בלעטער", ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל". איז אומגעקומען און פּרוזשענער געטאָ, 1942;

יבדל לחיים אַרוכּים — לייזער אַבראַמאָוויטש, אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה. געווען אין דיפּלאָמאַטישן דינסט פון נאָכמלחמהדיקן פּוילן אין אַמעריקע, כינע, טערקיי;



משה בערנשטיין

און יבדל לחיים אַרוכּים — דער מאָלער און פּאָעט משהלע בערנשטיין, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט אין אָנהייב פון מײַנע זכרונות. באַרימט איז ער מיט זיינע גראַפיק־אַרבעטן, שוואַרץ־ווײַסע און פאַרביקע מאָלערײַען, וואָס זייער צענטראַלע טעמע איז דאָס חרובע ייִדישע שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע.

צוריק אויף דער פוילישער ערד

פאַקטיש האָבן מיר שוין מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין לעמ־בערג. פּרעדעק האָט זיך דערוווּסט אַז זײַנע באַקאַנטע פאָרן קיין פוילן, און ס׳איז דאָ אַ ספּעציעלער קאָמיטעט וואָס זאָרגט זיך וועגן דער רעפּאַטריאַציע פון די געוועזענע פּוילישע בירגער. כ׳האָב געשריבן צו מײַנע עלטערן אין טשעליאַבינסק, אַז מיר קלײַבן זיך צו פאָרן קיין פוילן. ס׳הייסט, פאָרן צוריק אַהיים. אַהיים?

די גרעסטע טייל פון מײַן יוגנט איז פאַרבײַ אין די שווערע מלחמה־יאָרן. דאָס זענען געווען יאָרן פון הונגער, קראַנקייטן און היימלאָזיקייט, יאָרן פון פּחד פאַרן אויסגאַנג פון דער מלחמה און פאַרן גורל פון אונדז, ייִדן; יאָרן פון שטענדיקן קאַמף פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקסיסטענץ און אָנשטרענג בײַצוקומען פאַרשיי־דענע שוועריקייטן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז איך פּערזענלעך האָב דעם קאַמף געוווּנען אַ דאַנק אַ שטאַרקן ווילן, איניציאַטיוו, אָפּטי־מיזם און... אַ ביסעלע מזל.

די אַלטיטשקע בעל־הביתטע געזעגנט זיך מיט אונדז האַרציק און שענקט אונדז אַ מתּנה — אויסגענייטע סערוועטלעך. זי האָט געזען ווי מיר פלעגן לייגן אַ טישטעך אויפן טיש צום עסן, אַפילו דעמאָלט, ווען ס׳איז ניט געווען אין בעט קיין לײַלעך. איך קלײַב אויס פון דעם פּאַק ביכער און העפטן יענעם מאַטעריאַל, וואָס וועט מיר אפשר צו ניץ קומען אין דער צוקונפטיקער אַרבעט. מיר פּאַקן אײַן אונדזער קליין ביסל האָב־און־גוטס, מיר געזעגענען זיך מיט אונדזערע גוטע פרײַנד און חברים און לאָזן זיך צו דער באַן, וואָס פאָרט קיין מערב.

אַ סך פּוילישע ייִדן זענען דאָ אין צוג. מען הערט די פּוילישע

שפּראַך. מיר פאָרן פאַרביי קליינע שטעטלעך מיט דעם באַקאַנטן פּוילישן לאַנדשאַפט: גרינע פעלדער, טייכלעך, וועלדער, קליינע הייזקעס מיט שטרויענע אָדער שינדלעכער. פּויערים, גלחים, מאַ־נאַשקעס — שוין לאַנג ניט געזעענע. קינדער מיט די מאַציעיווקע־היטלעך מיטן גלאַנציקן דאַשעק. יאָ, כ׳דערקען — מיר זענען אויפן פּוילישן באָדן.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פאָרן מיר איבער דער פּוילישער ערד. קיין ייִדן זעט מען ניט. מיר האָבן אָבער נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַנעמען דעם מוראַדיקן חורבן וואָס אונדז, ייִדן, האָט געטראָפן. צו ביסלעך פאַרשטייען מיר: מיליאָנען ייִדן זענען פאַרשוווּנדן. די קליינע ייִדישע שטעטעלעך זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אייבערפלאַך און וועלן קיין תּחית־המתים ניט אויפשטיין. אַ תּקופה אין אונדזער ייִדישער געשיכטע איז אַוועק — אויף אייביק.

ווען וועלן מיר פון דעסטוועגן טרעפן? צי וועלן מיר זען באַקאַנטע ייִדישע געשטאַלטן? די פּולע שטעט, די פּולע גאַסן מיט מענטשן זענען פאַר אונדז, ייִדן, אַ מידבר, פּוסט... אַט די פּוסטקייט הילט איין מיט אַ טרויערשאַל די פּוילישע ערד — דעם בית־הקברות פון פּוילישן ייִדנטום. נאָר געציילטע ייִדן האָבן זיך באַוויזן אין פּוילן נאָכן קריג — אָפּגעראַטעוועטע האַלעוועשקעס פון דער אומגעהייערער שׂרפה. די פּאָליאַקן האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס, ווידער ייִדן? פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? האָט מען זיי דען ניט אַלעמען ליקווידירט? ווער דאַרף זיי האָבן?

די חייִשע אַנטיסעמיטן קאָנען ניט פאַרטראָגן דעם פאַקט, אַז דאָ און דאָרטן באַווייזן זיך צוריקגעקומענע ייִדן. בושעווען זיי, די פּוילישע רוצחים: פון די באַנען שלעפּן זיי מיט כּוח אַרויס ייִדן און דערהרגענען זיי אויפן אָרט. אין קעלץ איז געווען אַ מאַסן־שחיטה פון ייִדן, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם נאַצישן חלף. דאָס האָט אויפגערודערט די ייִדישע וועלט. די ייִדן וואָס האָבן זיך אויסגע־

באַהאַלטן אין כּלערליי לעכער, וואָס האָבן איבערגעלעבט טויטלאַ־גערן און אויך די ערשטע ייִדן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט אַ שוידער אַרומגענומען — זיי זענען אין אמתער סכּנת־נפשות נאָך דער באַפרייַונג פון נאַצישן הענקער.

גאָט, גאָט! פאַר וואָס ווערן מיר אַזוי באַשטראָפט? האָב איך אַלץ געטראַכט. פאַר וואָס איז אונדז ניט באַשערט אויסצולעבן אונדזערע יאָרן ווי אַלע פעלקער אויף דער וועלט? און אָט די פּשוטע, עלעמענטאַרע פראַגעס האָבן געמאַטערט, שלאָפן ניט געלאָזט.

ווייניק ייִדן האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימשטעטלעך, ווייַל זייערע היימען האָבן מער ניט עקסיסטירט. שווער געווען פרעמדע מענטשן, גאָר אָפט שׂונאים, צו זען לעבן אין דייַנע שטיבער, אויף דייַן מעבל און געשיר, געניסן פון דייַן פאַרמעגן. אין די גרויסע שטעט האָט זיך דאָס ניט אַזוי שטאַרק געפילט, ווי אין די קליינע שטעטלעך. האָבן די אָפּגעראַטעוועטע ייִדן זיך באַזעצט אין לאָדזש, וואַרשע, קראָקע, לובלין און אַנדערע גרעסערע שטעט און אָנגעהויבן אַ לעבן אויף דאָס נייַ. אין נידער־שלעזיע איז פאָרגעקומען אַ באַפעלקערונג־אָפּבייַט. אויף די געביטן וואָס פּוילן האָט אָפּגעקראָגן פון דייַטשלאַנד, האָבן זיך באַזעצט פּאָליאַקן און אויך ייִדן פון אוקראַיִנע און ווייַסרוסלאַנד, וועלכע זענען פריִער געווען פּוילישע בירגער. זיי האָבן זיך אייַנגעקוואַרטירט אין די ליידיקע הייַזער, ווו ס׳האָבן געלעבט דייַטשן וואָס זענען אַוועק קיין דייַטשלאַנד מיט דער אַנטלויפנדיקער דייַטשישער אַרמיי.

אונדזער צוג מיט רעפּאַטריאַנטן האָט מען אַוועקגעפירט קיין נידער־שלעזיע, אין אַ קליין שטעטל, שווידניץ. מען האָט אונדז געבראַכט אין אַ בנין פון אַ שול. אין די קלאַסן האָבן זיך שוין געפונען אַ סך ייִדן. פאַר יעדערן איז געווען צוגעגרייט אַ בעטל. די מענטשן האָבן זיך באַקענט איינער מיטן אַנדערן און שעהען־

לאַנג געזעסן און דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען אין דער צײַט פון קריג.

מען איז געגאַנגען זוכן אַרבעט, אָדער גאָר מאַכן אַ שטיקל מיסחר. מיר זענען אַלע געווען רעפּאַטריאַנטן — פּליטים, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אין לאַנד, ווו מען איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן. די היים האָט אָבער שוין ניט עקסיסטירט און קיינער האָט אונדז ניט אָפּגעוואַרט.

מען האָט אַרומגעזוכט קרובים מיט דער האָפענונג, אַז אפשר איז עמעצער פון דער משפחה געבליבן לעבן. מענטשן האָבן אויפגעשריבן זייערע נעמען אויף רשימות, וועלכע מען האָט אַרויפגעקלעפּט אויף די ווענט פון די נײַ־געשאַפענע ייִדישע אינסטיטוציעס, אין די בתי־מדרשים. אַ דאַנק די דאָזיקע רשימות האָבן זיך טאַקע אָפּגעזוכט קרובים און באַקאַנטע — אַ טאַטע האָט געפונען זײַנע אַ טאָכטער, אַ מאַן — זײַן פרוי.

אַ גרויסער טייל פון די ייִדן דאָ האָט געוווּסט, געפילט, אַז דער נע־ונד איז נאָך ניט געענדיקט. מען האָט געשטרעבט זיך צו באַזעצן סוף־כּל־סוף אויף אייגענער ערד, אין אַן אייגן לאַנד, און ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלײַך.

ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ שטיקל משפחה — געזוכט ברידער און שוועסטער, קוזינען, פעטערס און מומעס אין אַמעריקע, קאַנאַדע דרום־אַפריקע, אויסטראַליע. אַ סך האָבן טאַקע אָפּגעזוכט קרובים און געדולדיק געוואַרט אויף אַן אַרויספאָדערונג, אויף אַ שיפסקאַרטע.

פאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטן, אידעאַליסטן אָדער סתּם קאַריע־ריסטן האָבן זיך פאַרשריבן אין דער פוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. זיי האָבן באַקומען גוטע פּאָסטנס מיט אַ גוט געהאַלט, באַקומען גוטע וווינונגען און גענומען פירן אַ נאָרמאַל לעבן.

פאַקטיש האָבן אַלע ייִדן דאָ געפירט אַ מער־ווייניק נאָרמאַל לעבן — צי זיצנדיק אויף די וואַליזקעס, צי ניט. מען האָט געאַרבעט

אין מלוכה־אַנשטאַלטן, אין פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן, געעפֿנט געשעפֿטן אין פֿאַרשיידענע בראַנזשעס און אויך אונטערגעהאַנדלט מיט זילבער, גאָלד און צירונג.

דער „טאָז" האָט געעפֿנט אַמבולאַטאָריעס, וווּ ס׳האָבן געאַר־בעט ייִדישע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. די עטלעכע לעבן געבליבענע אַדוואָקאַטן האָבן אויך געפֿונען וואָס צו טאָן.

ווען די ייִדן האָבן זיך באַוויזן אין פּוילן, האָט עמעצער גע־דאַרפֿט זיך מיט זיי פֿאַרנעמען. איז געשאַפֿן געוואָרן דער ייִדישער קאָמיטעט. די קאָנצעפּציע אים אויפֿצושטעלן איז אויפֿגעקומען אין מאָסקווע, נאָך איידער פּוילן איז געווען באַפֿרײַט. אויפֿגע־שטעלט איז ער געוואָרן לכתּחילה אין לובלין, וווּ דער קאָמיסאַר פֿאַר ייִדישע ענינים איז געווען דער בונדיסט ד״ר הירשהאָרן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די ייִדן אין פּוילן איז אויפֿגע־שטעלט געוואָרן אין וואַרשע. זײַן פּרעזיצער איז געווען דער גע־וועזענער סיים־דעפּוטאַט און אָנפֿירער פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן, ד״ר זאָמערשטיין, זײַן סעקרעטאַר — דער קאָמוניסט זעליצקי. אין קאָמיטעט זענען געווען פֿאָרשטייערס פֿון אַנדערע פּאַרטייען, אַחוץ די רעוויזיאָניסטן און דער „אַגודה".

די רעגירונג האָט געשטיצט די ייִדן. די עיקרדיקע הילף איז אָבער געווען פֿון אַמעריקאַנער „דזשאָינט". מען האָט אָרגאַניזירט קינדערהיימען פֿאַר די יתומים, פֿאַר אויסגעבאַהאַלטענע קינדער בײַ פּאָליאַקן און אין די קלויסטערס. די ייִדישע קינדער האָבן זיך גענומען לערנען אין ייִדישע און העברעיִשע שולן, אָנגעפֿירטע, פֿאַרשטייט זיך, פֿון ייִדישע לערער.

אין די גרעסערע שטעט זענען אָרגאַניזירט געוואָרן ייִדישע קלובן, וווּ ס׳פֿלעגן קומען פֿון וואַרשע און פֿון אויסלאַנד אָנגע־זעענע פּערזענלעכקייטן, שרײַבערס מיט לעקציעס און רעפֿעראַטן. ס׳פֿלעגן פֿאָרקומען טרויער־אַקאַדעמיעס, פֿײַערונגען געווידמעט

גרויסע געשעענישן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און פון ארץ־ישׂראל.

מײַן מאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַנע עטלעכע באַקאַנטע געפינען זיך אין אַ קליינעם שטעטל, רײַכענבאַך, ניט ווײַט פון שווידניץ, אין נידער־שלעזיע. דעם נאָמען רײַכענבאַך האָט מען שפּעטער געביטן אויף ריכבאַך און דערנאָך דזשערדזשאָניוּוו. מיר זענען אַריבערגעפאָרן אַהין. און ניט געהאַט קיין חרטה. די ייִדן האָט מען דאָרטן באַזעצט אין די ליידיקע הײַזער, וואָס די אַנטלאָ־פענע דײַטשן האָבן פאַרלאָזט. מערסטנס זענען דאָס געווען ציגלנע, קליינע הײַזער מיט שפּיציקע דעכער; שמאָלע גאַסן, ברוקירטע מיט גרויסע פלאַכע שטיינער. אַן אַלטע האָט אַרומגערינגלט די שטאָט. אין מיטן איז געווען אַ מאַרקפּלאַץ מיט געשעפטן, וועלכע ס'האָבן געעפנט אויך ייִדן.

איך געדענק אַ ייִדישע פאַרקויפערין מיט אַ צלמל אויפן האַלדז. זי האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, ניט געוואָלט מען זאָל וויסן איר אָפּשטאַם.

ס'זענען געווען ייִדן וואָס האָבן ווידער גערעדט ייִדיש אויך אין גאַס. צווישן ייִדן איז אונדז געווען אַ ביסל היימלעכער אין דער פרעמדער סביבה.

אין אונדזער שטאָט האָבן זיך אויפגעשטעלט עטלעכע קיבוצים פון יונגע חברה, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל.

אין אָרטיקן שפּיטאָל זענען געבוירן געוואָרן, די ערשטע נאָכן קריג, ייִדישע קינדערלעך. ס'זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אַ דײַטשישע קראַנקן־שוועסטער שפּריצט אײַן סם אין די קינדערשע קעפּלעך, און די קינדער שטאַרבן גלײַך נאָכן געבוירן.

אין די געעפנטע ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געאַרבעט שנײַ־דערס און שוסטערס. עס האָבן זיך אַפילו באַוויזן ייִדישע קוילן־גרעבערס.

מיר האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין אַ קלײנער דירה פון צװײ צימערן. קײן דײַטשיש פאַרמעגן האָבן מיר ניט געפונען, נאָר װאַנצן האָט דאָרטן ניט געפעלט.

אין דזשערדזשאָניוװ, פון רעכטס: ניאָמע קאַגאַן, ריטע װײַנשטײן, עליע מאָטיע באָקשטײן, װיכנע באָקשטײן, לײזער אַבראַמאָװיטש.
עס קניט: װאָװע װײַנשטײן

מיר האָבן דאָ געטראָפן באַקאַנטע און גוטע פרײַנד. די לערערין חוה סעגאַל איז געװען דירעקטאָר פון אַ ייִדישן קינדער־אינטער־נאַט, געשטיצט דורכן „דזשאָינט". עלנטע קינדער האָבן דאָ געפונען אַ װאַרעמע היים. איך האָב דאָרטן באַגעגנט און זיך באַפרײַנדט מיט פאָלען, אַ געװעזענע שילערין פון דער ייִדישער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. מײַן באַקאַנטע שרהקע לעװיט מיט אירע עלטערן איז

געקומען אַהער פון סאַמאַרקאַנד. ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס לעבן הייבט אָן זיך צו סטאַביליזירן.

פּלוצלונג, אין אַ רויִקן אָוונט, האָט מען דערהרגעט צוויי ברידער קצבים אין זייער יאַטקע, וואָס האָבן צוגעגרייט דאָס פלייש צום פאַרקויף אויף מאָרגן.ביידע האָבן געהאָט איבערגעלעבט די טויטלאַגערן. איינער פון זיי האָט ניט לאַנג פאַר דעם חתונה געהאַט. מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער זענען מיר געווען אויף זײַן חתונה און איצט — אויף דער לוויה. די שטימונג בײַם ייִדישן עולם איז געווען אַ שרעקלעכע.

אין אַ קורצער צײַט אַרום — נאָך אַ לוויה. מען האָט דער־הרגעט יונגע חברה פון אַ קיבוץ, וואָס איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן (מיר דאַכט, פון „גורדוניה"). דאָס האָט געשטאַרקט די פאַרביטערונג פון די ייִדן קעגן די פּאָליאַקן און פוילן. מען האָט געזען איין אויסוועג: וואָס גיכער פאַרלאָזן די בלוטיקע ערד. ס'האָבן זיך אָרגאַניזירט גרופּעס פון יוגנטלעכע מיטן ציל — קיין ארץ־ישׂראל. פון ארץ־ישׂראל זענען אָנגעקומען שליחים, וואָס האָבן װערבירט די יוגנטלעכע און זיי געהאָלפן אַנטלויפן פון פוילן.

דאָס האָרץ האָט ווי געטאָן אויף די אַבדות פון נאָענטע און טײַערע שוין נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן זיך דערוואָרט אויף זייער הינטישן סוף, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מיר, דאָס הײַפל געראַ־טעוועטע ייִדן, קאָנען שוין געניסן פון אַ ביסל רו. אַ סך מענטשן האָבן באַשלאָסן וואָס גיכער צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרײַך, עולה זײַן קיין ארץ־ישׂראל. מען האָט געגנבעט די גרענעץ אין פינצטערע נעכט, מיטנעמענדיק קליינע פּעקלעך און אַ ביסל דאָלאַרן. ווידער האָט מען איבערגעלאָזט אויף הפקר דאָס נײַע ביסל אייגנס, וואָס מען האָט זיך אײַנגעשאַפט. ס'איז אויך געווען אַ קליינע לעגאַלע עמיגראַציע: די פּוילישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַרויספאַר־דערלויבענישן אין אַ באַשרענקטער מאָס.

אויך מיר האָבן אָנגעגעבן אַ בקשה אַרויסצופאָרן קיין ארץ־

ישׂראל. זיך לאָזן אויף אַ ניט־זיכערן וועג האָבן מיר מורא געהאַט, ווײַל איך האָב געוואָרט אויף אַ קינד.

אין צווישן זענען צו אונדז אָנגעקומען מײַנע עלטערן מיטן ברודער, לייזער. געוואָלט האָבן זיי זיך צוריקקערן „אַהיים", קיין בערעזע. אָבער נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט געזען דעם חורבן פון שטעטל, האָבן זיי שוין ניט געהאַט וואָס דאָרטן צו זוכן.

מיר האָבן געהאַט געשריבן צו די עלטערן, אַז זיי זאָלן מיט־ברענגען קיין פוילן „חזירימלער" און „לאָקשן", ס'הייסט גאָלדענע מטבעות און דאָלאַרן. זיי האָבן עס פאַרשטאַנען בוכשטעבלעך און טאָקע מיטגעבראַכט פעק מיט חזיר־פעטס (שפּעק) און מאַקאַ־ראָנען... זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן צו אונדז. ס'איז געווען ענג, אָבער אָנגענעם צו זײַן צוזאַמען: טאַטע־מאַמע, אַ זון, אַ טאָכטער מיטן מאַן און אַן אייניקל אין וועג. געווען ווייניק אַזעלכע ייִדישע משפּחות נאָך אונדזער מוראדיקן חורבן.

אין אונדזער שטאָט האָבן זיך באַזעצט אַ סך היימלאָזע ייִדן. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן ייִדישע קינדערלעך, פּאַר וועלכע מען האָט געדאַרפט שאַפן אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען. אין אַן אַלטן בנין פון אַ געוועזענער דײַטשישער שול האָט מען אויפגעשטעלט אַ ייִדישע שול פון אַכט קלאַסן. די לערנשפּראַך איז געווען ייִדיש. אין ייִדישן קאָמיטעט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איך קען ייִדיש, האָב געלערנט די שפּראַך. איך האָב קיין אַרבעט ניט געזוכט, כאָטש איך בין שוין געווען מיט הויכבילדונג און מיט אַ באַשטימטער ספּעציאַליטעט. מען האָט מיר פאַרגעלייגט צו געבן עטלעכע לעק־ציעס אין דער ייִדישער שול, וואָס האָט זיך געפונען בסך־הכּל עטלעכע הונדערט מעטער פון אונדזער שטוב. די שול־אָנפירונג האָט געוואָלט צעטיילן אַ גרויסן קלאַס פון איבער 70 קינדער אויף צוויי קלאַסן: איין קלאַס זאָל איבערנעמען דער אַלטער לערער פעדערבוש און איך — דעם אַנדערן.

לערערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס פון דער יידישער שול אין דזשערדזשאָניוו. די אויטאָרין זיצט צווייטע פון רעכטס

האָבן די שילער זיך צעבונטעוועט. אַלע האָבן געוואָלט לערנען בײַם לערער. איך בין אַרײַן אין אַ כּמעט פּוסטן קלאַס. צו ביסלעך האָבן זיי זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז עס וועט זיי לערנען אַ יונגע לערערין. די גרעסטע טייל פון די קינדער האָט ניט געהאַט קיין בשותּפותדיקע שפּראַך, גערעדט פאַרשיידענע לשונות, און זייער ייִדיש האָט שטאַרק אונטערגעהונקען. די קינדער זענען געקו־מען פון באַהעלטענישן און לעכער, פון די וועלדער, פון לאַגערן און מאָנאַסטירן, ווו זיי זענען אָנגעגאַנגען פאַר קריסטן, גערעדט פּויליש און קיין ייִדיש ניט געדענקט. אויך פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אַ טייל פון די קינדער. זיי האָבן גערעדט רוסיש. האָב איך באַשלאָסן זיי אַלעמען אונטערצולערנען ייִדיש נאָך די לעק־ציעס. כ׳האָב וועגן דעם קיינעם ניט דערציילט, בכדי אויסצומײַדן פאָרמאַליטעטן, וואָס האָבן געקענט מיר שטערן דערין. כ׳האָב אויך ניט געבעטן קיינעם מען זאָל מיר פאַר דעם צוגאָבלעך צאָלן.

מיט דער צײַט האָבן די קינדער זיך צוגעבונדן צו מיר און אַפילו ליב באַקומען זייער „יונגיטשקע לערערין״. ווען איך האָב געהאַט דעם געבורט־אורלויב, איז זייערע אַ דעלעגאַציע געקומען צו מיר און געבעטן, איך זאָל וואָס גיכער זיך צוריקקערן אין שול אַרײַן. זייער דאַזיקע בקשה האָבן זיי אָנגעשריבן אויף אַ טעווועלע שאָקאָלאַד, וואָס זיי האָבן מיר געבראַכט.

איך האָב איבערגעריסן דעם אורלויב אַ חודש פריִער, בכדי די תּלמידים זאָלן ענדיקן דאָס שוליאָר ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן.

איך ווער אַ מאַמע

ס׳איז סוף פעברואַר 1947. איך קום אַהיים פון שול און גליטש זיך אויס אויפן אײַז, פאַל אויפן שנײ, שטײ אויף, טרייסל אָפּ פון זיך דעם שנײ און גײ װײַטער. װען כ׳דערצײל עס דער מאַמען, קוקט זי מיך אָן מיט אַ מאָדנעם בליק, ווײַל כ׳האָב שוין אָט־אָט געדאַרפט גײן צו קינד.

און אַזוי איז טאַקע געשען. מיר זיצן אין אָוונט בײַם טיש, עסן געשמאַקע װורשט און שפּילן אין קאָרטן. פּלוצלונג באַקום איך װײען. װען זײ חזרן זיך איבער גאַנץ אָפט, זאָגט די מאַמע, אַז מען דאַרף זיך קלײַבן אין שפּיטאָל אַרײַן. מען לאָזט זיך צו פוס אַ גאַנץ װײַטן װעג. מײַן מאַן און מײַן טאַטע האַלטן מיך אונטער די אָרעמס, איך זאָל חלילה װידער זיך ניט אױסגליטשן. ס׳איז זײ ניט אײַנגע־פאַלן, אַז מען קאָן אַרױסרופן אַן אַמבולאַנס, אָדער נעמען אַ טאַקסי.

אַ שװאַרצע, קאַלטע נאַכט. אין שפּיטאָל איז ניטאָ קײן אײן דאָקטער. אַ קראַנקן־שװעסטער נעמט מיך אַרײַן אין געבורט־צימער, און װען איך באַקום בעתן געבורט אַ בלוטשטורץ, לײגט זי מיר צו שמוציקן שנײ פון אונטערן פענצטער...

איך בין גליקלעך: איבערגעקומען און אַ זון דערצו! מײַן שײן, געראָטן יאַטעלע פאַרשאַפט מיר אַ סך פרײד. אין דער פרי איז די פרײד פאַרשװוּנדן. איך פיל זיך שלעכט. מען מעסט די היץ — 41 גראַד. כ׳ברעך אױס דעם גאַנצן נעכטיקן אָװנטמאָל מיטן געשמאַקן װורשט — עס העלפט ניט. כמעט דרײַ װאָכן בין איך אָפּגעלעגן מיט הױכער היץ. די אונטערזוכונגען האָבן לסוף געװיזן

מאַלאַריע, וועגן וועלכער כ׳האָב שוין דעם לעצטן יאָר אין גאַנצן פאַרגעסן.

כ׳בין געווען שווער קראַנק, כ׳האָב די מענטשן ניט דערקענט און זיי געזען ווי דורך אַ נעפּל. מײַנע עלטערן און מײַן מאַן זענען געזעסן לעבן מײַן בעט בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

מײַן מאַן האָט געוווּסט וועגן נײַעם היילמיטל פּעניצילין, מיט וועלכן מען האָט געהאַנדלט אויפן שוואַרצן מאַרק. האָט ער געזאָגט דעם דאָקטער, אַז אפשר קאָן מיר העלפן די דאָזיקע רפואה. האָט מען באַשלאָסן אויסצופּרובירן. בײַ מיר האָט געוואַכט אַ גאַנצע נאַכט אַ קראַנקן־שוועסטער און מיר געמאַכט יעדע פאַר שעה אַ פּעניצילין־אײַנשפּריצונג. און זע וווּנדער — אין דער פרי איז די היץ געפאַלן.

ביז הײַנט טראָג איך די צירונג, וואָס מײַן מאַן האָט מיר געשענקט צו שלמהלעס געבוירן־ווערן — אַ בראַנזאַליעט און אַ מעדאַליאָן.

אין דער זעלבער צײַט האָבן נאָך צוויי לערערינס פון דער ייִדישער שול, סטריקאָווסקי און האַלבערשטאַט, געבוירן ייִנגלעך. האָט מען פאַר אַלע דרײַ אַרויסגערופן אַ מוהל.

אין דער היים בײַ אונדז האָט מען זיך געגרייט צום פאַרשפּע־טיקטן ברית־מילה. אונדזערע קרובים העלאַ און באַלעק שערף האָבן צוגעגרייט דעם כּיבוד. ס׳זענען זיך צונויפגעקומען, אויסער דער משפּחה, אויך פרײַנד און באַקאַנטע. ס׳איז געווען אָנגענעם צו זיצן בײַם טיש אין אַ געהויבענער שטימונג. אונדזער ערשטלינג האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן שלמה, נאָך מײַן מאַנס פאָטער.

נאָכן ברית האָט דאָס קינד געוויינט אָן אויפהער און ניט געלאָזט שלאָפן אין די נעכט. ס׳האָבן זיך בײַ אים באַוויזן בלאָטערס אויפן בײַכל. ניט געוווּסט די סיבה. אפשר האָט אים אַ וואַנץ באַ־אומרויִקט. מיר האָבן אַלע געליטן פון אָט דער אָנשיקעניש, ווײַל ס׳איז געווען אָן אַלטע, פאַרלאָזענע שטוב.

אונדזער חבר, דער אַגראָנאָם אַברהם גאָלדשטיין, איז אַרײַ־בערגעפאָרן קיין וואַרשע און אונדז איבערגעגעבן זײַן ווינונג צו־זאַמען מיטן מעבל. דאָרטן איז פריִער געווען אַ רײַכע דײַטשישעווירטשאַפט — מיט חזירים, בהמות און פעלדער צום באַאַרבעטן. מײַן מאַמע האָט זיך אויסגעלערנט מעלקן די קי, און דער טאַטע האָט זיך פאַרנומען מיט „אַגראָנאָמיע" — פאַרזייט די פעלדער מיט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, בעיקר מיט גרינוואַרג. די פרישע מילך פלעגן קויפן בײַ אונדז עטלעכע יידישע משפחות. אויפן בוידעם פון הויז האָב איך איין מאָל געפונען אַ טלית און אַנדערע זאַכן, וועלכע דער דײַטש האָט, ווײַזט אויס, צוגעראַבעוועט בײַ יידן.

די אַגראָנאָמען האַלפערן און בלום זענען געבליבן וווינען אין דעם זעלבן הויף און צוזאַמען מיט מײַנע עלטערן זיך פאַרנומען מיט דער ווירטשאַפט. האַלפערן איז פּלוצלונג געשטאָרבן צו עטלע־כע און דרײַסיק יאָר. זײַן פרוי איז געבליבן מיט צוויי קליינע טעכטערלעך. זיי פלעגן זיך שפּילן אין גאָרטן מיט שלמהלען. די פרוי האַלפערן האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין שול ווי אַ לערערין פון נאַטור־וויסנשאַפט.

מײַן ברודער לייזערקע איז געוואָרן מײַנער אַ שילער. כ'האָב אים אין אַכטן קלאַס געלערנט כעמיע און יידיש. אין זעלבן קלאַס האָבן זיך געלערנט העניעק נאָוואַרסקי, שפּעטער אַן אָפיציר אין האַנדלספלאָט פון ישראל און די איצט באַקאַנטע אין ישראל אַקטריסע און זינגערין, לאה שלאַנגער.

מײַן מאַן איז געפאָרן קיין וואַרצלאַוו און זיך פאַרשריבן אויפן אוניווערסיטעט צו פאַרענדיקן עקזאַמענס. אַהיים פלעגט ער קומען נאָר אויף שבת און זונטיק.

מיר האָבן געוווינט צוזאַמען מיט מײַנע עלטערן, און זיי האָבן מיר געהאָלפן האָדעווען דאָס קינד און פירן די ווירטשאַפט. מײַן ברודער לייזערקע האָט זיך געלערנט עלעקטראָניק אין דער אויפ־געשטעלטער „אָרט"־שול.

כאָטש דאָס לעבן איז געפלאָסן נאָרמאַל און אַרום אונדז זענען געווען אַ סך ייִדן, האָבן מיר דאָך געפילט זיך פרעמד אין דער אַרומיקער סביבה. מיר האָבן ווידער אָנגעגעבן אַ בקשה צו פאָרן קיין ישׂראל. מען האָט אונדז אָבער אַלץ אָפּגעזאָגט.



ייִדישע סטודענטן אין ווראָצלאַוו, 1949

דערווײַלע איז פאַרבײַ אַ יאָר. זומער זענען די ייִדישע משפּחות מיט קליינע קינדער געפאָרן אין די אַרומיקע דערפער אויף דאַטשע. מיר האָבן אויך געדונגען אַ צימער בײַ פּוילישע פּויערים, וואָס האָבן איבערגענומען אַ ווילע און פעלדער פון אַנטלאָפענע דײַטשן.

כ׳געדענק דאָס אינטערעסאַנטע בוך, וואָס כ׳האָב דעמאָלט געלייענט — „אַוועק מיטן ווינט". בײַ אונדז איז אויך אַלץ געווען אַוועק מיטן ווינט...

מײַן מאַן האָט באַשלאָסן צו פאָרן זען זײַן היימשטעטל טשע־כאַנאָוו און זיך דערוויסן פּרטים וועגן גורל פון זײַנע אייגענע. איך

בין מיט אים מיטגעפּאָרן. זייער הויז איז געבליבן גאַנץ. אין אים האָבן געוווינט פּאָליאַקן. אויף די בעטן זענען געשלאָפן פרעמדע מענטשן. בײַם אַמאָליקן טיש און פון די אַמאָליקע טעלערס האָבן געגעסן פרעמדע... און אַזוי אויך אין אַלע ייִדישע שטיבער. קיין ייִדיש וואָרט האָט מען אין שטעטל ניט געהערט. איין־איינציקער ייִד האָט איצט דאָ געלעבט. פון מײַן מאַנס עלטערן, שוועסטער און ברידער איז קיינער ניט געבליבן. דאָס איז געווען אַן אָנגע־זעענע משפחה תּבֿואה־סוחרים. דער פאָטער איז געווען אַן אַקטי־ווער ציוניסט־מזרחי אין דער ייִדישער קהילה. ביז הײַנט דערמאָ־נען אים די לעבן־געבליבענע לאַנדסלײַט מיט דרך־ארץ.

דער סך־הכּל איז געווען אַ טרויעריק־קלאָרער. מיר האָבן פאַרקויפט דאָס הויז און די תּבֿואה־שפּײַכלערס פאַר שפּאָט ביליק און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ זיך געזעגנט מיטן היימשטעטל אויף אייביק.

ייִדן, אָפּשטאַמיקע פון אונדזערע היימשטעטלעך — טשעכאַנאָוו און בערעזע — האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונדז און געקומען אונדז באַזוכן. מען האָט זיך געפרייט איינע מיט די אַנדערע, ווי מען וואָלט געווען די נאָענטסטע קרובים. קיין אמתע משפחה־קרובים זענען דאָך ניט געבליבן... אַזוי זענען צו אונדז געקומען וואָווע מיט ריטען אויף אַ פּאָר חדשים, איידער זיי זענען אַרויסגעפּאָרן קיין קאַנאַדע לויט אַן אַרויסרוף פון זייערע קרובים. ס'איז אונדז געווען זייער ענג — דרײַ משפּחות אין צוויי צימערן. מיר האָבן אונדזערע געסט אָפּגעטראָטן די אייגענע בעטן, נאָר קיינער האָט זיך ניט באַקלאָגט.

אונדז האָט אויך אָפּגעזוכט לייזער אַבראַמאָוויטש, אַ הויכער, שיינער מאַן פון דערפל ספּאָרעווע. בעת דער מלחמה איז ער געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ פאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין די פּאָליעסער וועלדער. מיר האָבן זיך אַלע דערפרייט מיט זײַן קומען צו אונדז און דערמאָנט זײַן שטוב, ווו נאָכן אויסברוך פון קריג, אין סעפּ־

טעמבער 1939, זענען מיר אַהין אַנטלאָפן. די מאַמע האָט פּאַר איס געפּרעגלט קאַרטאָפל־לאַטקעס — זיך צו דערמאָנען די אַמאָ־ליקע צײַטן און די אַמאָליקע היים. לייזער איז איצט געווען אַ קאָמוניסט און פאַרנומען בײַ די פּאָליאַקן אַ גאַנץ וויכטיקן אַמט. אויך פּאַר מײַן מאַן האָט ער געפונען אַרבעט — אַ דירעקטאָר־פּאָסטן פון אַ פּאַפּיר־פאַבריקל. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט ד״ר באַזיעראַוואַ און געהאַט צוויי שיינע טעכטערלעך. ער איז געווען פּוילישער קאָנסול אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כינע און טערקײַ. פון אַמעריקע פלעגט ער שיקן שפּײַזפּעק־לעך צו מײַנע עלטערן אין ישׂראל בעת דער שווערער צנע־צײַט.

איך וויל דערמאָנען נאָך גוטע פרײַנד פון בערעזע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן אין פּוילן.

מיט ניאָמע קאַגאַן האָבן מיר די גאַנצע צײַט אָנגעהאַלטן פרײַנדלעכע באַציִונגען. ער פלעגט אַפילו ריזיקירן און באַהאַלטן בײַ זיך דאָלאַרן, וועלכע מײַן מאַן האָט מורא געהאַט צו האַלטן אין דער היים.

חוה סעגאַל איז געווען אַ לערערקע אין בערעזער ייִדישער שול. אויך אין דזשיערדזשאָניוו האָט זי געאַרבעט אין דער ייִדישער שול ווי אַ לערערין. די שיינע קינדער־פאָרשטעלונגען וואָס זי פלעגט אויפפירן, האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. מיר פלעגן הנאה האָבן, ווען זי האָט מיט איר שיינער שטים אונדז געזונגען די אַמאָליקע האַרציקע ייִדישע לידער.

מיט חוהן און מיט וואָווען האָב איך זיך באַגעגנט מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער אין מאָנטרעאַל, בײַ סאָניע און לייב טענצער.

ריטע, וואָוועס פרוי, איז שוין ליידער ניט געווען. ריטע — אַ שיין מיידל פון בערעזע, פון די איינצלנע ייִדישע סטודענטקעס אין שטעטל, האָט וואָווען באַגעגנט אין טאַשקענט. זיי האָבן חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט זייער משפּחה אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

ריטע האָט דאָ פּאַרענדיקט שטודירן און באַקומען דעם מאַגיסטער־טיטל. פון אַ שווערער קרענק איז זי אַוועק פון דער וועלט. אירע און וואָוועסביידע זין האָבן אויסגעשטודירט און פאַרלאָזט די שטוב. וואָווע איז געבליבן אַליין. ער און די טענצערס האָבן מיך זייער שיין אויפגענומען, געטאָן אַלץ איך זאָל הנאה האָבן פון מיין וויזיט אין קאַנאַדע.

סאָניע, לייבל טענצערס פרוי, האָט געהאַט דורכגעמאַכט וויל־נער געטאָ און דייטשישע קאַצעטן. ווען זי איז אָנגעקומען אין דזשערדזשאָניוו, האָט מיין מאַמע איר געהאָלפן זיך איינאָרדענען אין אַ צימער ביי אונדז אין הויף. סאָניע האָט געשטרעבט זיך אַרויסצורייסן פון פוילן צו אירע עלטערן און צו איר מאַן, וואָס זענען געווען אין אויסלאַנד. געפּרווט האָט זי גנבענען די גרענעץ מיט אַ גרופּע ייִדן. דער פּרוו איז דורכגעפאַלן. מען האָט זי פאַר־האַלטן. דאָס ביסל דאָלאַרן וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך, האָט זי אַראָפּגעשווענקט מיטן וואַסער אין טואַלעט. דריי חדשים איז זי אָפּגעזעסן אין תפיסה. מיר איז געווען אַ רחמנות אויף דער איידע־לער, בלייכער, אויסגעמאַטערטער יונגער פרוי. כ'האָב איר איין מאָל אָפּגעטראָטן מיין בעט, זי זאָל דערוואַרעמען די גלידער, כאָטש איך אַליין בין געלעגן אין היץ. אַ דערפרוירענע און מידע איז זי אָפּגעשטאַנען אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט אין וואַגאָן, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט אַן אַנטוישטע פון וואַרשע, נאָכן באַקומען ווידער אַ מאָל אַן אָפּזאָג אויף איר ביטע אַרויסצופאָרן אויף אַ לעגאַלן וועג פון פוילן. מיט אַ צייט שפעטער איז זי פון דעסטוועגן אַרויסגעפאָרן. זיך פאַראייניקט מיט איר מאַן, לייב טענצער, זענען זיי אַוועק קיין קאַנאַדע. איצט האָבן זיי צוויי חתונה געהאַטע טעכטער און אייניקלער. לייב טענצער איז אַ פּראָפעסאָר פון ייִדיש אין מאָנטרעאַלער אוניווערסיטעט.

ס'איז געווען אַ טיפע איבערלעבונג זיך צו באַגעגענען מיט די אַלטע גוטע־פריינד און חברים. דערמאָנען אונדזער יוגנט, די

בשותּפותדיקע פאַרגאַנגענהייט און זינגען די באַליבטע ייִדישע לידער פון אַמאָל.

אין פּוילן האָבן מיר זיך געטראָפן מיט כילעקן — יחיאלן, אונדזער חבר פון סאַמאַרקאַנדער אינסטיטוט. ער האָט ווידער געשטודירט צוזאַמען מיט מײַן מאַן אין וראָצלאַווער אוניווערסי־טעט און צוזאַמען האָבן זיי זיך געגרייט צו די דיפּלאָם־עקזאַמענס. יחיאלס גרויסע פּלענער צו ווערן אַ ביזשוטעריע־סוחר פון אַ פּאַר־נעם זענען צערונען געוואָרן. שוין בײַם סוף פון די לימודים האָט ער פאַרלאָזן פּוילן און אַוועק אומלעגאַל דורך טשעכיע, כּדי אָנצוקומען קיין ארץ־ישׂראל און קעמפן פאַר דער ייִדישער מדינה — מדינת־ישׂראל.

יחיאל איז אונדזערער אַ טײַערער פרײַנד שוין צענדליקער יאָרן. ער איז בכלל אַן אמתער מענטשנפרײַנד און פאַרדינט כּשר דעם דאָזיקן עפּיטעט.

מײַן מאַן האָט געענדיקט שטודירן, באַקומען אַ גוטן פּאָסטן אין דער גרויסער שטאָט וראָצלאַוו, און מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצופאָרן אַהין.

די עלטערן מיטן ברודער זענען געבליבן אין דזשערדזשאָניוו, אָבער ניט קיין לאַנגע צײַט.

אין ווראָצלאַוו

אין ווראָצלאַוו האָבן מיר בײַם פּראָפעסאָר שטיין אָפּגעקויפט זײַן ווױנונג, וועלכע ער האָט אַליין אָפּגערעמאָנטירט נאָך דעם, ווי דאָס הויז איז געווען באַשעדיקט בעת דער מלחמה. אין אַזאַ שיינער דירה האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געוווינט: פיר צימערן מיט פּאַרקעט־פּאָדלאָגעס, גרויסע פענצטער און באַלקאָנען. איבערן גרויסן האָל איז שלמהלע אַרומגעפאָרן אויף זײַן ראָווערל. אַ באָד־צימער איז פאַר אונדז געווען גאָר אַ נײַע זאַך. אין שלאָפצימער איז געשטאַנען מעבל פון מאַהאָגאָני־האָלץ, אין עסצימער — פון נוסהאָלץ; אויף די ווענט — עטלעכע בילדער־אָריגינאַלן; אויף די סופיטן — שיינע לאָמפּן, קאַנדעליאַבערס. מיר האָבן אויך אײַנגעקויפט זיך אַ סערוויז פון שיינעם פּאָרצעלײַ, זילבערנע לעפל־גאָפּל־מעסער, נײַ בעטגעוואַנט און האַנטעכער.

מיט אַ מאָל בין איך געוואָרן אַ בעל־הביתטע — געפירט אַ ווירטשאַפט, אײַנגעקויפט, געקאָכט. מיטן אײַנקויפן שפּײַזפּראָדוקטן איז געווען גאַנץ שווער. מען איז שעהען־לאַנג אָפּגעשטאַנען אין די רייען בײַ די געשעפטן. פלייש פלעגט אונדז צוברענגען אַ פּאָלקע אין שטוב אַרײַן און נעמען דעם פּרײַז פון שוואַרצן מאַרק.

אין דער פרי פלעג איך גיין צו דער באַנסטאַציע אָפּוואַרטן די פויערים, וואָס קומען מיט קאָשיקעס אין שטאָט צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן: אייער, פּוטער — געוויקלט אין גרינע בלעטער, קעז אין ווײַסע לײַוונטענע זעקעלעך, פאַרשיידענע פרוכטן און גרינס. כ׳האָב בײַ זיי געקויפט, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, ווײַל צו די דאָזיקע פּראָדוקטן אין די געשעפטן אויף מלוכה־פּרײַזן האָט מען זיך ניט געקענט דערשלאָגן. בײַם קויפן לעבעדיקע עופות, האָט



די אויטאָרין מיטן מאַן און זון שלמהלע

מען, ווי אַ מאָל, געבלאָזן צווישן די פּעדערן צו זען, צי זיי זענען פעט. שאַרלאָטע, אַ דײַטשקע, פלעגט קומען צוויי מאָל אַ וואָך העלפן אין דער שטובאַרבעט. זי האָט מיר דערציילט, אַז נאָך אַ באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט, איז זי געווען באַגראָבן אונטער די חורבות פון זייער הויז, און מען האָט זי פון דאָרטן קוים אַרויסגעשלעפּט.

אַזוי זענען אָנגעקומען זאַטע יאָרן. כ׳בין געווען פאַרנומען מיטן קינד און מיט דער שטוב און האָב אויפגעהערט אַרבעטן. ס׳איז געווען פון וואָס צו לעבן. מײַן מאַן, ווי אַ דיפּלאָמירטער עקאָנאָמיסט, האָט געאַרבעט אין אַ גרויסער האַנדל־אונטערנעמונג און גוט פאַרדינט.

אַנטקעגן אונדזער הויז איז געווען אַ סקווער — אַ גאָרטן מיטביימער און בענק. אַהין פלעג איך קומען מיטן קינדער־וועגעלע און, זיצנדיק אויף אַ באַנק, לייענען ביכער אין פּויליש, רוסיש און

יידיש. אויך אַנדערע יידישע מאַמעס פלעגן קומען אַהער מיט זייער קליינוואַרג, און איך האָב געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט עטלעכע פון זיי. בעת די קינדער פלעגן זיך שפּילן אין זאַמד, האָט מען איינע פאַר דער אַנדערער אויסגעדערציילט די אייגענע איבערלעבונגען. און יעדע האָט געהאַט וואָס צו דערציילן...

קיינער פון די יידישע קינדער האָט ניט גערעדט קיין יידיש. איך האָב געפּרוּווט דערציִען מײַן קינד אין יידיש. ס'האָט זיך אָבער ניט אײַנגעגעבן. ער פלעגט בויען זאָצן האַלב אויף פּויליש, האַלב אויף יידיש.

מײַן ברודער לייזער איז געקומען קיין ווראָצלאַוו אויף אַן אויסשטעלונג פון זײַן „אָרט"־שול צו עקספּאָנירן אַן עלעקטראָנישן אַפּאַראַט, וואָס די שילער האָבן קאָנסטרויִרט. איז ער שוין פאַרבליבן בײַ אונדז עטלעכע חדשים ווי אַ גוטער, אָנגעלייגטער גאַסט.

מיר האָבן געהאַט אַרום זיך אַ סך גוטע־פרײַנד און חברים. באַזונדערש האָבן מיר זיך באַפרײַנדט מיט ד"ר יוזעק מאַקאָווסקי און זײַן פרוי וואַנדאַ. מיר פלעגן קומען צו זיי אויף דער פּוילישער פּאַסכאַ און ברענגען אַ פּעקל מצות, וועלכע וואַנדאַ, די פּאָלקע, האָט זייער ליב געהאַט. זי פלעגט צוגרייטן אַ געבראָטענעם האָז און אַנדערע פּוילישע מאכלים. צו אונדז האָבן מיר זיי פאַרבעטן צום פּסחדיקן סדר מיט מצה־קניידלעך, געפילטע פיש און אַנדערע פּאַטראַוועס. די אַרבע כּוסות האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלט...

יוזעק האָט פאַר דער מלחמה געלערנט אין מלאַווע, אין דער פּויליש־יידישער גימנאַזיע צוזאַמען מיט מײַן מאַן. געהאַט האָט יוזעק אַ פאַנטאַסטישע ביאָגראַפיע. בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט ער צוזאַמען מיט אַ חבר מצליח געווען צו אַנטלויפן פון טויטלאַגער מײַדאַנעק. שפּעטער איז ער אָנגעגאַנגען ווי אַ דײַטש און געדינט אין דײַטשישן מיליטער. ער איז בלאָנד, האָט בלויע אויגן, קען פּערפעקט דײַטש און רעדט אָן אַן אַקצענט. איז אים געראָטן אָפּצונאַרן די דײַטשן און אויף צו להכעיס היטלערן געבליבן לעבן.

זײַנע איבערלעבונגען האָט ער באַשריבן אין בוך „ווערמאַכט־געפאַלגע", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף עטלעכע שפּראַכן. איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט אין איין אָטעם אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט. די משפּחה פון ד״ר מאַקאָווסקי איז שפּעטער אַרויסגעפאָרן קיין דענמאַרק, ווו זיי לעבן עד־היום.

מיר האָבן אויך אויפגעהאַלטן אַ נאָענטע פרײַנדשאַפט מיט סאַרקעלע לעוויט, די סאַמאַרקאַנדער סטודענטקע, וועלכע האָט דערנאָך, אין פּוילן, געענדיקט מעדיצין. זי איז געוואָרן אונדזער הויזדאָקטער. זי איז געווען שיין, איידל און סימפּאַטיש. מיט איר מאַן, לעאָן הערצאָג, איז זי אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן. ער — אויף אַ הויכן פּוילישן מלוכה־פּאָסטן. אין זײַן זכות האָט זי זוכה געווען צו זײַן צוזאַמען מיט די אַנדערע דיפּלאָמאַטן אויף דער קרוינונג פון דער ענגלישער קעניגין. אירע עלטערן זענען געווען אַקטיווע קאָמוניסטן.

אין וורעצלאַוו האָב איך ליב געהאַט צו קומען צו די לעוויטס צוזאַמען מיט שלמהלען אויף אַ גלאָז טיי מיט די קליינע, מאָדנע געשמאַקע קיכעלער, וואָס סאַרקעלעס מאַמע פלעגט באַקן, און מכבד געווען מיט זיי געסט, שטענדיק שמייכלענדיק. הײַנט געפינט זיך די משפּחה הערצאָג אין שוועדן. אַנטלאָפן פון פּוילן מיטן שטראָם יידישע פּליטים, בעת נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט זיך דאָרטן צעבושעוועט אַ מיאוסער מלוכישער אַנטיסעמיטיזם. סאַרקעלעס עלטערן זענען געשטאָרבן אין שוועדן. די הערצאָגס באַזוכן אונדז פון צײַט צו צײַט.

זייער אָנגענעם איז געווען צו באַזוכן מוסיע און באָריס סאַדאָווניק. אים האָב איך געקענט פון פריער. מוסיעס עלטערן האָבן דאָ געוווינט צוזאַמען מיט זיי און געפירט אַ שיינע יידישע היים. מען האָט דערציילט, אַז די מאַמע איז געווען אַ שיינהייט און אַז דער טאַטע איז פאַר קאָמוניזם געזעסן אין קאַרטוז־בערעזער קאָנצלאַגער. אויפן געבוירן־טאָג פון מוסיעס און באָריס' טעב־

טערלער זענען זיך צונויפגעקומען אַ סך חברים און לאַנדסלײַט פון שטעטל דובנע, פון וואַנען די משפּחה האָט געשטאַמט. אויף די טישן איז געווען מכּל־טוב. מען האָט הנאה געהאַט פון די געשמאַקע מאכלים און אויך שיין פאַרבראַכט. בײַם טיש האָבן אַלע צוזאַמען געזונגען יידישע, רוסישע און פוילישע לידער.

כ׳האָב בײַ די סאַדאָווניקס באַקענט אַדאַ און סיאָמע ראָגינסקי, דעם אַפּטייקער, און ניורא מיט גרישע אינספּעקטאָר, דעם אינזשעניר־בעמיקער. וועגן ניורען האָט מען דערציילט, אַז בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פלעגט זי זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַ בריק. אין די האָר פלעגט זי אַרײַנפלעכטן ריינע ווײַסע סטענגעס, מען זאָל מיינען, אַז זי האָט אַ היים... מען האָט זי אָבער געכאַפּט און אָפּגעפירט אין געסטאַפּאָ. דער דײַטש, אין וועמענס רשות זי איז אַרײַנגעפאַלן, האָט זי באַהאַלטן אין אַ שאַפע און בײַ נאַכט געלאָזט אַנטלויפן.

ביז הײַנט חבר איך זיך מיט די אַלע גוטע־פרײַנד און חברים פון יענער צײַט.

זומער פלעגן מיר מערסטנס אַרויספאָרן פון וווראָצלאַוו צום באַלטישן ים און מחיה זײַן זיך אויפן ציכטיקן העלן זאַמד פון די דאָרטיקע פּלאַזשעס, הנאה האָבן פונעם קילן ים־וואַסער. באַהאַלטן זיך פון דער באַקנדיקער זון האָט מען געקאָנט אין די גרויסע שטרויענע קוישן, פונאַנדערגעשטעלטע אויפן ברעג. אין די אָוונטן פלעגט מען אַרויסגיין טאַנצן אין די נאַכטלאָקאַלן. בקיצור, חיגעלעבט!

שלמהלע פלעגט מיר אָנטאָן צרות מיט זײַנע אָפטע פּאַרקילונגען און די אַנגינעס, פון וועלכע ער האָט געליטן. דאָ איז אים נאָך אַרויסגעשפּרונגען אַ ווײַסער בלאָטער אויף זײַן אברל. כ׳האָב זיך דערשראָקן: אפשר האָט ער זיך אויף דער פּלאַזשע אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישער קרענק... אָדער, עפּעס זיך אָנגעמאַכט, בעת ער

איז אַרויס צום ים אין מיטן נאַכט מיך זוכן, ווען די בעל־הביתטע האָט עס ניט געהערט. אַ דרײַ־יעריק ייִנגעלע אַליין אויפן ברעג ים בײַ נאַכט... שרעק האָב איך געהאַט גענוג. האָב איך זיך צוגע־זאָגט מער ניט אַרויסגיין פאַרברענגען ביז שפעט.

איין מאָל האָט שלמהלע זיך געוואָרפן שלאָגן אַ פוילישן יאַטל, וואָס האָט אים באַליידיקט אָנרופנדיק „זשיד".

מײַן מאַן פלעגט קומען צו אונדז בלויז אויף אַ קורצער צײַט. די אַרבעט האָט אים געבונדן. אויך דאָ, בײַם ים, האָט ער באַגעגנט חברים פון דער היים — אירקע און סעוועק רודאַ. גרויס איז געווען די פרייד פון דער באַגעגעניש נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן. טעוועק מיט אירקען — אַ שיין פּאָרפאָלק,ביידע אויף הויכע רע־גירונג־פּאָסטנס אין פוילן. געווען זענען זיי דאָ אויף אָפּרו מיט זייערע צוויי טעכטערלעך. נאָך אין דער יוגנט האָט זיי ביידע מײַן מאַן באַקענט, און ס'איז געוואָרן אַ שידוך. צענדליקער יאָרן זענען מיר באַפרײַנדט. לאַנדסלײַט, חברים פון דער יוגנט — דאָס איז ווי משפּחה־קרובישאַפט נאָך אונדזער גרויסן חורבן, ווען מען איז געבליבן אָן די אייגענע און נאָענטע.

אונדזערע חברים מאַרישע און מיכאַל האַלער, געוועזענע סטו־דענטן פון וראָצלאַווער אוניווערסיטעט, און אויך בראָנקע מיטן טאַטן און מיטן ברודער, דעם אָפיציר פון דער פוילישער אַרמיי, האָבן געוווינט אין ווילעס, בײַם ראַנד פון דער שטאָט. גייענדיק צו זיי האָבן מיר געזען, ווי וראָצלאַוו האָט געליטן פון די מלחמה־האַנדלונגען. שרעקלעכע שפּורן פון קריג — צעקלאַפּטע הײַזער, חורבות פון גאַנצע קוואַרטאַלן, ווילד־פאַרוואַקסענע גערטנער און פאַרסמאַליעטעביימער. פּאַמעלעך האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג רעסטאַווירט רויִנירטע פלעצער, ווי דעם „רינעק", וווּ מען האָט אויפגעבויט נײַע הײַזער לויט די אַלטע מאָדעלן.

אין דער גרויסער, חרובער שטאָט וראָצלאַוו האָבן זיך באַזעצט אַ סך אַרײַנגעפאָרענע אײַנוווינער — פוילישע און ייִדישע משפּחות.

איז געווען אַ גרויסער דוחק אין דירות. און דאָס האָט געצוווּנגען צו באַגרענעצן דעם וווין־שטח אויף אַ פּערזאָן ביז אַכט קוואַדראַט־מעטער. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע דירה און געמוזט זיך פּאַרענגען. האָבן מיר אַרײַנגענומען סובלאָקאַטאָרן, מען זאָל אונדז לאָזן צו רו און ניט אַרײַנשיקן אַבי וועמען. אין גרעסטן צימער מיטן ווענעציאַנישן פענצטער, וואָס איז געשטאַנען ליידיק, האָט זיך אַרײַנגעצויגן אַ פּרוי מיט אַ זון, אַ סטודענט, — מאַריאַ און רישעק שאַלייסקי. מיט זיי האָבן מיר זיך שיין צוזאַמענגעלעבט. ביידע זענען זיי געווען בלאָנד, מיט בלויע אויגן און געקאָנט אָנגיין פּאַר פּאָליאַקן. זייער „אַריש" אויסזען האָט זיי טאַקע געהאָלפן זיך אויסצובאַהאַלטן אין וואַרשע נאָך דעם ווי זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אין דער לעצטער מינוט צו אַנטלויפן פון דער געטאָ־פּאַסטקע.

די צווייטע שכנטע, האַלינאַ שיקער, האָט אין לאָדזש זיך געגעט מיט איר מאַן, און מיר האָבן זי אַרײַנגענומען צו זיך. זי פלעגט אַרבעטן אין שטוב — באַמאָלן פּאַרשיידענע האָלץ־ און קעראַמיק־אויסאַרבעטונגען. זי פלעגט מיר העלפן צוגרייטן דאָס עסן און געבעקס צום געבוירן־טאָג פון שלמהלען און ווען מיר האָבן פּאַרבעטן צו זיך געסט. מיר פלעגן זיך דעמאָלט גוט פּאַרברענגען בײַ געדעקטע טישן, געזונגען האַרציקע רוסישע מלחמה־לידער, ייִדישע און פּוילישע פּאָלקסלידער, אַמאָליקע „שלאַגערס", דערציילט זיך קאָמישע און טראַגישע איבערלעבונגען, וואָס האָבן ניט אויסגעפּעלט בײַ יעדער איינעם פון אונדז.

ווען מײַן צווייט זונעלע, בעבוש, איז געבוירן געוואָרן, האָבן די צוויי סובלאָקאַטאָרס געמוזט פּאַרלאָזן די וווינונג. מאַריאַ שאַלייסקי האָט מיר געגעבן אַ מתנה — ביכער מיט אָנווײַזונגען צום קאָכן און באַקן. אויף זיי האָט זי אָנגעשריבן אַ דעדיקאַציע: „צום אָנדענק פּאַר דער טײַערער מאַמע פון מײַן באַליבט אייניקל שלמהלע". זי מיטן זון זענען אַרויסגעפאָרן צו זייערע קרובים אין פּראַנקרײַך.

האַלינאַ שיקער האָט ניט געהאַט קיין ברירה און זיך צוריק־געקערט צו איר מאַן. חתונה געהאַט מיט אים פון דאָס נײַ. שלמהלע האָט זי זייער ליב געהאַט און געשענקט איר בלומען צום אָפּפאָר.

מיר האָבן געפירט אין וראָצלאַוו אַ נאָרמאַל און גוט לעבן. אָפט געגאַנגען אין אָפּערע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. שטאַרק הנאה געהאַט האָבן מיר פון די ספּעקטאַקלען, וואָס דער יידישער מלוכה־טעאַטער אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ, אין וואַרשע, פלעגט צו אונדז אַראָפּברענגען. געשפּילט האָט בײַ אונדז דער טעאַטער אין אַ ספּעציעל פאַר אים באַשטימטן בנין. בײַ מיר אין זכרון זענען אײַנגעקריצט די פאָרשטעלונגען „מירעלע אפרת" און „מאיר עזאָפּאָוויטש" מיט אידאַ קאַמינסקאַ בראָש פון איר גוטן אַנסאַמבל.

מיר פלעגן אויך באַזוכן די לעקציעס און קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס דער יידישער קולטור־פאַרבאַנד אין פוילן פלעגט דורכפירן אין וראָצלאַוו. און אַזוי האָבן מיר אויפגעהאַלטן אונדזער גײַסטיקן צובונד צו יידישער ליטעראַטור, קונסט און קולטור.

מײַן מאַן האָט, ווי שוין געזאָגט, געאַרבעט אין אַ האַנדל־אינסטיטוציע און דערצו — אין אַ ביוראָ פאַר ענערגעטיק. קריגנדיק אַ סטאַבילע געהילף אין דער שטוב־ווירטשאַפט און צו די קינדער, בין איך אויך אַוועק אַרבעטן אין מײַן ספּעציאַליטעט — אַ דיפּלאָמירטער עקספּערט אין דער טעקסטיל־ און לעדער־בראַנזשע בײַ אַ גרויסער פירמע פון אימפּאָרטירטע סחורות — „גאַללוקס".

אונדזער צווייטער זונעלע, בערעלע (אַ נאָמען נאָך מײַן ברודער) — בעבוש האָבן מיר אים פאַרצויגן גערופן, איז געבוירן געוואָרן אַ שוואַרץ־חנעוודיק יאַטעלע, מיט לאַנגע, געקרײַזלטע האָר, ווי אַ תּימנער. אין שפּיטאָל, וווּ כ'האָב אים געבוירן, האָט געאַרבעט אונדזער גוטער פרײַנד ד"ר באָריס סאַדאָווניק, און ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געזען מײַן נײַ־געבוירענעם און מיר אָפּגעגעבן פון אים גוטע גרוסן...

די ערשטע צײַט פלעגט בעבוש וויינען גאַנצע נעכט, און איך, ניט קיין דערשלאָפענע, בין אַרומגעגאַנגען בײַ טאָג ווי אַ שיכּורע. מיט אים האָט זיך פאַרנומען מײַן געהילף, נעלי, אַן אַכצן־יעריק שיקסל מיט בלאָנדע צעפּ און שיינע העלע אויגן. זי פלעגט בײַ



די אויטאָרין מיט אירע בײדע זין שלמהלע און בעבוש

אונדז אויך נעכטיקן. מיר דאַכט, אַז מײַן מאַן איז זי זייער געפעלן געוואָרן. אין דער פרי, ווען ער פלעגט גיין צו איר אין צימער זי וועקן, האָט עס אַ ביסל צו לאַנג געדויערט... כ׳האָב אים ניט געוואָלט פּאַקן „אויף דער הייסער מינוט״, און אַראָפּגעשלונגען די איפּערזוכט. ניט געוואָלט מאַכן קיין לײַטיש געלעכטער. באַ־שלאָסן צו פירן אַ רויק לעבן, אָן סקאַנדאַלן. און קיין מאָל ניט אויפגעהויבן קיין גערייד אויף אָט דער טעמע.

די צווייטע געהילפין איז שוין געווען עלטער און מיאוס. זי האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו די קינדער און פאַר אַלעמען געזאָגט, אַז דאָס זענען אירע זין. פון איר געהאַלט פלעגט זי קויפן שפּיל־

צײַג פֿאַר זיי, פֿאָרן מיט זיי אין זאָאָלאָגישן גאָרטן און גיין אויף פֿאָרשטעלונגען פֿאַר קינדער.

ס'האָט זיך געפֿילט אַ גרויסע בעסערונג אין לעבן פֿון די אײַנוווינער אין די פּוילישע שטעט אויף דער געוועזענער דײַטשישער טעריטאָריע. אָבער פֿאַר ייִדן... דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך געפֿילט אויף שריט און טריט. געווען פֿאַלן, אַז אַ ייִד האָט גערעדט ייִדיש אין טראַמוויַי, האָט ער געכאַפּט קלעפּ פֿון פּוילישע כוליגאַנעס.

מיט אונדזערע פּוילישע שכנים אין הויז האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט. מיר האָבן זיך אַלץ מער איבערצײַגט, אַז ניט דאָ איז אונדזער אָרט, כאָטש מאַטעריעל האָט אונדז קיין זאַך ניט געפֿעלט און געלעבט האָבן מיר, ווי פֿאַר יענער צײַט, אין ווילטאָג.

קיין ישׂראל!

מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדזער זײַן אין פּוילן מוז זיך ענדיקן. האָבן מיר באַמבאַרדירט מיט בריוו די פּוילישע מלוכה־אָרגאַנען, מען זאָל אונדז אַרויסלאָזן קיין ישׂראל, צו מײַנע עלטערן און ברודער, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אַהין נאָך אין 1950. אָבער מען האָט אונדז אָן אויפהער אָפּגעזאָגט. אפשר דערפאַר, וואָס אין פּוילן זענען דעמאָלט נאָך ניט געווען גענוג אַקאַדעמישע קאַדרען, האָט מען ייִדן מיט העכער בילדונג ניט אַרויסגעלאָזט.

ערשט סוף 1956, ווען גאָמולקאַ האָט צוריק איבערגענומען די מאַכט, האָבן מיר פּלוצלונג באַקומען די דערלויבעניש צו עמיגרירן קיין ישׂראל. גרויס איז געווען אונדזער פרייד מיט דער גוטער בשׂורה, כאָטש פון די בריוו פון מײַן משפּחה האָבן מיר געוווּסט, אַז דער מצב אין ישׂראל איז אַ שווערער, סײַ פּאָליטיש, סײַ עקאָנאָמיש, און זיי מאַכן קוים חיונה, בעת אונדז לעבט זיך גאָר גוט — לײַכט און זאַט...

און ניט נאָר אונדז האָט זיך געלעבט דעמאָלט אין פּוילן לײַכט און זאַט. אַ סך ייִדן — אויף העכערע מלוכה־פּאָסטנס, שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער הערשנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין דער ליטעראַטור און קונסט, אין דער פּרעסע, אין אינדוסטריע און האַנדל. און זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן פּוילן, ווו זיי האָבן זיך אַקלימאַטיזירט, אויפגעבויט אין דער נײַער סביבה היימען, משפּחות. פון דעסטוועגן האָבן מיר געפילט, אַז ייִדן זענען אונדז מקנא, די ערשטע צוויי משפּחות — מיר און די אָקיענסקיס — וואָס פאַרלאָזן פּוילן אויף אַ לעגאַלן וועג. נאָך יאָרן וואַרטעניש פאָרן מיר זיך צו פאַראייניקן מיט אונדזערע נאָענטסטע.

הונדערטער ייִדן האָבן אונדז אַרויסגעבאַגלייט אין ווראָצלאַוו אויף דער אײַזנבאַן. מענטשן האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיט אונדז און צוגעווונטשן אַל דאָס גוטס.

פאַרן אַרויספאָרן פון ווראָצלאַוו האָבן מיר פאַרקויפט די דירה מיטן מעבל. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש איבער די געשעפטן אײַנצוקויפן פאַרן געלט זאַכן, מחמת וואַליוטע האָט מען ניט געטאָרט אַרויספירן און פוילישע זלאָטעס האָבן ניט געהאַט קיין ווערט אין אויסלאַנד. האָבן מיר זיך אײַנגעקויפט אַ קלאַוויר, טעפּעכער, פאַרשיידן געשיר, אַ קילשראַנק, אַ ראַדיאָ און אַ סטע־רעאָ, קרישטאָל, זילבערוואַרג, אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, פוכענע דעקעס, צירונג. אַלץ פאַרפּאַקט אין גרויסע קאַסטנס, און אַרויסגעשיקט מיטן ים קיין ישׂראל. די פּעק מיטן בעטגעוואַנט זענען געווען איבערגעבונדן מיט גראָבע שטריק, וואָס אין זיי האָט אונדזערער אַ גוטער באַקאַנטער באַהאַלטן דעם רעשט ביסל דאָלאַרן.

מיט די פּוילישע שכנים פון אַנטקעגן האָבן מיר זיך אויך האַרציק געזעגנט און זיי אָוועקגעשענקט פאַרשיידענע שטובזאַכן. די פּאָליאַקן זענען דווקא צופרידן געווען, וואָס ייִדן פאַרלאָזן פוילן. אַ מאָל איז דאָך געווען זייער לאָזונג: „ייִדן — קיין פּאַלעסטינע!"

באַקאַנטע זענען געקומען פרעגן, וואָס איז כּדאַי מיטצונעמען קיין ישׂראל. געווען קלאָר, אַז אויך זיי טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק צו פאַרלאָזן פוילן, בכדי זיך צו פאַראייניקן מיט דער גרויסער ייִדישער משפּחה — מיטן ייִדישן פאָלק אין זײַן היסטאָ־רישן היימלאַנד. די ייִדישע עמיגראַציע פון פוילן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן פון דאָס נײַ, און מיר זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן דערצו זוכה געווען.

צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות האָבן וויניק ייִדן אין פוילן זיך אָפן דעקלאַרירט פאַר ציוניסטן, אָבער די רעאַליטעט, דער אַנטיסע־מיטישער אַרום, די דורכגעמאַכטע גרוילן פון דער צווייטער וועלט־

מלחמה האָבן געטאָן דאָס זייעריקע: געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיַין און די מסקנא, אַז וויפל ס'איז באַשערט צו לעבן, מוז מען עס אין אַן אייגענער היים, אין אַ סביבה פון ייִדן, ווי פרײַע בירגער פון אַן אייגענער מדינה, ווו מען זאָל קאָנען איבערגעבן אונדזערע קינדס קינדער, וואָס אונדזער דור האָט איבערגעלעבט און וועלכן אויספיר מען מוז דערפון מאַכן.



די משפחה אין ישׂראל.
פון רעכטס: דער מאַן, דער זון שלמהלע, די מאַמע פון דער אויטאָרין, די אויטאָרין, איר פאָטער, איר ברודער לייזער; אין מיטן: דער זון בעבוש

פון וורא̈צלאַוו זענען מיר געפאָרן קיין וואַרשע, ווו מיר האָבן געדאַרפט פאַרן פאַרלאָזן פוילן דערליידיקן נאָך אַ ריי פאָרמאַליטעטן. אין וואַרשע האָבן אונדזערע טײַערע פרײַנד, די עלטערן פון סאַרקעלע הערצאָג־לעוויט, אונדז אָפּגעטראָטן זייער וווינונג אויף

די צוויי טעג וואָס מיר זענען געווען אין שטאָט. יוזעק מאַקאָווסקי האָט אונדזער משפּחהלע האַרציק אַרויסגעבאַגלייט צו דער באַן.

מיט אַ סך האָפענונגען און אויך אַ ביסל האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. אָן קיין שום חרטה, פאַרקערט, מיט אמתער פרייד, האָבן מיר פאַרלאָזן די פּוילישע ערד, אַ דורכגעווייקטע מיט יידיש בלוט און יידישע טרערן...



מ. בערנשטיין : צייכענונג

אינהאַלט

7 אַריַינפיר־וואָרט — ד״ר י. ח. בילעצקי

9 מיַין היימשטעטל

18 אונדזער שטוב

27 אין דער ייִדישער שול

33 זיסע קינדער־יאָרן

39 קולטור־לעבן אין בערעזע

46 אין ביאַליסטאָק

58 ס'ברעכט אויס דער צווייטער וועלטקריג

65 אין סאָוועטישע באַדינגונגען

72 מלחמה

78 אין לענינגראַד און איבער רוסלאַנד

87 אין סאַמאַרקאַנד

95 ווידער לערנען

103 וואַקאַציעס און וויַיטער לערנען

110 ייִדישע יוגנטלעכע פון פוילן אין סאַמאַרקאַנד

118 אין האָב חתונה

129 אין לעמבערג

140 צוריק אויף דער פוילישער ערד

151 איך ווער אַ מאַמע

159 אין וואָרצלאַוו

169 קיין ישׂראל!